STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06474

GEGRAMTE FELYETONEN UN ZIKHROYNES

Josef Szymon Goldstein

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף שמעון גאָלדשטיין

געגראַמטע פעליעטאָנען
און זכרונות

יוסף שמעון גאָלדשטיין

געגראַמטע פעליעטאָנען און זכרונות

פאַרלאַג ברידער שולזינגער ניו־יאָרק

תשל״ז — 1976

Josef Szymon Goldstein

GEGRAMTE FELIETONEN UN ZICHROYNES

Feature Articles in Rhymes and Memoirs

Copyright 1976 by
JOSEF SZYMON GOLDSTEIN
1441 Lincoln Road
Miami Beach, Fla. 33139

Printed in U.S.A. by
SHULSINGER BROS., INC.
New York, N. Y.

אַ דאַנק

איך דאַנק דעם שעף־רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס״, מיין פריינט און חבר שמעון וועבער און די חברים קלמן קאַרלינסקי און משה עטינגער פאַר דערמוטיקן מיך און העלפן ביים צוזאַמענשטעלן און קאָרעגירן דעם גאַנצן מאַטעריאַל.

אחרון, אחרון — מיין ווייב קלאַרא — די האַרציקסטע דאַנקען פאַר איר איבערגעבנקייט בעת מיין שווערער קראַנקייט.

יוסף שמעון גאָלדשטיין

אינהאַלט:

אַנשטאָט אַ פאָרוואָרט........ 1
יוסף שמעון גאָלדשטיינס אַרטיקלען........ 2
אַן עסיי וועגן מיינע גראַמען פון גרויסן אידישן דיכטער און
קריטיקער יעקב גלאַטשטיין........ 3
אַן אַרטיקל פון דעם באַגאַבטן סאַטיריקער און עסייאיסט אברהם
שולמאַן וועגן מיינע גראַמען........ 6
צוויי בריוולעך צום „פאָרווערטס" וועגן קאָלום „אַ איד צו אידן" 9

לידער

דאָס לאַנד פון פילן........ 13
דאָס לאַנד פון ראַטעס........ 14
דאָס לאַנד פון „קאַרס"........ 15
דאָס לאַנד פון טעלעפאָן........ 17
דאָס לאַנד פון דיעטעס........ 18
אויסגעגרינטע אימיגראַנטן........ 19
איז מען זיכער צו שפּאַצירן אין אַ פּאַרק........ 20
ענטפער פון יאָסל דעם גרינעם........ 20
זונטיק אויפן בית־עולם........ 21
ווען עס פאַלט אַ שניי........ 22
הימל און ערד און בערד........ 23
אַ דיסקוסיע צווישן ניו־יאָרק און ניו־דזשוירזי........ 25
ניו־דזשוירזי ענטפערט ניו־יאָרק........ 25
צוויי אַסימילירטע אַמעריקאַנער אידן שמועסן........ 26
די עפּידעמיע פון סטרייקן........ 28
אָפּקלאַנגען פון שבועות........ 29
אַ קרעכץ פון אַ גרינעם........ 30
איז טאָקע קאָלאָמבוס געווען אַ איד?........ 32
וואָס איז קאָלאָמבוס געווען — אַ גוי צי אַ איד?........ 34
ווער איז אַ איד?........ 36
וואָס זאָגט אַ אידישיסט?........ 37
וואָס זאָגט אַ סאַטמאַרער חסיד?........ 38
דיסקוסיע וועגן סעקס אין דער אידישער ליטעראַטור........ 39
אַן אַנהענגער פון סעקס האָט דאָס וואָרט........ 41
אַ קעגנער פון סעקס נעמט ווידער דאָס וואָרט........ 42

דיסקוסיע וועגן „קריעת ים סוף״ 43
צי דאַרף אַ רב האָבן אַ באָרד, צי ניין 45
דאַרף מען איינפירן געבורט־קאָנטראָל 49
וואָס זאָגט אַן אָנהעגנער פון געבורט־קאָנטראָל? 51
אַ קעגנער פון געבורט־קאָנטראָל 52
אַן אָנהעגנער פון געבורט־קאָנטראָל האָט ווידער דאָס וואָרט ... 53
וואָס זאָגט אַ חסיד׳ישער איד וועגן געבורט־קאָנטראָל? 55
וואָס זאָגט אַ ווייבל וועגן געבורט־קאָנטראָל? 56
דיסקוסיע וועגן ציווילע חתונות אין ישראל 58
וואָס זאָגט אַ קעגנער פון ציווילע חתונות 59
דיסקוסיע וועגן פליענייש צו דער לבנה 60
דיסקוסיע וועגן כותל מערבי 62
די מחלוקת צוליב אידיש אין אַמעריקע 63
דאָס גרויסע אידישע ווערטערבוך 64
אַ אידישיסט וואָס קעמפט קעגן אַלטן אויסלייגעכץ 65
אַ מלחמה קעגן דער שטומער „ע״ 66
אַ וויי־געשריי פון דער שטומער „ה״ 67
אַ געזאַנג צום „טאָג פון דער מאַמען״ 68
אַ געזאַנג צום „טאָג פון טאַטן״ 70
מיין געזאַנג צו „פאַדערס דעי״ 71
נאָך גראַמען צום טאָג פון דער מאַמע 72
אַ בריוול פון גוי׳אישן „לויפער״ פאַר מעיאָר 73
דער רשע פון דער הגדה שרייבט צו יאָסל דעם גרינעם 74
דער חכם פון מה נשתנה שרייבט צום שאינו יודע לשאול 76
אַ בריוול פון המן צו יאָסל דעם גרינעם 77
מזמור לחנוכה 78
אַ פיזמון צו חנוכה 79
די לאַגע נאָך חנוכה 80
מיין בקשה צו די חזנים פאַר די ימים נוראים 81
רעפאָרמער ווילן אַ נייעם מחזור 82
דער נייסטער מחזור 83
יום כיפור 85
קראַנקע שולן 86
ביים באַרג סיני 87
אַ תפילה צו משיח׳ן 88
דער ליובאַוויטשער פאַרשפרייט תורה 89
אויפרוף פון חב״ד־פאַוויליאָן אויף דער ניו־יאָרקער וועלט־
אויסשטעלונג 91

מזמור ל׳גלאָק.......... 92
הימל און ערד און וואַלן.......... 94
צי קען מען אויסראָטן גנבים.......... 94
אַ שמועס צווישן ברעזשניעוו׳ן און דעם „לונאַ״־אַרויפשיסער... 96
קאָרעספּאָנדענץ צווישן צוויי חזירים.......... 98
אַ בריוול פון כאַוועך סטאַלין צו יאָסל דעם גרינעם.......... 99
אַ סאָוועטישער איד שרייבט צו יאָסל דעם גרינעם.......... 100
ווען איך וואָלט געווען דער בורא־עולם וואָס וואָלט געווען..... 103
דאָס נייע יאָר געזעגנט זיך מיטן אַלטן יאָר.......... 105
טאָמאַס עדיסאָן שרייבט צו יאָסל דעם גרינעם.......... 106
שמועסן צווישן עלטערן מיט זייערע קינדער.......... 108
אַ בריוול פון אַ מאַלפּע צו יאָסל דעם גרינעם.......... 110
אַ פּיזמון לכבוד „טענקסגיווינג״.......... 111
אַ בריוול צו אַ ישראל־איד.......... 112
די תפילה פון אַן אפּיקורסישן ראַבאַי.......... 114
סוועטלאַנאַ שרייבט, אַז סטאַלין איז צו איר געווען אַ גוטער טאַטע 115
די מלחמה פון קוואָס קעגן קאָקאַ־קאָלאַ.......... 116
אַז זיי איז ליב — איז מיר ניחא.......... 118
מיינע דיסקוסיעס מיטן חבר מענדל וועגן סטאַלינ׳ען.......... 119
חיים נחמן ביאַליק 110 יאָר.......... 121
אַ בריוול פון אַ סאָוועטישן משוגעים־הויז צו יאָסל דעם גרינעם 122
מיין אינטערוויו מיט וולאַדימיר אשכנזי.......... 123
אַ בריוול פון יאָסל דעם גרינעם צו אַנדריי גראָמיקאָ.......... 125
וואָס זאָגט אַ קעגנער פון געמישטע חתונות?.......... 126
אַ נייע מעדיצינישע טעאָריע.......... 127
אַ בריוול פון אַ לייענער.......... 129
אַ בריוול פון אַ ווייבל צו יאָסל דעם גרינעם.......... 130
אין ישראל־תפיסות לערנט מען מאַלעריי.......... 131
ישראל׳דיקע מאָדע־אויסשטעלונג אין אַמעריקע.......... 132
אַ בריוול פון מדינת ישראל.......... 134
סאַטמאַר פּראָטעסטירט פאַרוואָס ישראל וויל נעמען ישיבה־
בחורים צום מיליטער.......... 135
כאַבאַר סקאַנדאַל אין מדינת ישראל.......... 136
די מלחמה צוליב ממזרים אין מדינת ישראל.......... 138
אַ שמועס צווישן צוויי טייבעלעך.......... 139
דער „דיאַלאָג״ אין ירושלים.......... 142
טענות פון אַ אידישן שרייבער.......... 143
מעג מען שמייסן שול־קינדער.......... 145

מיני־קליידלעך און נאַקעטע קני........ 146
פריץ קרייזלער........ 147
פילאָטן און סטיוואַרדעסעס........ 148
די עפּידעמיע פון לאַנגע האָר........ 150
די נייסטע רעקאָמענדאַציע פון אַמעריקאַנער דאָקטוירים...... 151
אַ מענטש־מאַלפּע פון קאַליפאָרניע........ 153
אַ דיסקוסיע וועגן אינטעליגענץ........ 154
אַ היפּי וועגן „דזשענערייטאָן־גאַפּ״........ 156
אַ וואָרט צו די אַנטיסעמיטן!........ 157
אַ חסיד האָט געשריבן צו יאָסלען וועגן בילי ראָוז׳ס סקולפּטור־
מוזעאום אין ירושלים........ 159
אַ בריוול פון מאַרס צו יאָסל דעם גרינעם........ 161
מיין תפילה........ 162
צו ישראל׳ס אַמבאַסאַדאָר פון אַרגענטינע, אריה לבבי........ 163
דיסקוסיע צווישן צוויי אידן........ 164
אַ בריוול פון כרושטשעוו׳ן, פאַרוואָס ער האָט אין יאָר 1963
פאַרבאָטן צו באַקן מצות........ 166
אַ בריוול פון דער לבנה........ 167

פעליעטאָנען

ברוך הבא, מיין שכן ר׳ מענדל איז דאָ!........ 171
אַ מיטל צו ראַטעווען די אידישע שפּראַך, טעאַטער און ליטעראַטור 172
ר׳ מענדל וועגן שבועות........ 174
ר׳ מענדל האָט טענות צו דער „הגדה של פסח״........ 175
אַ שמועס מיט ר׳ מענדלען ביים בויען אַ סוכה........ 177
וואָס זאָגט ר׳ מענדל נאָך קיסינדזשער׳ס וויזיט אין מאָסקווע?.. 178
אַ שמועסל מיט ר׳ מענדלען וועגן דער וועלט־לאַגע........ 180
וואָס איז פאַרגעקומען אין מאָסקווער קרעמל........ 181
אַ גרינער וואָס האָט מזל צו משפּחה........ 183
די גט־עפּידעמיע אין אַמעריקע........ 185
ווי זעען אויס אונזערע טרויער־אַקאַדעמיעס נאָך דעם חורבן־
אייראָפּע?........ 186
ר׳ גדליה האָט אַ מיטל צו ראַטעווען אַמעריקע........ 187
(כעלם — די שטאָט פון נאַראָנים)........ 190
אידישע אפּיקורסים פאַר די הייליקע טעג........ 192
אַ וויזיט ביי אַ אידישיסטישן דאָקטאָר........ 195

ווי מען רעקלאַמירט אַמעריקאַנער חזנים 196
סליחות אַמאָל און סליחות איצט 197
„קאַלעקשאַנס״ וואָס מ׳מאַכט אין שוהלן 198
אַ ברירה האָט מען: מען מוז זיין פרום 199
מאָנאָלאָג פון אַ חזן 201
אַ גרינער אפיקורס דאַוונט אין אַמעריקאַנער שוהל 204
מיין ביטערער סוף אין אַ סאָוועטישן צירק 206
אַ דרשה נאָך נעילה „אָנלי אין אַמעריקאַ״ 208
מ׳האָט פאַרבאָטן די דאַוונערס צו רעדן אין מאָסקווער שוהל .. 209
געזאָלין און כשר פלייש זיינען די טייערסטע פּראָדוקטן 211
ווי זעט אויס דער ליבער פורים אין אַמעריקע? 212
חנוכה האָבן די ליובאַוויטשער ישיבה־בחורים אַ לייכטע אַרבעט 214
אַ וויכוח וועגן חנוכה צווישן שרייבער 215
דער זונטיק ווען מען האָט ליב דעם טאַטן 216
דער „טאָג פון טאַטן״ 217
דריי טאַטעס וועגן „טאָג פון טאַטן״ 219
מען האָט מיך געוואָלט מאַכן פאַר אַ מלמד אין סאָוועט־רוסלאַנד 221
אויף אַ קאָנפערענץ פאַר שלום 222
ווער איז געווען „אדם הראשון״ 223
איך — מיר — מיין ווינציקייט 223
מ׳זוכט סיי אויבן סיי אונטן 226
30 „סאַנאַבראַבאַטקאַ״ 227
דער קאַמף צווישן סאָוועטן מיט אַמעריקע צוליב קימפּעטאָרינס 228
דיסקוסיע אויף טעלעוויזיע וועגן די סאָוועטישע אידן 229
העברעאישע בלומען אין מדינת ישראל 230
כיבוד אויף אידישע מיטינגען 231
ווי אונזערע אידן פאַראידישן די ניי־יאָר פּאַרטיס 232
צוויי „געראַטענע״ בר מצוה־באָיס 233
פאַרוואָס מ׳עסט שבועות מילכיקע קרעפּלעך 234
די אידישע טעאַטערס 238
אַמעריקאַנער טוריסט האָט זיך „דיסאַפּאָינטעט״ אין „איזראַעל״ 239
תפיסות אין ישראל 240
מיין ליטעראַרישע אַנקעטע צווישן צייטונגס־שרייבער 242
געשפרעך מיט אַ וואַרדן פון אַ צעבונטעוועטער תפיסה 243
ווי אַזוי דאַרף מען שרייבן 244
מיין שכן דזשעק, דער פאַרביסענער ראַדיקאַל 244
אונטערגעהערטע שמועסן 245
„טהענקסגיווינג״ 255

ביי דער „טהענקסגיווינג" סעודה................ 256
באַגעגענישן מיט ריטאַיערטע אידן......... 257
אויף אַ ניי־יאָר פּאַרטי.................... 258
וואָס דאַרף מאַן און ווייב טאָן כדי צו לעבן בשלום?.......... 259
ניסים וואָס עס באַווייזן אַמעריקאַנער ווייבער............ 261
אפּיקורסישע פּרויען וועגן חסידות׳טעס............ 263
מ׳האָט געוואָלט אונטערצינדן דעם ים אין ענגלאַנד........ 264
דער אָריגינעלסטער זומער־האָטעל אין אַמעריקע........ 265
אַ שטיקל סוד וועגן מיין רעדאַקציע־אַרבעט........... 267
איך האָב געלייגט תפילין אין רעדאַקציע פון „פאָרווערטס"... 269
וואָס וואָלט געווען ווען אַ שרייבער ווערט אַ שדכן........... 270
ר׳ שמואל יוסף עגנון, געווינער פון דער נאָבעל פּרעמיע...... 271
דער טומל אַרום שפּיאָנאַזש................. 272
די „יונייטעד ניישאָנס" ווערט איבערגעבויט.......... 273
חסידים פּיקעטן דעם ישראל־קאָנסולאַט אין ניו־יאָרק........ 274

אַנשטאָט אַ פאָרוואָרט

שוין יאָרן־לאַנג ווי באַרימטע אידישע זשורנאַליסטן, עסייאיסטן, פּאָעטן און ליטעראַטור־קריטיקער האָבן זיך גע׳חידוש׳ט פאַרוואָס איך פאַראייביק נישט מיינע געגראַמטע פעליעטאָנען און אפילו מיין פּראָזע־הומאָר אין בוך־פאָרם.

זיי זיינען אפשר געווען גערעכט, אָבער שולדיג דאַרין איז דער אַרכיוו פון מיינע געדרוקטע זאַכן, וועלכער געפינט זיך אין אַ „גלענצענדער אומאָרדנונג״.

ווען די אַרכיוו פון „עף־בי־איי״ למשל וואָלטן געהאַלטן געוואָרן אין אַזאַ „תוהו ובוהו־אָרדנונג״ ווי מיין ליטעראַרישער אַרכיוו איז, וואָלט געווען איינס פון די ביידע: אָדער אַלע אַמעריקאַנער בירגער וואָלטן געזעסן אין טורמעס, אָדער אַלע פאַרברעכער וואָלטן זיך אַרומגעדרייט אויף דער פריי.

מיין פאַרוואָרלאָזטער אַרכיוו, פון וועלכן מער ווי צוויי דריטל פון מיינע געדרוקטע זאַכן זיינען פאַרלוירן געגאַנגען, איז געווען די הויפּט־סיבה פאַרוואָס מיינע שרייבערייען זיינען נישט פאַרביכערט.

ווען איך בין אָבער די לעצטע יאָרן, צוליב געזונט־סיבות, געוואָרן אַ תושב פון מיאַמי, האָב איך זיך געטראַכט, ענדלעך איז געקומען די צייט צו מאַכן אַ שהחיינו איבער אַ בוך און נישט אָפּצולייגן אויף שפּעטער, ווען עס וועלן שוין חלילה נישט זיין קיין לייענער און נישט קיין קריטיקער אַראָפּ־צורייסן דאָס בוך.

אין מיין איצטיקן בוך זיינען אַריין בלויז אַ גאַנץ קליינער טייל פון מיינע סאַטירישע זאַכן וואָס זיינען געווען געדרוקט אין „פאָרווערטס״. עס זיינען אינגאַנצן נישט אַריין מיינע זאַכן וואָס זיינען דערשינען אין וואַרשעווער „היינט״, וואו איך בין געווען אַ רעדאַקציע־מיטגליד. די זאַכן אין „היינט״ האָב איך געשריבן אונטער מיין דאַמאָלסדיקן פּאָפּולערן פסעוודאָנים „דער לוסטיקער פעסימיסט״.

יוסף שמעון גאָלדשטיין׳ס אַרטיקלען

וואָס דער פאָרווערטס־רעדאַקטאָר הלל ראָגאָף ע״ה האָט געשריבן וועגן יוסף שמעון גאָלדשטיינ׳ס אַרטיקלען

מיר ווילן נאָך אַמאָל ציען די אויפמערקזאַמקייט פון אונזערע לעזער צו דער מערקווירדיקער סעריע אַרטיקלען וועגן סאָוועט־רוסלאַנד, וואָס גאָלדשטיין דרוקט אין זונטאָג־„פאָרווערטס״. אַזוינע אמת׳דיקע אינטע־רעסאַנטע און קלאָרע בילדער פון סאָוועטישע מענטשן אין סאָוועטישן לעבן געפינט מען זעלטן אין אירגענד וועלכע פרעסע אין דער וועלט.

יוסף שמעון גאָלדשטיין איז אַ אידישער זשורנאַליסט פון פוילן, וועלכער האָט געוואוינט אין רוסלאַנד אין די מלחמה־יאָרן.

אין פאַרלויף פון די עטליכע יאָרן וואָס גאָלדשטיין איז געווען אין רוסלאַנד האָט ער געהאַט פערזענליכע ערפאַרונגען און איבערלעבונגען פון פאַרשידענע סאָרטן, אַזוינע וואָס זיינען אין אַ פרייער, דעמאָקראַטישער לאַנד ניט מעגליך.

וועגן די אַלע זאַכן דערציילט ער אין זיינע אַרטיקלען. ער שרייבט ניט ווי אַ פאַרטייאישער מענטש; ער פרובירט ניט איבערצייגן דעם לעזער, אַז מ׳דאַרף ליב האָבן אָדער פיינט האָבן דעם סאָוועטישן סיסטעם. ער גיט איבער פאַקטן, וואָס ער האָט אַליין אָנגעזאַמעלט, אַליין בייגעוואוינט אָדער איבערגעלעבט. און ער דערציילט עס ווי אַ שרייבער ווי אַ שריפטשטעלער, ווי אַ קינצלער. ער מאָלט מענטשן, ער שילדערט סיטואַציעס און פאַסירונגען. ער שאַפט אַטמאָספערע. און ער טוט עס אַלץ אין אַ לייכטן, קלאָרן סטיל, מיט אַ פיינעם הומאָר. און דערצו ווייסט גאָלדשטיין דעם סוד ווי צו האַלטן דעם לעזער געשפאַנט. זיינע אַרטיקלען לייענען זיך ווי גוט־אויפגעבויטע ערציילונגען פון אַ טאַלאַנטפולן שריפטשטעלער.

אַ עסיי וועגן מיינע גראַמען פון דעם גרויסן אידישן דיכטער און קריטיקער יעקב גלאַטשטיין ע״ה אין מרדכי שטריגלער׳ס וואָכנבלאַט „אידישער קעמפער״, פון 22טן דעצעמבער 1961

גראַמען־ווירטואָזיטעט

מיר איז אַ וואונדער וואָס ס׳האָט נאָך קיינער ביז איצט נישט געצויגן אויפמערקזאַמקייט אויף דער ווירטואָזיטעט פון דעם הומאָריסט יוסף שמעון גאָלדשטיין, וועמענס ספּעציעלע רובריק – „אַ איד צו אידן״, וואָס דערשיינט וועכנטלעך אין „פאָרווערטס״, איז אַן אייגנאַרטיקער שפּרודל פון הומאָר און לייכטע קאָמענטאַרן אויף טאָג־טעגלעכע געשעענישן. אָבער אין דעם דאָזיקן וועכנטלעכן אַלקער וואָס יוסף שמעון גאָלדשטיין באַוואוינט אַלע וואָך, טיילט זיך ספּעציעל אויס זיין געגראַמטער פעליעטאָן, וואָס איז באמת מייסטעריש און פלינק־שפּראַכיק. ס׳איז אין זיינע פעליעטאָנען בכלל נישטאָ די וואולגאַריטעט און שווערקייט פון געצוואונגענעם און געקוועטשטן הומאָר. דער געגראַמטער פעליעטאָן האָט נאָך דערצו די מעלה, וואָס גאָלדשטיין באַווייזט אַ גרויס בריה׳שאַפט, אין סטיל פון אַלטער אידישער בדחנות, מיט נייער דערפינדערישקייט.

ער איז נישט ליריש ווי נתן אַלטערמאַן אין זיינע הברעאישע קאָמענטאַרן אויף געשעענישן. גאָלדשטיין׳ען פעלט דער ציטער פון דערהויבונג, וואָס מ׳זאָל זיין קאָמענטאַר קאָנען אָננעמען פאַר צייט־פּאָעזיע, ווי ביי דעם הברעאישן פּאָעט־ווירטואָז נתן אַלטערמאַן. דערפאַר איז גאָלדשטיין אַ גרויסער לשון־ליבהאָבער וואָס באַווייזט וואונדער, ווען ער צעשפּילט זיך אין זיין וועכנטלעכער טעמע.

יוסף שמעון גאָלדשטיין איז אַ גראַמען־דערפינדער. ער ווייסט די סודות פון אונזער שפּראַך־קונציקייט, און ווען ער וויל צוזאַמענפירן אַ וואָרט מיט אַ וואָרט, וואָס זאָלן זיך צוזאַמענקלינגען, איז ער אַ מאדים. אַז מען לייענט זיינע לייכטע פערזן, זעט מען ווי ער האָט אינגאַנצן באַצוואונגען די מלאכה פון גראַמען. נישטאָ פאַקטיש קיין אידיש וואָרט, וואָס ער זאָל נישט קאָנען באַגראַמען.

פאַראַן פּאָעטן, וואָס האַלטן אין איין יאָגן זיך נאָך צוזאַמענגעשטעלטע קאָמבינאַציע־גראַמען, אָבער זיי קומען אַרויס אויסגע׳מוח׳ט און מיט גוואַלט

אַריינגעשלעפּט. ביי גאָלדשטיין איז דער גראַם אַ שפּראַכלעכער שמייכל און תמיד אויפֿן אָרט. גראַמען ווערן אויך אַלט און אָפּגעטראָגן. אַ גראַם וואָס לעבט צו לאַנג ווערט יאַדעשליווע און ער הויבן אָן אונטערהוסטן. ס׳איז דערפֿאַר קיין וואונדער נישט וואָס שטענדיק זוכן פּאָעטן אויפֿצופֿרישן די גראַמען־סכעמע פֿון אַ לשון. אַ גראַם טאָר אָבער זיך נישט לאָזן צו שווער בעטן. ער מוז קומען אָנצופֿליען לייכט און גראַציעז.

מען טאָר זיך נישט יאָגן נאָך אים מיט אַ פּאָעטישער ביקס, ווייל אפילו אַז מען כאַפּט אים שוין, פֿאַלט דער גראַם אַריין אין אַ שורה ווי אַן אונטערגעשאָסענער פֿויגל. פּאָעטן גייען דערפֿאַר אויף גראַם־עקספּעדיציעס און זיי זוכן נישט נאָר פֿון וואָרט מיט וואָרט, נאָר פֿון וואָרט מיט צוזאַמענגעשטעלטע צוויי אָדער אַמאָל דריי ווערטער. דאָס וואָרט איז זייער אַ באַהילפֿיק וואָרט און טייל אידישע פּאָעטן עקספּלואַטירן דעם איז אָן רחמנות. ווען זיי כאַפּן אַז איז־גראַם קאָקעטירן זיי מיט אים, ווי מיט אַ גרויס געפֿינס.

יוסף שמעון גאָלדשטיין איז אַזאַ איז־מייסטער, אַז ער פֿאַרשטאַנט גאָר אַ סך פּאָעטן, וואָס וואַרטן אויף אַן איז ביי די ראָגן פֿון זייערע שורות. נעם איך פֿאַר אַ משל גאָלדשטיינ׳ס וועכנטלעכן פּערז — „אַזוי זאָגט דוד בן־גוריון״, וואָס ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין „פֿאָרווערטס״, מיט עטלעכע וואָכן צוריק. און מיר וועלן זען וואָס פֿאַר אַ שלל מיט איזן און גלאַט בריה׳שע גראַמען מען געפֿינט דאָרטן. **ציצית גראַמט ער מיט — היץ איז. שחרית מיט וואַך ר׳איז. זמירות מיט טיר איז** — „כ׳וועל מאַכן קידוש און זינגען זמירות, כ׳וועל אָנקלאַפּן אַ מזוזה וואו נאָר אַ טיר איז״.

אָבער אַ חוץ דריי איז־גראַמען אין איין געגראַמטן פֿעליעטאָן, גיט ער אונז גלאַט קונציקע גראַמען, וואָס גראַמען־מוטשענדיקע פּאָעטן וואָלטן באַטראַכט פֿאַר אמת׳ע ראָזשינקעס.

קושיות גראַמט גאָלדשטיין מיט רש״י׳ס. **נעגל מיט שפּינאָזע׳ן און העגל. באָרד מיט באַהאָרט. דריי מאָל — שטריימל. גריכיש מיט פּסיכיש. געטריי־אים — שיריים. קאָצקער** גראַמט גאָלדשטיין מיט געבן אַ האָצקע ער. **מנחה׳ס מיט רב פּנחס.** אָבער ס׳איז נישט גלאַט געגראַמט, נאָר ס׳איז טאַקע באַ׳טעם׳ט. אָט זיינען פֿולע שורות וועגן בן־גוריונ׳ען, בעת ער האָט געאַרבעט אויף צוזאַמענשטעלן זיין רעגירונג.

איך וואָס בין מסכים צו דאַווענען מעריב׳ס און מנחה׳ס,
בין נישט מסכים צו זיצן מיט רב פּנחס
ביי איין מלוכה׳שן טאָפּ

מעג זיך די כנסת שטעלן אויפן קאָפּ.

דאָס איז לייכטער הומאָריסטישער שפּיזל, מיט אַ גראַם וואָס וואַקסט פּשוט אַרויס פון דער סיטואַציע.

יוסף שמעון גאָלדשטיין יאָגט זיך נישט נאָך זיינע גראַמען ווי אַ יעגער מיט אַ ביקס און ער דערשיסט זיי נישט אין פלי, נאָר ער זיצט גיכער מיט אַ פישער־נעץ – און די גראַמען־פישעלעך פאַלן, שפּרינגען לייכט און גראַציעז אַריין צו אים אין נעץ. מיר דאַכט זיך אַז אַזעלכע גראַמען און אין אַזאַ צאָל פּאַסן זיך בכלל בעסער אין לייכטע פערזן, ווי אין ערנסטע לידער. ווען אַזאַ שטייגער גראַם פאַרבלאָנדזשעט ווי אַן אורח אין אַן ערנסט ליד, מעג מען נאָך דעם גראַם געבן נאַכט־לעגער. אָבער ווען מען באַשווערט אַן ערנסט ליד מיט אַ סך אַזעלכע גראַמען, ווערט פון ליד אַ גראַמען־אויסשטעלונג. אַזעלכע קונציקע גראַמען פּאַסן זיך בכלל בעסער אין שפּילעוודיקע און לייכטע פערזן, און אַזאַ פּאָעט ווי אלף כּץ נוצט זיי טאַקע אויס זייער אָפּט אויפן ריכטיקן אָרט. אָבער אין יוסף שמעון גאָלדשטיינ׳ס וועכנטלעכן פערזקאָמענטאַר טאַנצן די גראַמען אַלעמאָל גראַציעז און לייכט, זיי „טוויסטן״ נישט, צו נוצן אַ נייעם טאַנץ־טערמין און זיי לענקען זיך נישט אויס אַ פּוס, זיי זיינען נישט, וואָלט גאָלדשטיין געזאָגט, קיין אומזיסטיקע און נישט קיין טוויסטיקע גראַמען, נאָר קרענצלדיקע און טענצלדיקע.

גאָלדשטיינ׳ס וועכנלעכע הומאָריסטישע אָפּטיילונג איז ווערט געלייענט צו ווערן, ווייל ס׳איז ריינער, ציכטיקער און פיינער אידישער הומאָר, אָבער זיינע גראַמען זיינען נאָך דערצו אַ מוסר השכל פאַר פּאָעטן, אַז אמת׳ע פּאָעזיע דאַרף האָבן צו די גראַמען אויך אַנדערע מעלות, ווייל אָן די אַנדערע מעלות איז עס ווי אַ באָרד אָן אַ איד. אויב ס׳גייט בלויז אין גראַמען מאַכט יוסף שמעון גאָלדשטיין אַ וועכנטלעכן גראַמען־קוכן, וואָס פאַרמאָגט תמיד אַ סך פיינע און דערפרישנדערישע גראַמען־ראָזשינקעס.

אַן אַרטיקל פון דעם באַגאַבטען סאַטיריקער און עסייאיסיט אברהם שולמאַן אין דער פּאַריזער צייטונג „אונזער שטימע" וועגן מיינע גראַמען.

אַ מוסטער פון אידישע גראַמען

איך האָב אַמאָל, ביי אַן אנדערער געלעגנהייט, דערמאָנט דעם נאָמען פון אַ אידישן שרייבער, וועלכער איז אַן אמתדיקער אלבערט איינשטיין אויפן געביט פון גראַמען. עס איז נישט פאַראַן נאָך אַזאַ פּאָעטיש־אידישע בריה צו גראַמען, ווי דאָס איז דער אידישער סאַטיריקער יוסף שמעון גאָלדשטיין, וועלכער איז באַקאַנט אונטערן נאָמען „דער לוסטיקער פּעסימיסט" און „יאָסל דער גרינער".

עס זיינען פאַראַן ווערטער, וועלכע האָבן אַ גרויסע פעאיקייט צו געפינען אַ גראַמען־זיווג. עס איז גענוג צו זאָגן דאָס וואָרט „נאַכט" און אפילו אַזאַ אומבאַהאָלפענער גראַמען לא־יצלח, ווי עס איז דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות, ווייסט גלייך, אַז „נאַכט" האָט אַזעלכע גראַמען ווי „מאַכט" און „פּראַכט" און „לאַכט" און „פאַרשמאַכט" און דעם דייטשמערישן „באַזאַכט" און דעם אברהם רייזענישן „זאַלבע־אַכט".

אָדער „טראַכט"

אָדער אַפילו „געדאַכט".

עס זיינען אָבער פאַראַן ווערטער וואָס זיינען געבוירענע בחורים, וועלכע ווילן אויסדריקלעך לעבן אַליין און ווילן בשום אופן נישט חתונה האָבן מיט אַ גראַם. צו אַזעלכע ווערטער באַדאַרף מען האָבן אַ גאַר קונציקן שדכן, וועלכער זאָל האָבן די „סמיקאַלקע" אויסצוגעפינען אַ שידוך.

„יאָסל דער גרינער" איז דער איינציקער צווישן אידישע גראַמען־פלעכטער, וועלכער האָט די דאָזיקע סמיקאַלקע. צו אַזעלכע איינגעאַקשנטע בחורים געהערן צו ביישפּיל אַזעלכע מין ווערטער ווי: „חוזק", ווי „גולאַש" אָדער ווי „לוי אשכול".

אָדער צי האָט איר געפּרוואוט אַמאָל געפונען אַ גראַם צום וואָרט „באָרוועס"? אָדער „חושך"? אָדער „העברעאיש" אָדער „גואל"?

צי איז אייך אַמאָל איינגעפאַלן, אַז מען קען גראַמען „טשאָלנט"? „מצה"?

„איסור״? „פּאַרקאַן״? „יעקב״? „לעידי טשעטערלי״? אָדער דעם בערלינער פּליפּלאַץ „פּאָטסדאַם״? אָדער „אַללאַה״?
אָדער בודדאַ״?

מיר שטעלן אייך די דאָזיקע פּראַגעס נישט סתם אין דער וועלט אַריין. אַדרבה, זייט אַ בריה און שרייבט טאַקע אויף אַ גראַם צו די אַלע אויסגערעכנטע ווערטער אין די גענדזנפיסלעך — אָדער לאָמיר זאָגן צום נאָמען פון פּאָעט „אברהם סוצקעווער״ — און ערשט דעמאָלט, ווען איר וועט באַגרייפן די שווערקייט און אַפילו די אוממעגלעכקייט צו געפינען די געזוכטע גראַמען, וועט איר תופס זיין די מייסטערשאַפט פון יאָסל דעם גרינעם.

* * *

כדי די לויב־ווערטער מיינע זאָלן נישט פאַרבלייבן קיין אַבסטראַקציע, וועל איך דאָ ווייזן, ווי אַזוי דער אַלבערט איינשטיין פון גראַמען גיט זיך אַן עצה מיט די סאַמע שווערסטע פון די שווערע און גראַמען־פיינטלעכע ווערטער:

* * *

חוזק:
נאַסער מאַכט פון אַמעריקע חוזק
כאָטש מ׳הונגערט ביי אים און מ׳שלאָפט אויף שטרויזעק.
גולאַש:
די אונגאַרן ווילן די רוסן פאַרטרייבן קיין טולא אַזש
און מאַכן פון זיי אַ גולאַש.
אשכול:
ס׳רעדט בן־גוריון מיט אַ צינד־קול אָנשטאָט מיט אַ לעש־קול
צו זיין חבר לוי אשכול.
באָרוועס:
דאָס קינד, וואָס איז געבוירן געוואָרן נאַר וואָס
ליגט נאַקעט און באָרוועס.
חושך:
אין רוסלאַנד טוט זיך חושך — ניקיטאַ האָט צוריק אָנגעטאָן
די דאָרפישע שטרוי־שיך.
יורד:
גאָלדוואַטער, וואָס האָט רעאַקציאָנער גע׳תורה׳ט
איז געוואָרן אַ פּאָליטישער יורד.

גואל:
ווער ס׳האָט קוילן און שטאָל און רוי־אויל
קאָן ווערן דער וועלט׳ס גואל.
העברעאיש:
די מפ״ם רעדט כמעט משה סנה׳איש
אויף העברעאיש.
נאָכאַמאָל אשכול:
וואָס איך דאַרף איז קופּער, שטאָל, מעש, קויל,
זאָגט לוי אשכול.
טשאָלנט:
די פרוי איז פאַרווייַנט און פאַר׳יללה׳ט
צוליבן פאַרברענטן טשאָלנט.
מצה:
מ׳כאַפּט אין מאָסקווע אידן ביים באַקן מצה
און מ׳שטעלט אין בלאַט זיי.
איסור, פאַרקאַן:
כרושטשעוו האָט אַרויסגעגעבן אַן איסור
אויף סטאַלין דעם טיפליסער
און האָט אים באַפוילן צו פאַר׳קרקע׳ן
ביים פאַרקאַן.
לעידי טשעטערלי:
כ׳בין אַ כשרע כלה, יש היתר לי,
כ׳בין נישט קיין לעידי טשעטערלי.
פּאָטסדאַם:
מ׳וויל מאַכן אַ נייע יאַלטאַ, טעהעראַן, פּאָטסדאַם
אָבער מ׳מאַכט זיך צו שאַנד און צו שפּאָט סתם.
סוצקעווער:
פאַרוואָס זיצסטו, רבקה
אין תל־אביבקע ?
אין נגב גיי, אַ חלוצקע ווער !
זאָגט צו איר א. סוצקעווער.

2 בריוולעך צום „פאָרווערטס״ וועגן קאָלום „אַ איד צו אידן״

אַן אַרטיקל אין „פאָרווערטס״ האָט אים אויסגעהיילט פון אַ קראַנקהייט

ווערטער רעדאַקטער:

נאָך אַ שווערער אָפּעראַציע און נאָך פיר וואָכן אין האָספּיטאַל, האָט מען מיר אַריבערגעפירט אין „ניוסטעטער קאָנוואַלעסענט סענטער״ אין יאָנקערס. דאָ קומען אָן צוויי עקזעמפּלאַרען „פאָרווערטס״ טעגליך, און אַזוי האָב איך דאָ געלייענט דעם נומער פון פרייטאָג, דעם 9טן אָקטאָבער, און געלייענט ווי שטענדיג „אַ איד צו אידען״, האָב איך אַזוי געלאַכט, דאָס מיין שליקעכץ, וועלכער האָט אָנגעהאַלטן נאָך מיין אָפּעראַציע פאַר 11 טעג און קיין מעדיצין האָט ניט געהאָלפן, האָט זיך פון לאַכן אָפּגעשטעלט.

וויל איך דאַנקען דעם „פאָרווערטס״, און איבערהויפּט דעם שרייבער ש. י. גאָלדשטיין, פאַר האָבן מיר אויסגעהיילט פון דעם שלוקעכצען.

„לאַכן איז געזונט, דאָקטוירים הייסן לאַכן״, האָט שלום עליכם געזאָגט. אָבער, אַז לאַכן זאָל היילן, האָב איך איצט אויסגעפונען.

אַ האַרציגן דאַנק ש. י. גאָלדשטיין.

א. שאריטאן
יאנקערס, נ.י.

ער לויבט דעם קאָלום „אַ איד צו אידן״

חשוב׳ער רע׳דאַקטאָר:

איך בין אַ שטענדיגער לעזער פון דעם קאָלום „אַ איד צו אידן״, פון דעם חשוב׳ען פעליעטאַניסט, יוסף שמעון גאָלדשטיין.

דער קאָלום, צוזאַמען מיטן געגראַמטן פעליעטאָן, איז ניט נאָר אַמוזירענד, נאָר אָפט גאַנץ טיפזיניג (אין אַ לייכטן, שפּאַסיגן וועג). מיט זיין פעהיגקייט פאַר פריילכע גראַמען דאַרפט גאָלדשטיין זיך נישט פילן הינטערשטעליג צו אגדען נעש (OGDEN NASH) צו דער זעלבער צייט האָט דער „געגראַמטער פעליעטאָן״ אַן ערנסטע באַדייטונג.

מיט פריינליכן גרוס.

מעכל קאַד,
ברוקלין, נ. י.

לידער

דאָס לאַנד פון פילן

אַמעריקע, וואו די מענטשן רוישן אַרום ווי די בינען,
איז פאַרליבט אין מעדיצינען,
אין פלעשלעך, אין פילן.
פון אַטלאַנטישן אָקעאַן ביז דעם אָקעאַן דעם שטילן
שלינגט מען פילן.
מ׳שלינגט פילן אין דרום, אין צפון.
מ׳שלינגט פילן צום שלאָפן,
צום וואַכן,
און צו „יענע זיבן זאַכן״.
אויב מיסטער ביל האָט צרות מיט מיסיס ביל
שלינגט ער אַ פיל.
מ׳שלינגט פילן צו קריגן אַפעטיט און צו פאַרלירן.
אַ „האָלדאָפּניק״ שלינגט פילן ביים ראַבירן.
אַ ווייבל שלינגט פילן ביים ראָמאַנסירן,
סאַי מיט אַ פרעמדן מאַן, סאַי מיט אירן.
אויב אַ פינגער הויבט אָן צו געשווילן
שלינגט מען פילן.
אויב די אויגן זענען שוואַך, מ׳דאַרף צו זיי ברילן,
שלינגט מען פילן.
אויב דער מאָגן
הויבט אָן צו יאָגן,
אויב ער טאַנצט טשאַ־טשאַ׳ס און קאַדרילן,
שלינגט מען פילן,
און דער מאָגן איז צוריק אויפן פערד!
אויב ס׳איז פאַרקערט:
אויב דער מאָגן איז פאַרשטאָפּט,
אויב ער איז אויף אַלע קנעפּ פאַרקנאָפּט,
אויב ער וויל נישט טאָן דעם באַלעבאָס׳עס ווילן,
שלינגט מען ווידער פילן.
מ׳שלינגט פילן נאָך מילכיג, נאָך פליישיג.
מ׳שלינגט פילן ווען מ׳האָט נישט קיין חשק,

און ווען מ׳האָט גלוסטעניש פאַר צווייען, פאַר דרייען —
און מ׳שלינגט פילן גלאַט צו קייען!
אפילו אַ הונט שלינגט דאָ פילן,
ער קריגט עס אַ האַלבע שעה נאָכן בילן.
אויב איר זעט אַן אַמעריקאַנער אין אויסלאַנד,
סאַי אין ישראל׳ס לאַנד, סאַי אין גוי׳ס לאַנד,
וואָס שלעפּט ריזיגע טשעמאָדאַנעס,
זייט זיכער אַז ער פירט דאָרט נישט קיין מאַרצעפּאַנעס
און נישט קין טלית און תפילין,
נאָר פילן!

דאָס לאַנד פון ראַטעס

אין לאַנד פון אייזנהאַוער, פאָרד, טרומאַן,
דאַרף מען נישט קיין מזומן,
קיין „קעש״.
מ׳טראָגט דאָ סאַמעטענע קליידער, זיידענע וועש,
בריליאַנטן אויפן האַלז און אויף די הענט,
אָן אַ סענט,
מ׳קריגט דאָ פון אַ ווילנער ש״ס ביז אַ „צענערענע״
אָן אַ פעני.
מ׳שטעלט אַריין אַ טעלעוויזיע אַזוי גרויס ווי אַ טאַנק
אָן אַ פראַנק.
מ׳קריגט דאָ די בילדער פון די גרעסטע מאָלער
אָן אַ טאָלער.
אַפילו אַ רעמבראַנד
דאָס אַלץ קריגט מען אין אָנקל סעם־לאַנד!
מזומן־געלט האָט מען דאָ אין די פּיאַטעס!
מ׳קריגט דאָ אַלץ אויף „אינסטאָלמענטס״, אויף ראַטעס.
מ׳קריגט דאָ פידלן, סטראַדיוואַרי׳ס, אַמאַטי׳ס,
אויף ראַטעס.
מ׳גייט אַוועק אין הויזן פול מיט לאַטעס
און מ׳קומט צוריק אויסגעפּוצט ווי אַ מאַגנאַט איז,

אויף ראַטעס.
אַזוי איז דאָ דער מנהג!
גייסט אַריין אין אַ קימפּעטאָרן־קליניק
און דו קענסט דאָרט האָבן אַ צווילינג
אָן אַ שילינג.
מ׳בויט דאָ הייזלעך, לעגענדאַרישע, פּראַכטיגע
טויזנט און איין נאַכט׳יגע,
מיט מאַרמאָר פון פאָרנט און מאַרמאָר פון הינטן,
מיט אַפּאַראַטן וואָס צעבלאָזן דריי ווינטן:
אַ הייסן, אַ קאַלטן און אַ מילדן —
און דאָס אַלץ אָן אַ גילדן!
מ׳קריגט דאָס אויף ראַטעס לאַנגיעריגע!
ווען דאָס בית המקדש שטייט אין אַמעריקע,
וואָלט מען דאָ געקענט מקריב זיין אַ קרבן־חטאת
אויף ראַטעס!
אויף ראַטעס קען מען דאָ לעבן, געניסן, הולטאַיען.
פון די ראַטעס קען מען זיך קיינמאָל נישט באַפרייען.
ס׳פאַלן שוין ציגל פון די אייגענע כאַטעס,
די געקויפטע מלבושים זיינען שוין שמאַטעס,
די ניי־געבוירענע קינדער זיינען שוין אַליין טאַטעס —
און מ׳צאָלט נאָך אַלץ די ראַטעס!

דאָס לאַנד פון „קאַרס״

אין פּאַריז
דאַרף מען פּיס,
אין ירושלים
דאַרף מען רגלים,
אָבער אין לאַנד פון די הונדערט־שטאָקיקע מויערן
קען מען די פּיס איינמאַרינירן אין זויערן
און אין זיסן.
פון די פּיס קען מען דאָ גאָרנישט געניסן.
מ׳דאַרף זיי ווי אַ וואָגן דעם פינפטן ראָד.

מ׳האָט די פּיס אין באָד.
די פּיס זענען דאָ אַ פּיעסע וואָס איז אַראָפּ פון רעפּערטואַר.
יעדער טרייבט דאָ זיין אייגענע קאַר!
אין מאָסקווע פאָרט בלויז אַ קאָמיסאַר
מיט אַ קאַר,
אָבער ביי אונז האָט יעדער אַ קאַר —
סיי דער לאָקיי, סיי דער האַר,
סיי דער פּריץ, סיי דער אַרענדאַר,
סיי אַ יינגל אַ צוציק, סיי אַ זקן וואָס איז באַיאָרט.
מ׳גייט נישט ביי אונז, נאָר מ׳פאָרט.
ס׳פאָרט אַ גוי, אַ טערק, אַ איד.
ס׳איז אַ רעדערדיקער יאַריד,
אַ רעדערדיקע בהלה.
יעדער איז דאָ אַ באַלעגאָלע.
מ׳פאָרט צום בית המדרש און צום בעדל.
יעדער איז דאָ צוגעוואָקסן צום רעדל,
אַזוי ווי אַן איי צום הינדל.
מ׳רירט זיך נישט אָן מאַשינדל.
ס׳קאָכט מיט קאַרס ווי אין אַ בינשטאָק.
ס׳וואַלגערן זיך קאַרס אין יעדן רינשטאָק,
אַזוי ווי אַלטע מאַטראַצן, אַזוי ווי שטרויזעק.
אויף די פּיס קוקט מען דאָ מיט חוזק
אין גאַנצן לאַנד.
די פּיס מאַכט מען דאָ אַוועק מיט דער האַנט!
צו גיין צופוס זיינען נישטאָ קיין בעלנים!
פאַר יעדן יום־טוב לאָזט מען זיך ווי די טייוולאָנים
אויף אַלע וועגן,
אויף אַלע שטעגן.
מ׳פאָרט צו פריינט, צו משפחה און גלאַט אומזיסטיק!
נאָך יום־טוב באַווייזט זיך אַ סטאַטיסטיק
אין דער „פּרעס״,
אַז ס׳איז געשען אַ נס,
אַז גומל דאַרף מען בענטשן:
ס׳איז בלויז גע׳הרג׳עט געוואָרן 880 מענטשן...

דאָס לאַנד פון טעלעפאָן

אַמעריקע, וואו מ׳יאָגט זיך מעכאַניש־עלעקטראָניש,
לעבט זיך אויס טעלעפאָניש,
מיט אַ קלונג, אַ רוף, אַ „קאָל״.
מ׳טעלעפאָנירט פון שלאָפצימער, באָד־צימער, „האָל״.
מ׳פטר׳ט אַראָפּ דעם גרעסטן עול
מיט אַ „קאָל״.
מ׳זאַמלט פאַר תורה, פאַר ציון, פאַר׳ן „קאָמסאָמאָל״
דורך אַ „קאָל״.
וואָל־סטריט
איז אַ טעלעפאָן־סטריט, אַ „קאָל־סטריט״.
פון אַ וואָלקן־קראַצער ביז אַ טלית קטן
פאַרקויפט מען דאָ דורך די דראָטן.
סיי דער יצר־טוב, סיי דער שטן
אָפּערירן דאָ דורך די דראָטן.
מ׳שליסט דאָ שידוכים דורך די דראָטן,
סיי אַזעלכע וואָס זענען געראָטן,
סיי אַזעלכע וואָס מ׳טרעפט מיט זיי דערנעבן.
מענטשן זען זיך דאָ נישט ס׳גאַנצע לעבן.
מ׳לאָזט זיך נישט זען, נאָר מ׳לאָזט פון זיך הערן.
ווען פון בענקשאַפט אַ מאַמע פאַרגיסט זיך מיט טרערן,
לאָזט זי אַריין דאָס טרערל
אין טעלעפאָנישן רערל,
און דאָס טרערל דערקייקלט זיך צו די קינדער׳ס געצעלט.
ווען אַ קינד קומט אויף דער וועלט
זאָגט מען אָן טעלעפאָניש די נייעס.
טעלעפאָניש מאַכט מען דאָ לוויות.
דורכן טעלעפאָן ווערט מען געבוירן,
דורכן טעלעפאָן ווערט מען פאַרלוירן!

דאָס לאַנד פון „דיעטעס"

אַמעריקאַנער זענען אויף זיך גוזר אַ „דאַיעט"! אַ דיעטע.
מ'ציטערט פאַר מאכלים פעטע,
כדי נישט צו נעמען אויף זיך אַ פונט, צי אַנדעראַלבן.
מ'וויל דעם מאָגן מיט קאַלבספלייש נישט פאַרקאַלבן.
דער מאָגן טאָר נישט זיין סטעיקעדיק, קעיקעדיק, סקאַטש'יק.
אַ בויך מוז זיין פלאַטשיק.
מ'טאָר אים נישט געבן קיין פאַרפאַטשקע
מיט קאַטשקע.
זשאַלעוועט מען דערפאַר אַן איבעריקן ביסן!
אַז מ'קומט אָבער אויף חתונות, ברית'ן
פאַרגעסט מען אינגאַנצן די דיעטע.
מ'שלינגט העכט געפילטע און קאַרפּן פעטע,
די פישיויך ווערט פאַרטונקען, פאַרחלה'ט,
יעדע זויערע אוגערקע ווערט גע'מל'עט.
אויב מ'זעט אַ פופיק, מעג ער זיין בהמה'יש צי חיה'יש,
איז מען אים נישט מבייש.
יעדע געשטאָפּטע קישקע, יעדן פאַשטעט
לאָזט מען אַראָפּ העט־העט
אין מאָגן.
שפּעטער האָט מען צו זינגען און צו זאָגן
פון דער אכילה.
מ'באַלייגט זיך מיט הייסע קאָמפּרעסן און מיט קילע!
פאַר יעדן לעפל קאַשע, פאַר יעדן לעפל רייז
לייגט מען זיך צו טאָרבעס מיט אייז.
פאַר די געפּרעגלטע אינדיקעס, פאַר די געפּרעגלטע הינדלעך
שלינגט מען אַספּירינדלעך,
עקסלאַקס און ביקאַרבינייט,
און אַנדערע מיטלען וואָס פאַרדאַרבן ניט,
כדי אויסצולייידיקן דעם מאָגן וואָס איז פאַרשטאָפּט,
פאַרקנאָפּט!
ווען מ'לײדיגט צוריק אויס דעם קאַסטן

הויבט מען ווידער אָן צו פאַסטן.
מ׳וועגט זיך אויף וואָגן, מ׳מעסט זיך מיט מאָסן,
ביז מ׳הערט ווידער אַ „קול חתן״
און אַ „קול כלה״,
כאַפּט מען זיך ווידער צו דער חלה,
וואָס איז געפילט, מאָי באָזשענקע,
מיט ראָזשענקע.
מ׳שלינגט ווידער פעטע סטעיקס מיט שאַרפן כריין,
מ׳רוימט ווידער אַראָפּ פון טיש יעדן ביין
וואָס אַרומגעבעט מיט פלייש איז.
מ׳הויבט ווידער אָן פון בראשית!

אויסגעגרינטע אימיגראַנטן

אָנקל סעמ׳ס מדינה
איז אַ גאַניידן פאַר גרינע.
זיי קריגן דאָ אַן אַנדער פנים.
אינדערהיים זענען זיי געווען וויסטע קבצנים
און געזעסן איבער זייער קאַרטאָפּל מיט׳ן זאַלץ־טאָפּ.
דאָ פאַלן זיי אַריין אין אַ שמעלץ־טאָפּ, אין אַ שמאַלץ־טאָפּ.
זיי פאַרגעסן דאָ זייערע פריערדיקע „איזמען״.
זיי זינגען דאָ אַ גאַנץ אַנדערן פיזמון.
אינדערהיים זענען זיי געווען פייערדיקע רעוואָלוציאָנערן.
זיי האָבן געזונגען „מיר שווערן, מיר שווערן!״
און באַקעמפט אַלץ וואָס איז געווען קלעריקאַליש־פּאַרצייטיש,
ביי אונז ווערן זיי לייטיש,
באַלעבאַטיש.
מ׳מאַכט חתונה „הרי את׳יש״,
מיט אַ חופה, אַ כתובה, אַ רבנישן סטעמפל.
מ׳באַלאַנגט צו אַ שוהל, צו אַ טעמפל
און מ׳איז מל קינדער אויפ׳ן ברית־טיש.
אינדערהיים זענען זיי געווען בונדיסטיש,
אַנאַרכיסטיש,

דאָ ווערן זיי „אָנקל סעמ׳יסטיש״.
זיי ווערן אַדעסער און אָשמיאַנער
אַמעריקאַנער,
גאַליציאַנער
אַמעריקאַנער,
בעסאַראַבער, פּישטשאַנער
אַמעריקאַנער,
אידעאַליסטישע טאָלסטאָיאַנער
אַמעריקאַנער.
פאָרווערטס׳דיקע אַב קאַהאַנער
אַמעריקאַנער.
אויף שריט און טריט קען מען דאָ טרעפן אַ „יענקי״
פון גער, פון אָסטראָלענקי!...

איז מען זיכער צו שפּאַצירן אין אַ פּאַרק?

ליבער יאָסל, ס׳שרייבט צו דיר אַ לעזער.
ס׳האָט זיך מיר פאַרבענקט נאָך אַ פּאָר גרעזער,
ווי איז מיר און אוי מיר,
נאָך אַ פּאָר בוימער,
ס׳גלוסט זיך מיר שטאַרק
זיך אַריינצוכאַפּן אין אַ פּאַרק,
וואו די בלומען מיט אַלע פאַרבן שימערירן.
פרעג איך דיך, יאָסל, צי מעג איך ריזיקירן?

ענטפער פון יאָסל דעם גרינעם

מיין ליבער לעזער,
אויב דו בענקסט נאָך בוימער, נאָך גרעזער,
נאָך אַ שפּור
פון דער גרינער נאַטור,
נאָך אַ פויגעלדיגן ניגון,

קענסטו עס ביי אונז דאָ ניט קריגן.
פאַר דעם ביסל גראָז
קענסטו באַצאָלן מיט אַ צעקלאַפּטער נאָז.
פאַר די פּאָר רויזן —
מיט צעריסענע הויזן.
פאַר אַ נאַרציס —
מיט אַן אונטערגעהאַקט אויג וואָס שוואַרץ איז.
פאַר אַ קאַקטוס —
מיט אַן אויער אַ צעהאַקטעס.
ס׳איז אַ קלענערע סכנה
צו פליען צו דער לבנה
מיט „אַפּאָלאָ״,
ווי צו באַוואונדערן אין פּאַרק אַ גלאַדיאָלע
און זיפצן ראָמאַנטיש.
מ׳קען ענדיקן אין שפּיטאָל אויפ׳ן בר מינן־טיש!
מ׳דאַרף אונז כ׳לעבן ניט זיין מקנא
אויב מ׳וויל אונזערע אויגן זיין מהנה
מיט טוליפּאַנען רויטע און בלאָע,
מוז מען פריער שרייבן אַ צוואה!
אויב מ׳קומט צוריק לעבעדיק פון אַ בלימל, אַ בוימל,
דאַרף מען בענטשן גומל!

זונטאָג אויפ׳ן בית־עולם

זונטאָג איז טויט־שטיל אין אַמעריקע, ס׳רוט דער באָס מיטן משרת —
ס׳איז בלויז לעבעדיק אויפ׳ן בית־הקברות.
אַ גאַנצע וואָך יאָגט זיך דער אַמעריקאַנער, ס׳באַגיסט אַ שוויס אים;
ר׳האָט ניט קיין צייט זיך צו „באַדערן״ מיט מתים:
זונטאָג גייט ער טאָן מצוות און מעשים טובים:
ער גייט מלאַווע זיין פריינט און קרובים.
ער טרייבט די קאַר אָן אָטעם, איבער סיגנאַלן גרינע און רויטע,
און ער יאָגט, זיך נאָך טויטע.
אַ זונטאָג׳דיקע לוויה פון אַ מת

איז אַ סוקסעס.
ס׳זיינען אים מספּיד די ברידער פון זיין ברענטש.
אַזאַ מת איז אַ געמאַכטער מענטש.
מ׳פירט אים אויף יענער וועלט מיט אַלע „קאָנוויניענסיס״.
ביי דער קבורה אַ מנין ס׳איז —
און אַמאָל אַנדערהאַלבן.
ס׳שיינט דעם טויטנ׳ס פּנים, באַשמירט מיט פאַרבן
מ׳הערט אַ אידיש וואָרט, אַ קדיש פון אַן אָבל —
אַ זונטאָגדיג מת׳ל איז ניט קיין באָוועל ;
ער האָט חשיבות, ער האָט ממשות —
אָבער צו שטאַרבן אין מיטן וואָך, גייט זיך אָן אַ חלשות.
אַזאַ מת׳ל איז עלענד נאָכן טויט, פּונקט וויביים לעבן,
פאַרגעבן.
די איבערגעבליבענע זענען יתומים, און דער טויטער איז אויך אַ יתום.
די איינציקע באַגלייטער זיינען „אָנדערטייקערס״ מיט שאַמאָסים.
ס׳העלפן נישט קיין טעלעפאָן־קאָלס, קיין „אָביטשעריס״ —
דער שאַמעס דער איינציקער ווינער און קוויטשער איז.
ער באַוויינט דעם טויטן מיט גרויס סענטימענט —
פאַר צוועלף טאָלער מיט פופציק סענט.
ער מאַכט אַ צדיק פון אַ רשע און אַ בעל־צדקה פון אַ קאַרגן —
זונטאָג באַגראָבן צו ווערן איז אַן אמת׳ער „באַרגן״.

ווען עס פאַלט אַ שניי

טאָמער פאַלט ביי אונז אַ שניי
פון אַן אינטש אָדער צוויי
ווערט אַ געיאָמער, אַן אוי־ווײ,
אַז מ׳קומט אום פון שניי,
אַז ס׳ווערט געפרוירן דער פאַרזיי,
אַז צוליב׳ן שניי
וועט נישט וואַקסן קיין קאָרן, קיין גראָז, קיין היי.
אַלע בעטן אַז אויפן שניי
זאָל קומען אַ צעגיי.

מ׳פאַרשפּרייט קלאַנגען אַלערליי.
מ׳זאָגט, אַז אין קאָלאָראַדאָ פאַלט אַזאַ שניי,
אַז ווען מ׳עפנט דאָרט אַן איי
געפינט מען אינווייניק שניי,
און מ׳האָט מורא אַז ס׳וועט זיין ביי אונז ווי ביי זיי.
בקיצור, דער שניי
גיט ס׳גאַנצע לאַנד אַ צעטרייסל, אַ צעדריי.
מ׳שטעלט אַוועק אַ גאַנצע אַרמיי
פון סאַניטאַרן, פייערלעשער און פּאָליציי,
אָפּצורוימען דעם שניי.
ווען ניו יאָרק׳ס פּאָליציי
זאָל אַזוי אָפּרוימען גענגסטערס אַלערליי,
האָלדאַפּניקס אַלערליי,
ווי מ׳רוימט אָפּ דעם שניי,
וואָלט מען געקענט ביינאַכט האַלב נאָך צוויי
שפּאַצירן ביים ברוקלינער מוזיי
און אויפ׳ן קווינסער שאָסיי
און מ׳וואָלט נישט געהערט אַ „מאָגער׳ס געשריי:
„שטיי! —
גיב די קעשענעס אַ פאַרדריי,
און אויב דו פאָלגסט נישט מיין געשריי,
איז איידער דער האָן גיט אַ קריי,
וועט מען נאָך דיר זאָגן „אמן יהא שמיה!״

הימל און ערד און בערד

ס׳האָבן געדאַרשנט די משכילים פון דער אַלטער גענעראַציע,
אַז וואָס מער ס׳וועט וואַקסן די ציוויליזאַציע,
אַלץ ווייניקער וועט מען זען אויף אונזער ערד
בערד.
דערווייל איז גאָר פאַרקערט —
די בערד
זענען היינט אויפן פערד!

די גרעסטע באַגערענישן וואָס ס׳יונגוואַרג באַגערט
זענען בערד.
אַזוי ווי אַ „באָי״ ווערט מיט פופצן יאָר באַיאָרט
ווערט זיין גאָמבע פאַרהאָרט
מיט וואָנצס און מיט אַ באָרד.
אַנדערש האָט ער אַ פּנים פון חוזק.
יעדער בחור איז היינט לאַנג־בערדיק און שמאָל־הויזיק.
מ׳טראָגט היינט בערד פאַרשידנפאַכיקע —
בערד מאָדערנע און ביבליש־תנ״כ׳יקע;
בערד סימבאָלישע און ממשות׳דיקע;
בערד חלושת׳דיקע;
בערד פּיטשעדיקע און בערד גרויסע —
רבותי!
בערד באַשיידענע און בערד חוצפה׳וואַטע,
גנב׳ישע, „בלאַטע״.
סאָסנע־בערד, בעריאָזע־בערד,
קאָזע־בערד;
בערד איידעלע, מילדע,
בערד ווילדע,
צעכראַסטעשע, צעשויבערטע,
נישט געזויבערטע;
בערד האַרטע, בלעכיקע,
בערד שטעכיקע
ווי קאַקטוס;
וואָס מיט אתרוגים מ׳פאַרפּאַקט עס;
בערד פלאַקסענע,
בערד שמאָלע און בערד ברייטע,
צשפּרייטע,
אַזוי ווי ביי די פּויערן אויף אַמאָליקע יאַריד׳ן
די איינציקע אידן
וואָס האָבן נישט אויף זייער פּנים
פון בערד קיין סימנים,
זענען אַמעריקאַנער רבנים!

אַ דיסקוסיע צווישן ניו יאָרק און ניו דזשוירזי

ניו דזשוירזי באַקלאָגט זיך, אַז די „עיר פּאָלושן" און די „וואַסער פּאָלושן" פון ניו יאָרק פאַרפעסטיגט ניו דזשוירזי

ליבע שכנ'טע, וואָס גענן מיר ביזטו אַ מילבל!
כ'הער, אַז דו מאַכסט אויף מיר אַ בילבול!
אַז איך פאַרפּאַטשקע דיין לופט,
דיין דופט.
זאָג איך דיר, אַז ס'איז פּונקט קאַפּויר:
דיין לופט שמעקט ווי אַ טכויר.
פון דיין לופט פייגערן אפילו ציגן
און פליגן.
מיסט און דזשאָנק שפּראָצן
אויף דיין ברעג פון האָדסאָן,
אָבער מיין לופט שמעקט באמת
מיט כריזאַנטעמעס!

ניו דזשוירזי ענטפערט ניו יאָרק:

ניו יאָרק, מיין מעכטיגע שכנ'טע!
וואָס ביזטו עפּעס אַזאַ פאַר'ביטחונ'טע?
אַזאַ וואַזשנע צעלייגערין?
דו זאָגסט, אַז פון מיין לופט אפילו פליגן פייגערן!
און דיין לופט, מיינסטו, מאַכט לעבעדיק טויטע?
זיי נישט קיין שוטה,
קיין טיפּש.
מיין לופט איז דאָך פאַרפום קעגן דיין עיפּוש!
קעגן דיין לופט שמעקט דאָך מיינע מיט יאַסמין.
דיין לופט איז פול מיט בענזין,
מיט פאַרדומפּצטע אוילן,
מיט פאַרטשאַדעטע קוילן,

מיט שמאַטעס, מיט שמירעכץ, מיט געז.
קעגן דיין לופט שמעקט דאָך מיינע מיט בעז!
קעגן דיר בין איך דאָך אַ באָנבאָניערע!
קעגן דיין סטעיט איז מיינע אַ ריוויערע!

* * *

בקיצור,ביידע סטעיטס פירן אַ דעבאַטע
ווער ס׳איז מער שליאָכעוואַטע.
איין שכנ׳טע דער אַנדערער דערלאַנגט אַ שאָסל.
וואָס־זשע זאָגט צו זיי ר׳ יאָסל?
איך זאָג, אַז ביידע סטעיטס באַוואַרפן זיך אומזיסט
מיט מיסט!
ווי זאָגן די חכמים?
ביידע שמעקן נישט מיט קיין בשמים,
נישט מיט קיין בלומען און אפילו נישט מיט גראָז.
מ׳דאַרף זיך בייביידן צוהאַלטן די נאָז!

צוויי אַסימילירטע אַמעריקאַנער אידן שמועסן

סעם:

העלאָו, ראָי!
דו ביזט נאָך אַלץ אַ שטיק גוי?
דו עסט נאָך אַלץ, צוגלייך מיט די היידאַמאַקעס —
ראַקעס ?

ראָי:

נאָ, סעם, כ׳האָב פיינט געקראָגן חזיר:
מעג ער זיין פראַנצויזישער אָדער קאַווקאַזער.
כ׳האָב עס מער נישט גערן!

סעם:

ס׳נעמלעכע פון מיר צו הערן!
מיין נשמה הערט נישט אויף צו לעכצן
נאָך אידישע געקעכצן,

נאָך לאָקשן מיט יויך, נאָך אַ אידישן קניש,
נאָך געפילטע פיש
מיט כריין שטאַרקן, רויטן,
וואָס קען אַזש אויפוועקן אַ טויטן.
ס׳בעסטע הולטאַייען
איז ביי מיר אידישער קאַרפּ און אידישע שלאַייען,
ליטוויש־געפּעפּערט אָדער פּויליש־זיס!

ראָי:

און איך חלש פאַר אידישע געפּרוּירענע פּיס,
פאַר מאַרינירטן הערינג, דערלאַנגט אויף אַ טעצל
מיט אַ ביאַליסטאָקער פּלעצל.
מיין חלום איז אַ געפילטע קישקע,
געשטאָפּט פון אַ פרומער אשת־איש׳קע,
וואָס דאַוונט פאַרוויינט, פאַר׳יללה׳נט!

סעם:

און איך שטאַרב פאַר אַ פעטן טשאָלנט,
און כ׳וואָלט איינגשלונגען גאַנצע טעפּלאַך
מיט קרעפּלעך,
און מיט לאַטקעס וואָס מ׳פּרעגלט חנוכה ביים דריידל.
כ׳עס נישט קיין יויך, אויב ס׳באָדט זיך נישט דערין אַ קניידל.
גליקלעך בין איך ווען מיין נאָז דערפּאַרשט
אַ אידישן באָרשט.
אויב איך זע אַז אויפ׳ן טיש אַ אידישער שטשאַוו איז,
פאַל איך אַריין אין התלהבות!

* * *

הכלל, לאָמיר זיין מונטער!
אויב מ׳זאָגט אַז אידישקייט גייט ביי אונז אונטער,
איז עס נישט אמת אפילו אַ קרישקע.
ס׳אידישקייט „מופט״ בלויז אַוועק פון האַרץ צו דער קישקע!

די עפּידעמיע פון סטרייקן

זונטאָג איז אַ סטרייק פון אויל־פּירער,
מאָנטאָג — פון קויל־פּירער,
דינסטאָג — זאַלץ־פּירער,
מיטוואָך — פון שמאַלץ־פּירער,
דאָנערשטאָג — פון זעצערס און קאָרעקטאָרן.
עס סטרייקן אַקטריסעס און אַקטיאָרן,
וואָס זיינען נישט באַ׳מלבוש׳ט, נישט פאַר׳יאַק׳ט,
וואָס שפּילן נאַקעט
במחילה,
אָן שום פאַרדעקעכץ, אָן הילע,
אַזוי טאַנצט אַ „סטעפּ״ זי!
פרייטאָג איז אַ סטרייק פון „פּעפּסי״,
שבת — פון „קאָקאַ־קאָלאַ״.
אין שקאָלע
סטרייקן די לערערס און שילערס,
אין ראַדיאָ סטרייקן די שפּילערס.
און דער סטרייק קען אָנהאַלטן ביז חול המועד חי.
עס סטרייקן חזנים אינמיטן „לכה דודי״.
אין דער פילהאַרמאָניע סטרייקן די באַראַבאַנען.
עס סטרייקן די טעקסיס, צופוס מוז מען שפּאַנען.
אין די רעסטאָראַנען
סטרייקן די דיש־וואַשערינס.
אין מקוה סטרייקן די אשת־איש־וואַשערינס.
עס סטרייקט די שניידערין און די שפּינערין.
די הייבאַם סטרייקט מיט דער געווינערין,
וואָס אויף איר בעט הענגט אַ „שיר המעלות״.
עס סטרייקן כלות
אינמיטן לייגנפירן.
חתנים סטרייקן פאַרן אָקעגנפירן.
אין באַלעט סטרייקן די טאַנץ־מאַנשאַפטן.
עס סטרייקן די לאַנדסמאַנשאַפטן

פון גער און פון גריצע.
עס סטרייקן די מוהלים אין מיטען מציצה.
אין מיטן וואַשן סטרייקט די וועשין.
די פייער־לייט סטרייקן אינמיטן לעשן.
די באַלאַלאַיקע־שפּילער — אינמיטן באַלאַלאַיקן.
די איינציקע וואָס ווילן ניט סטרייקן
זענען די וואַרפערס פון באָמבעס
אין מדינת קאָלאָמבעס!

אָפּקלאַנגען פון שבועות

אַן ענטפער צו אַ גרופע אַפּיקורסישע לעזער וואָס האָבן אַ טענה פאַרוואָס איך האָב געלויבט שבועות.

ליבע אַפּיקורסים,
דאַרווינ׳ס געטרייע משרתים.
כ׳ווייס נישט פאַרוואָס איר מאַכט מינעס זויערע
צוליב׳ן יום־טוב פון מתן תורה,
ווען מ׳עסט ברייטע לאָקשן מיט קעז?
וואָס פּאַדרייט איר אַזוי די נעז?
וואָס האָבן מיר זיך צו שעמען
מיט אונזער „מלך נאמן״?
האָבן מיר דען אונזער אמונה גע׳גנב׳עט, גע׳גזל׳ט?
ס׳מזל האָט אונז באַ׳מזל׳ט,
אַז ווען משה רבינו האָט געגעבן די תורה
האָבן זיך אויף דער סחורה
נישט געפונען קיין בעלנים.
ער איז געגאַנגען צו די טערקן, צו די יוונים,
ער האָט געשיקט זיין ברודער אהרן
צו די טאַטאַרן,
צו די באַרימטע יעגער, רייטער און פעכטער,
האָבן זיי געמאַכט פון אים ס׳גרעסטע געלעכטער
און האָבן אים געענטפערט מיט רייד מיאוסע, געמיינע,
לא עלינו,

וואָס יעדעס וואָרט ערגער ווי אַ פּאַטש איז.
האָט דאָך משה געזען אַז זיי זענען פּראָסטע יונגאַטשעס,
וואָס ווייסן נישט פון קיין חכמות,
וואָס ווילן זיין פאַרשקלאַפט שבת, ווי אַ גאַנצע וואָך מ׳איז,
איז משה געוואָרן אַן אַנטוישטער.
משה האָט מורא געהאַט אַז ער ווערט אַן „אַנטמוישטער״,
איז ער אַוועק צום אידישן פאָלק!
דאָ איז זיין דערפאָלג
געווען לעגענדאַריש!
„זיין תורה איז געשריבן ליטעראַריש״ —
אַזוי האָבן געזאָגט פּאָעטן־עסייאיסטן —
קיין איין געבאָט האָט ער נישט געגעבן קיין אומזיסטן:
דער „לא תגנוב״ איז מאָראַליש־עטיש.
דער „לא תחמוד״ איז אפשר נישט אַזוי פּאָעטיש!
וואָס אַרט דאָס משה׳ן אַז מ׳איז ראָמאַנטיש?
אַז מ׳זיצט מיט אַן אישה ביי אַ ראָמאַן־טיש?
אַז פון אַ פרעמדער אידענע קריגט מען התפעלות?
מילא, די תורה האָט אַזויפיל מעלות,
וואָס מ׳לויבט זיי שוין טויזנטער יאָרן,
מעג זי האָבן כאָטש איין חסרון!

אַ קרעכץ פון אַ גרינעם

ליבע אידן, כ׳האָב אַ חסרון:
כ׳בין שוין דאָ אַ שיין ביסל יאָרן
און כ׳בין נאָך אַלץ גרין ווי שבועות.
כ׳האָב נאָך גרינע געדאַנקען און גרינע תנועות
און כ׳רעד נאָך ענגליש מיט אַ גרינעם אַקצענט.
כ׳צעקיי נאָך אַלץ נישט אונזער קאָנטינענט.
כ׳שפּאַן דאָ פּאַמעלעך, כאָטש אַרום מיר ברענט.
כ׳פאַרגעס אַז אַ בעקעריי דאַרף דאָ בלויז „העַנט״,
אָבער נישט קיין חלות־מאַכער.
ס׳נעמלעכע צו הערן פון טלית־מאַכער,

פון קיטל־מאַכער,
פון שוסטערס, פון שניידערס, פון היטל־מאַכער
און נייערס פון קנעפּלעך.
כ׳פאַרגעס אַז אַ ווייבל נוצט דאָ נישט קיין טעפּלעך,
קיין האַק־מעסערס, קיין פענדלעך –
זי עפנט קענדלעך
און דערמיט איז זי יוצא.
מיט אַזאַ באַלעבאַטישקייט ס׳פאַמיליען־לעבן בויט זי.
אירע טעפּ זידן נישט, איר אויוון אָן אַ פלאַם איז.
כ׳פאַרגעס אַז מאַמעס ווילן דאָ נישט זיין קיין מאַמעס.
ווען ס׳בעיבעלע בעט זיך: „דיין מאַמעדיקע מילך
וויל איך!״
פאַרשטאָפּט זי ס׳פּיסקל פון יאַטל
מיט אַ „באַטל״.
אונזערע חוה׳ס ווילן דאָ נישט חוה׳נען.
כ׳פאַרגעס אַז מ׳מוז דאָ יאָגן, האַוונען,
אַז מ׳מוז דאָ לעבן האַסטיק.
כ׳שיק נישט מיין ווייב צו אַ „סוירדזשן פּלאַסטיק״,
ער זאָל איר מל׳ע זיין די נאָז.
מיין גרינקייט אין אַזש אָן אַ מאָס,
רבותי!
ווען כ׳הער ווען אַ שרייבער פון די גאָר־גרויסע,
פרעג איך: „וואָס שרייבט ער? וואָס טראַכט ער?״
און כ׳פרעג נישט „וויפל מאַכט ער?
וויפל איז ער ווערט?״
הערט אידן, הערט:
כ׳בין אַזאַ גרינער,
אַז „טשיקנס״ רוף איך נאָך אַלץ הינער.
כ׳טראָג נישט קיין „שוירטס״ נאָר העמדער,
כ׳דריי מיך דאָ אַרום ווי אַ פרעמדער
ווי אַ נעכטיקער
אין אָט דער מעכטיקער
מדינה!
כ׳בין אַ גרינער שבגרינע!

איז טאַקע קאָלאָמבוס געווען אַ איד?

אַ דיסקוסיע

וואָס זאָגט אַ ניין־זאָגער?

איך האַלט אַז קאָלאָמבוס איז אונז אַלעמען טייער,
אָבער מ׳דאַרף אים נישט זיין מגייר.
מ׳וועט באַלד אויפווייזן אַז דער נייער מאַקעבעיער
האָט נישט געהייסן קאָלאָמבוס, נאָר „משה קאָלאָמעיער״;
אַז ער פלעגט זיינע קינדער פאַרוויגן
מיט אַ מאָדזשיצער ניגון.
אַ צווייטער פאָרשער,
(אַ איד אַ לאָדזשער אָדער אַן אָרשער),
וועט קומען מיט אַ חידוש
אַז נישט בלויז האָט קאָלאָמבוס געשריבן אידיש,
נאָר אַז קאָלאָמבוס, דער גאון פון געאָגראַפיע,
האָט געשריבן אידיש מיט דער נייער אָרטאָגראַפיע,
אָן אַ שטומער „ע״ און אָן אַ שטומער „ה״,
נישט „אוי וועה״, נאָר „אוי ווי״,
נישט „הימעל״, נאָר „הימל״;
אַז ער האָט גענוצט אַ „קוף״ אַנשטאָט אַ „גימל״,
ער האָט נישט געשריבן „צוויבעריג״, נאָר „צויבעריק״,
„כדת איוואָ ובויבעריק״.
די אידישע פאַנטאַזיע וועט ווערן אַ צעשפּילטע.
מ׳וועט זאָגן אַז ער האָט געגעסן פיש געפילטע
מיט חלות,
אַז אויף זיין מאַסטבוים האָט געפלאַטערט אַ טלית
אַנשטאָט אַ פאָן.
אַז יעדן פרימאָרגן, ווען ס׳קרייט דער האָן,
האָט ער געדאַוונט פון פאָרנט.
אַז ווען דער ים האָט זיך צעצאָרנט.
האָט ער אים איינגעשטילט מיט׳ן רבי׳נס כוח!
איך האַלט, אַז קאָלאָמבוס איז סיי־ווי הימל־הויך,

אפילו ווען ער האָט נישט געשלאָגן קיין כפרה!
מיט אונז אידן איז אַ שטיקל צרה,
רבותי,
אויב אַ פערזענליכקייט איז אַ גרויסע,
דרינגען מיר אַז זי מוז זיין אידיש!
לאָמיר־זשע קאָלאָמבוס׳ן נישט מכבד זיין מיט קידוש,
לאָמיר אים נישט אָנטאָן קיין ציצית.
אָן קאָלאָמבוס׳ן גענוג פעט די אידישע גריץ איז.
לאָמיר נישט פאַבריצירן אידן פרישע פון דער נאָדל.
לאָמיר לאָזן פאַר די גויים אויך אַ שטיקל גדול!

איז טאַקע קאָלאָמבוס געווען אַ איד?

וואָס זאָגט אַ יאָ־זאָגער?

ס׳איז ביי מיר נישטאָ קין קלער,
אַז דאָס פאָלק, וואָס זשאַלעוועט ניט יום כיפּור קיין טרער,
וואָס טאַנצט שמחת תורה מיט׳ן אמת׳ן אידישן ריטם,
וואָס שאָקלט מיט׳ן לולב, מיט׳ן אתרוג און מיט׳ן פּיטום,
וואָס זיצט אין סוכה מיט סכך באַ׳סככ׳ט,
וואָס שטייט אויף צו סליחות אינמיטן דער נאַכט,
אפילו אָן אַ וועקער,
אַז אָט דאָס פאָלק האָט געבוירן אַמעריקע׳ס אַנטדעקער!
ס׳איז אמת שבאמת,
אַז אַ איד דער געפינער פון מדינת אָנקל סעם איז,
אַז עס איז נישט קיין פאַבריצירטע טעאָריע!
ווער דען וועט אַרומזוכן אַ נייע טעריטאָריע
און זיך לאָזן איבער ימ׳ען וואָס שטורמען און זידן,
אויב ניט אַ איד פון אונזערע אידן,
אַן אייניקל אברהם אבינו׳ס און שרה׳ס,
אַ איד וואָס ווייטאָגט מיט אידישע צרות!
כ׳בין מסכים אָן שום רעזערוואַציע,
אַז קאָלאָמבוס איז אַ קינד פון דער אידישער נאַציע.

כ׳בין זיכער אַז ווען דער ים האָט זיך צעשטורעמט,
צעטורעמט,
און געדראָט צו צעשמעטערן זיין שיפקע,
האָט ער געדאַוונט צום גאָט פון שרה, רבקה,
און ער האָט אין דער שטיל אים
געזאָגט תהילים.
ער האָט געזאָגט אַן אייגענעם „מזמור לדוד״:
„טאַטעניו, דו ווייסט דאָך אַז כ׳זוך דאָ ניט קיין כבוד
און אַוודאי ניט קיין רויב, קיין פאַרמעגן,
אַזוי ווי עס זוכט אויף די ימ׳ישע וועגן
יעדער פיראַט דאָ, יעדער רשע!
דו ווייסט דאָך, אַז כ׳פאָר זוכן דיינס אַ יבשה,
וואָס איז פאַר אַלעמען פאַרהוילן.
ס׳וועלן זיך דאָרט ראַטעווען פון רוסלאַנד, פון פוילן,
פון ליטע, פון רייסין,
פון שפאַניע, פון פרייסן,
אידן אַנטלאָפענע פון תליות, פון העק.
טאָ בעט איך דיך, טאַטעניו, דערפיר מיך צום ברעג,
וואָס באַשערט צו אַנטפלעקן איז מיר –
לדוד מזמור!״
און גאָט האָט אויסגעהערט קאָלאָמבוס׳עס שטילע
תפילה,
די האַרציקע, די טרעריקע,
און האָט אים צוגעפירט צו אַמעריקע!

וואָס איז קאָלאָמבוס געווען – אַ גוי צי אַ איד?

דאָס לעצטע וואָרט האָט אַ נייטראַלער איד

יעדעס מאָל פלאַצן נייע באָמבעס
וועגן קריסטאָפער קאָלאָמבעס,
ווען דיכטער האַלטן אין איין באַזינגען.
מ׳הערט נישט אויף זיך צו דינגען,

צי איז ער געווען קריסטליך־קאַטויליש,
אָדער גע׳אידיש׳ט מוהל׳יש ?
צי האָט ער גע׳שבת׳ט אין שול, אָדער גע׳זונטאָג׳ט אין קאַטעדראַלע ?
אָבער איך בין אַ איד פון די נייטראַלע !
ס׳אַרט מיך נישט ווער ס׳איז געווען זיין בורא,
און וואָס ער האָט געגעסן שמחת תורה —
אַ האָז געפרעגלט, צי קרויט געוויקלט,
און צי האָט ער זיך געציקלט
ביי דער תפילה פון „טל ומטר״ ?
פאַר מיינטוועגן מעג ער אפילו זיין אַ טאָטער,
אַבי מיר האָבן צוליב אים קאַנהאָרע דאָ
פלאָרידאַ,
וואו ס׳אידישע פאָלק ריטאַיערט !
כ׳וויס נישט וועלכן „פייערטאָג״ ער האָט געפייערט ?
כ׳וויס ניט פון וועלכן טעסטאַמענט קאָלאָמבוס האָט געהאַלטן,
צי פון נייעס, צי פון אַלטן ?
צי ר׳האָט געגליכן ווייס־בלוי, צי איריש־גרינס,
אַבי ער האָט אונז געגעבן קווינס,
ס׳אַרט מיך נישט צי דער קאָלאָמבעס
האָט געגעסן פלייש מיט גלאַט־כשר׳ע פלאָמבעס,
צי ער האָט געהאַלטן פון אַ רב, צי, להבדיל, פון אַ פאָפּ.
ס׳אַרט מיך נישט צי ער האָט געהאַט אַ גוי׳אישן קאָפּ,
אָדער אידישע סמעקאַלקע,
און צי ער האָט געפראַוועט מלוה־מלכה
מיט הערינג און אַ קאַרטאָפעלע,
אַבי ער האָט אונז געגעבן באָפעלע !
אַבי ער האָט אונז געגעבן סינסינעטי,
וואו רעפאָרמער, וואָס דאַוונען אָן אַ „העט״ הי,
און האָבן אונז דערלאַנגט די זעלטענע מתנה :
אַן איינטאָגיקן ראש השנה !
כ׳וויס נישט צי ער האָט כפרה׳ועט מיט ווייסע הענער,
צי ער איז געווען אַן איטאַליענער,
אַ איד, צי אַ שפּאַניער,
צי ער האָט פסח געטרונקען חמצ׳דיקן שאַמפּאַניער,

אָדער אַרבע כוסות מה נשתנה׳קע,
און צי ער האָט געצונדן אום חנוכה
אַ מנורה אַן אַכט־רעריקע —
אַבי ער האָט אַנטדעקט אַמעריקע!

ווער איז אַ איד?

אנקעטע דורכגעפירט פון יאָסל דעם גרינעם

וואָס זאָגט אַ רעפאָרם־איד

טייערער יאָסל,
אַ איד איז נישט דער וואָס ווייקט זיך אין חסידישן ראָסל
וואָס דאַוונט שבת דריי מאָל
אין אַ שטריימל,
וואָס וועקט זיך צו סליחות כאָטש ער אין טיפן שלאָף איז,
אַ איד איז נישט דער וואָס גייט צו הקפות
אין אַ שטיבל גערערדיק אָדער חבד׳יק,
און מיט דער הקפה פון „דזשאָזעף הצדיק״
טאַנצט ער קאַראַהאָדיק
אין אַ ספּאָדיק.
אַ איד איז נישט דער וואָס זיצט איבער די גמרא׳ס,
וואָס שלאָגט כפרות
מיט אַ האָן וואָס קרייעט קוקוריקואיש!
אַ איד איז בלויז דעמאָלט „דזשואיש״
ווען ער דאַוונט אין אַ טעמפּל אַ רעפאָרמירטן,
אַ ציוויליזירטן,
אָן שאָקלענישן און גרימאַסן.
מען שטייט דאָרט רואיק און געלאַסן,
און מ׳דאַוונט דאָרט פון אַן ענגלישן מחזור.
מ׳זאָגט אונדז, אַז ס׳איז אונזער אידישקייט שוואַך זער,
אַז אונזערע עבירות וועגן זעקס טאָן,
ווייל אונזער שול האָט אַ „סעקסטאָן״
און ניט קיין שאַמעס.

אַ איד, זאָגט מען, וואָס דאַוונט ניט ווי אונזערע מאַמעס,
וואָס מאַכט נישט קיין קידוש
אויף אידיש,
איז גאָרנישט ווערט!
אָבער איך זאָג פאַרקערט:
בלויז אַזאַ איד — אַ איד איז,
וואָס פראַוועט אַן ענגלישן שאַלעשידעס!

וואָס זאָגט אַ אידישיסט?

ליבער יאָסל, וואָס דו טאַנצסט אויף יעדן יאַריד!
דו ווילסט ויסן ווער ס'איז אַ איד?
אַ איד איז נישט דער וואָס קעמפט קעגן פאָניע
מיט פיקעטס פאַר דער פילהאַרמאָניע.
אַ איד איז נישט דער וואָס איז פאַרהיפּיט,
פאַראיפּיט,
פאַרקאָסיגינט, פאַרקאָמסאָמאָלט!
אַ איד איז נישט דער וואָס זינגט ירושלים פון גאָלד
און טאַנצט אַ האָראַ,
אַ איד איז נישט דער וואָס פאַריאָגט דעם יצר הרע
און וואָס אַנטלויפט פאַר אַן אשת־איש,
אַ איד איז נישט דער וואָס זיצט ביים רבינ'ס טיש
און כאַפּען שיריים זיין דזשאַב איז,
אַ איד איז נישט דער וואָס איז אַ שומר שבת
אַ איד איז בלויז דער וואָס איז אַ שומר־אידיש!
אַ איד איז דער וואָס לעבט מיט „ייוואָ" ידידיש,
און „יוזט" נישט קיין שפּראַך קיין צעדרייטע.
אַ איד וואָס זאָגט קאַרטאָפל, נישט פּאָטייטע,
וואָס זאָגט נישט העלאָו, נאָ סקאָצל קומט,
אַזאַ איד פון אַן עכט־אידישן שפּראָצל קומט.
אָבער אַ איד וואָס זאָגט נישט מאָגן, נאָר סטאָמעק,
אַזאַ איד דערפירט אונז צום תהום־עק.
אַזאַ איד דאַרף מען פאַריאָגן.

אַ איד וואָס האַלט אין איין קלאָגן,
אַז ס׳איז אין אַ „בעד שעיפּ״ ער,
וואָס ליינט נישט קיין בלאַט, נאָר אַ „פּעיפּער״,
וואָס האָט נישט קיין חשק, נאָר אַ דיזאַיער,
אַזאַ איד איז נישט ווערט קיין דרייער.
אויב אַ איד רעדט נישט קיין ענגליש־אידישן שעטנז,
אויב זיין מלבוש נישט פון „קאַטן״ איז,
נאָר פון ביינוול.
אויב ער הייסט נישט סאַל, נאָר זיינוול,
אויב זיין ווייב הינדע
קוקט נישט אַרויס פון „ווינדע״
נאָר פון פענצטער —
אַזאַ איד איז דער שענסטער שבשענסטער.
אַזאַ איד איז פּימסנהאָלץ,
געזימעסנהאָלץ!
אַ איד וואָס זאָגט נישט „רוסטער״ נאָר האָן,
אַזאַ איד דאַרף זיצן אויבנאָן.

וואָס זאָגט אַ סאַטמאַרער חסיד?

ליבער יאָסל.
כ׳האָב געפרעגט מיין רבין דיין וואָפּראָסל,
האָט מיין רבי געזאָגט אַזוי:
דער יאָסל איז טאַקע אַ גוי
גמור.
ס׳האָט אַ טריפה׳נע נשמה ער.
ס׳איז טמא ער
לויט אַלע דינים.
כ׳מיין דאָ „יאָסל דעם גרינעם״,
וואָס שרייבט די גראַמען.
נאָר אויב דו ווילסט, זאָג אים דעם „אני מאמין״
פון סאַטמיר.
וואָס שאַדט מיר

אַז דער רשע
וועט נאָכזאָגן מיין דרשה
און אידן וועלן זיך דערקוויקן
און האָבן אַ תיקון?
בקיצור, די שאלה „ווער איז אַ איד?"
האָט דעם רבין אינגאַנצן צעקאָכט, צעבריט.
ער האָט וועגן דעם געטראַכט
אַ גאַנצע נאַכט
און אַ גאַנצן טאָג
און אָט איז זיין זאָג:
צו זיין אַ איד איז נישט אַזוי פשוט!
מעג אַ איד זיין אַ צדיק, מיט רשעים נישט פאַר׳רשע׳ט
און טאָן יעדן טאָג מצוות נייע,
מעג ער זיצן גאַנצע טעג איבער „אמר אביי"
און יעדן טאָג לערנען הונדערט בלאַט מיר,
אויב ער טאַנצט נישט מיט אונזער סאַטמיר
דעם אַנטי־ישראלדיקן טשאַרדאַש,
מעג ער אפילו דאַווענען נוסח ספרדיש
התלהבותדיק, צעגליט —
איז ער נישט קיין איד!

דיסקוסיע וועגן סעקס אין דער אידישער ליטעראַטור

אַ קעגנער פון ליטעראַרישן סעקס האָט דאָס וואָרט

איך האַלט, אַז שרייבערס טאָרן ניט באַרימט ווערן אין זכות פון זנות.
זאָלן די ווייבער וואָס ווערן באַשריבן דורך אידישע פאָעטן שלאָפן אין זייערע אייגענע בעטן.
זאָלן זיי ניט פאַרראַטן זייערע מענער יעדע צוויי־דריי טאָג, יעדן מאָנטיק און פרייטיק.
זאָלן זיי זיך נישט לאָזן פון יעדן מאַן האַלדזן און קושן.
זאָלן כלות וואַרטן ביז חופה וקדושין

און נישט כאַפּן די פּיש פּאַר די נעץ.
זאָלן זיך מענטשן ניט ליבן אַזוי ווי קעץ
אויפן בוידעם.
זאָל זיך דער ראָמאַן־העלד ניט רימען אַז ס׳קושט יעדע מויד אים,
אַז ווען זי דערזעט אים, צאַפּלט זי,
חלשט זי, מפילט זי
און זי קוקט אים אין די אויגן צי וויל ער.
אַ אידישער שרייבער דאַרף נישט זיין קיין הענרי מילער
קיין פיליפּ ראָט, קיין באָקאַטשיאָ.
זאָל ער שרייבן ווי ס׳איז געשריבן מענדעלעס „קליאַטשע״,
וואָס באַגייט זיך אָן אַ בעט, אָן אַ מיטה.
אויב דער העלד פון ראָמאַן איז אַ איד פון ליטע
און די העלדין איז אַ ווייבל פון פּוילן,
דאַרף ער ביי איר אַזוי לייכט נישט פּועלן...
יעדער קוש דאַרף אים אָנקומען מיט גרינע ווערים.
זי דאַרף זאָגן „נאָ סער״ אים.
ער דאַרף דערויף גוט האָרעווען.
יעדער קוש דאַרף אים אָנקומען דאָס יצר־הרע׳ווען.
אויב ער וויל מיט איר קנעלן דעם שיר השירים,
דאַרף זי ווייזן די טיר אים.
מעג ער זיין ווי הערקולעס שטאַרק, ווי אַפּאָלאָ צויבעריק
אַ אידיש ווייבל דאַרף נישט פאַרקריכן קיין בויבעריק.
זי דאַרף גדענקען ווי זי האַלט.
אויב מ׳קוקט זי אָן הייס, דאַרף זי ענטפערן קאַלט,
אויב דער העלד איז אַ חוצפה׳ניק, אַן עזות־פּנים,
מעג זי אויסהאַקן אַ צאָן אים
און אים משלח זיין.
זאָל זי ניט קיין קרבן אויפן שרייבערס מזבח זיין!
געדענקט שרייבערס, אַ אידיש ווייבל מעג פירן אַ ראָמאַן
בלויז מיט איר מאַן!

אַן אָנהענגער פון סעקס האָט דאָס וואָרט

כ׳ווייס נישט פאַרוואָס מ׳וויל אַז אידישע ליטעראַטור
זאָל נישט האָבן קיין שום שפור,
קיים שום אָפּשיין, קיין שום רעפלעקס
פון סעקס!
אויב אַזוי דאַרף דאָך דער שרייבער צעברעכן די פענע!
ליטעראַטור איז דאָך נישט קיין „צענערענע״,
וואָס זאָגט, אַז ס׳איז אַ ביטערע גזירה
צו טאָן אַן עבירה,
אַז ס׳איז דער ערגסטער בזיון
נישט בייצושטיין קיין נסיון!
ליטעראַטור מאַכט נישט צווישן די געשלעכטער קיין מחיצה.
אויב מ׳שרייבט אַ סקיצע
אָן אַ קאַפּעטשקע זינד,
איז אַ שאָך דער טינט
און דאָס פּאַפּיר!
אויב זי געפעלט אים און ער געפעלט איר
און מ׳שעפּטשעט זיך אין אויער פאַרסודעט;
אויב אַ בן ישראל איז זיך מתבודד
מיט אַ בת ישראל
און זיי ווערן פון זיך ביידע נתפעל,
מוז דאָך דער שרייבער געבן דעם קינסטלערישן אמת!
סיי ווען די ליבע אין לאַנד פון אָנקל סעם איז,
סיי ווען דער ראָמאַן
שפּילט זיך אָפּ אין בּיראָ־בידזשאַן,
פאַלט זיך דאָך ס׳פּאָרל אויף די העלדזער.
מעג ער אַפילו שטאַמען פון חסידים בעלזער
און זי פון לובאַוויטשער, וואָס זענען פאַר׳חבד׳עט,
ווערט זי פאַרטשאַדעט
און ער ווערט מטושטש,
און ס׳ענדיקט זיך ביים קוש־טיש,
אָדער ס׳ענדיקט זיך נאָר הייסער.

אַזוי טוט סיי אַ שוסטער, סיי אַ קיסר.
ביידע ווילן פון לעבן געניסן
פאַר וואָס זשע קומט דעם שרייבער צו שיסן
ווען ער שילדערט די גאַנצע פּראָצעדור
אין דער ליטעראַטור
און ער רופט אָן זאַכן ביי די נעמען?
אויב ס׳פּאַרל שעמט זיך נישט, זאָל ער זיך שעמען?

אַ געגנער פון סעקס נעמט ווידער דאָס וואָרט

רבותי, די אידישע ליטעראַטור באַקט איצט אַ פריש געבעקס –
ס ע ק ס!
אַנשטאָט איין ווייב האָט מען זעקס,
זיבן!
פון דער אַמאָליקער צניעות איז גאָרניט געבליבן.
ווייבלך אשת־איש׳דיקע און מיידלך פאַר׳כלות׳טע
זאָגן יעדן מאַנספּאַרשוין „פּאָזשאַלוסטאַ״
און וואַרפן זיך אין זיין אָרעם!
דעריבער האַלט איך ניט פון די וועלטליכע אידישע ספרים.
כ׳האַלט ניט פון די בעלעטעריסטן און פּאָעטן
וואָס נישטערן אין די בעטן,
וואָס קראַצן
אין די מאַטראַצן
און זוכן דאָרט ליטעראַטור...
און ווען זיי דערטאַפּן דאָרט אַ שפּור
פון זינד,
מאַכן זיין אָן אַזאַ ווינט,
אַז די וועלט עקט זיך.
אפשר געפינט זיך עמיצער וואָס דערמיט באַלעקט זיך,
אָבער איך האַלט ניט פון שרייבערס וואָס זייער שרייבעכץ
איז פול מיט ווייבעכץ!
איך האַלט אַז אַ אידיש ווייבל טאָר נישט זיין צופיל ראָמאַנטיש.
זי דאַרף ניט זיצן ביי אַ דאָן זשואַן־טיש,

אַזוי ווי זי טוט אין די היינטיקע ביכלעך.
אויב זי האָט ברויט דאַרף זי ניט זוכן קיין קיכלעך,
קיין מאַרצעפּאַנעס.
זי דאַרף וויסן אַז דער אייגענער מאַן דער בעסטער מאַן איז.
און אויב ס׳פּאַסירט שוין יאָ אַז מיט׳ן יצר הרע מ׳באַהעפט זיך,
(ס׳זאָל אַזוי ניט טרעפן ווי ס׳טרעפט זיך),
דאַרף דער שרייבער ניט שילדערן אַלע פּרטים,
אַז ס׳זאָל אַזש פאַרכאַפּן דעם אָטעם.
פון יצר־הרע דאַרף ניט זיין קיין שליח ער.
ער דאַרף דאָס אָפּ׳פּטר׳ן וואָס גיכער.
ער דאַרף ניט דערלאַנגען גאַנץ עולם הזה
אויף אַ וואַזע.
זאָל זיך אָפּשפּילן דער זינדיקער ראָמאַן
הינטער אַ ליטעראַרישן פאַראַוואַן!

דיסקוסיע וועגן „קריעת ים סוף״

אין זיין ענגלישער חומש־איבערזצונג האט דער באַרימטער אידישער תנ״ך־פאַרשער, פּראָפעסאָר הערי אָרלינסקי, איבערזעצט „קריעת ים סוף״, אַז די אידן זענען אַריבער נישט איבער אן אמת׳ן ים, נאָר איבער זומפן, איבער בלאָטעס.

וואָס זאָגט אַ חסידישער איד?

כ׳האַלט אַז פּראָפ. הערי׳ס מיינונג חוזק און שפּאָט איז!
ס׳הייסט אידן זענען דורכגעגאַנגען דורך בלאָטעס
ווען ס׳האָט זיי געיאָגט פּרעה פון רעמסס און פּיתום ?
וואַזשנע ניסים
דערלאַנגט אונז פון נייעס חומש דער מחבר !
ס׳מאַכט דעם אמת׳ן דזשאַב ער!
צוליב אַ ביסל בלאָטע די שמחה אַזוי גרויס איז ?
צוליב בלאָטעס, געדיכטע צי שיטערע,
דאַרף מען שלינגען קרייטעכצר ביטערע ?
מרור ?

זאָגט אַליין, איז דעם פּראָפעסאָר׳ס פּירוש אַ קלאָרער ?
ווי קענען מיר אָננעמען דעם פּראָפעסאָר׳ס חקירה ?
ביים איבערגיין בלאָטעס וואָלטן אידן געזונגען שירה ?
און די בלאָטעס האָבן זיי אפילו נישט באַנעצט די קליידער!
אויב אַזוי, צו וואָס פּראַוועט מען דעם סדר ?
צוליב אַ בלאָטע זינגט שיר השירים די מלכה
מיט אַ קול זיס ווי אַ נאַכטיגאַלקע ?
אָט אַזאַ „יציאת הבלאָטע״ הייסט היינט וויסנשאַפט ?
ס׳וועט דאָך ווערן אַ צעריסנשאַפט,
אַ קידער־ווידער
צווישען די אידן פון אַלטן און נייעם סידור,
צווישן די „בלאָטע־אידן״ און די „ים־אידן״
צווישן די „וויסנשאַפטליכע־אידן״ און די „סתם־אידן״,
צווישן די חסידים דאָקטאָר הערץ׳ס און די חסידים בעלזער
ס׳וועלן זיך רייסן ביי די העלזער,
די אידן די רעפאָרמירטע מיט די אידן די געטרייע,
די אידן פון „אמר ר׳ הערץ״ און פון „אמר אביי״ !
דעריבער האַלט איך אַז קיין שום איש
טאָר נישט גלויבן דעם פּראָפעסאָר׳ס חומש!

דיסקוסיע וועגן קריעת ים־סוף

וואָס זאָגט אַ פּאַרטיידיקר פון פּראָפעסאָר ארלינסקי?

כ׳ווייס נישט וואָס מ׳מאַכט אַזאַ טאַראַראַם
צי אידן זיינען דורכגעגאַנגען דורכ׳ן ים,
צי דאָס פאָלק פון גאָט איז
דורכגעגאַנגען דורך בלאָטעס ?
פאַר מיינטוועגן האָבן זיי געמעגט דורכגיין דורך אַ וואַנע,
אַבי מ׳פרעגט „מה נשתנה״
און מ׳טרינקט „ארבע כוסות״ !
ס׳אַרט מיך נישט ווי אַזוי ס׳פאָלק פון מצרים אַרויס איז,
ווי אַזוי מ׳איז אַרויסגעפירט געוואָרן דורך משה׳ן

פון גושן
נאָך דער קאַטאָרגע פון פּיתום און רעמסס —
צי אַ בלאָטע געווען ס׳איז, צי אַ ים ס׳איז,
אַזוי ווי ס׳האָט געלערנט דער מלמד אין חדר,
אַבי מ׳זיצט ביים סדר
אין אַ יאַרמלקע,
מ׳טרינקט אַ גלעזל כרמל׳קע
און מ׳זינגט צו דער מלכה „שיר השירים״ און „ישקני״!
ס׳אַרט מיך נישט ווי אַזוי משה רבינו
האָט געמאַכט געשיכטע,
צי ער האָט אונז אַריבערגעפירט איבער בלאָטעס געדיכטע,
צי איבער כוואַליעס שוימנדיקע,
אַבי מ׳עסט מצות אפיקומנ׳דיקע,
כרעמזלעך מיט גענזן־שמאַלץ, געפּרעגלט היימיש,
זאַלצוואַסער געמישט מיט אַן איי־מיש,
און האָט נישט קיין פּאַראיבל,
געפּרעגלטע ציבל!
כ׳ווייס נישט ווער ס׳זאָגט אמת,
צי דער פּראָפעסאָר וואָס אַ ראַבאַי אין מדינת אָנקל סעם איז,
וואָס לעקטשורט פון דער קאַטעדרע קאַטעדריש,
צי דער אַלטער מלמד פון בעסמעדרעש?
כ׳בין אויף די אַלע זאַכן נישט מדקדק!
ביי מיר איז נישט דער עיקר די טעאָריע נאָר די פּראַקטיק.
ס׳אינטערעסירן מיך נישט די אַלע וויסנשאַפטליכע דריידלעך.
כ׳מיין נישט די הגדה, נאָר די קניידלעך!

צי דאַרף אַ רב האָבן אַ באָרד, צי ניין?

דיסקוסיע

וואָס זאָגט אַ פּאַרטייִדיקער פון רבנים אָן בערד?

איך האַלט אַז אַ רב אָן אַ באָרד
קען אויך זיין פאַר׳קדוש׳ט און פאַר׳טהור׳ט,

פונקט ווי אַ רב מיט אַ באָרד.
אָפּשערן אַ באָרד
האָט מען טאַקע אַמאָל נישט געטאָרט.
אויף אַ רב וואָס האָט געגאָלט די באָרד,
האָט מען אויסגעטראַכט אַלץ וואָס אין דער קאָרט.
אָבער היינט, ווען אַן עראָפּלאַן פליט און אַ סאָבוועי פאָרט,
מעג אַ רב׳ס גאָמבע זיין נישט פאַר׳האָר׳ט.
אפילו אַ רב אָן אַ באָרד
קען קומען אויף יענער וועלט מיט תורה אָפּגעשפּאָרט,
מיט עבירות בלויז אַ גלעזעלע און מצוות אַ גאַנצע קוואָרט,
און ער קען זיצן אין גן־עדן מיט צדיקים געפּאָרט!

וואָס זאָגט אַ געגנער פון רבנים אָן בערד?

רבנים אָן בערד
האָבן ביי מיר אַ קנאַפּן ווערט.
מעגן זיי זיין זקנים, וואָס זייער יוגנט איז שוין פאַרצערט,
אָדער יונגעלייט וואָס זענען פאַרשוויגערט און פאַרשווערט.
רבנים וואָס האָבן נישט קיין בערד
זענען צופיל אויפגעקלערט.
תשעה באב זיינען זיי אויך פאַרטרערט,
אָבער זיי זיצן נישט מיט די זאָקן אויף דער ערד,
אויף ביינקלעך וואָס זיינען איבערגעקערט.
אידישקייט ווערט דורך זיי ווייניק פאַרמערט,
אַפּיקורסים ווערן דורך זיי צו אמונה נישט באַקערט.
פון אַמאָליקער פרומקייט זיינען זיי אויסגעלערט.
זייערע תפילות ווערן אין הימל אפשר אויך דערהערט,
אָבער ערשט נאָך די תפילות פון רבנים מיט בערד.
די רבנים אָן בערד
גלויבן אויך אַז גאָט׳ס קול איז אויפ׳ן סיני געוואָרן געהערט.
ס׳זענען אָבער דאָ רבנים אָן בערד
וואָס זאָגן, אַז ווען יהושע האָט ביי יריחו געקעמפט מיט׳ן שווערד,
האָט ער נישט אָפּגעשטעלט די זון, נאָר פאַרקערט —
ער האָט אָפּגעשטעלט די ערד.
זיי גלויבן ניט, אַז אַלץ וואָס איז געוואָרן, וועט ווערן און ווערט —

איז פון הימל באַשערט.
מילא ווען אַ רב זיין באָרד אויף אַ קמצ׳ל שערט,
האָט ער נאָך אַ שטיקל ווערט,
קען ער נאָך פון קהל ווערן געערט.
ווען ער גלייכט אָבער אויס די באָרד מיט דער ערד,
זעט ער אויס ווי אַן אַקטיאָר וואָס זיך אין ליבע דערקלערט,
אָדער ווי אַ קאַובאָי וואָס רייט אויף אַ פערד,
אָבער נישט ווי אַ רב וואָס זיצט ביי שאלות פאַרקלערט
און פסק׳נט אַז ס׳איז פאַרווערט
מיט אַ פליישיקן צימעס צו ווערן דערנערט,
אויב אַ טעפל מילך האָט זיך דאַרויף איבערגעקערט.

וואָס זאָגט אַ צווייטער פאַרטיידיקער פון רבנים אָן בערד

ליבע אידן, כ׳ווייס ניט פאַרוואָס מ׳פאַרגיסט אַ טרער
צוליב אַ בריטווע, צוליב אַ שער,
צוליב אַ שטיקל אייזן, צוליב אַ שטיקל שטאָל?
וואָס גייט עס אָן קהל
וואָס ס׳טוט זיך ביים רב אויף דער גאָמבע?
כ׳האַלט אַז אַ באָרד איז ניט קיין אַטאָמישע באָמבע
וואָס קען מציל זיין אידישקייט פון פאַרניכטונג,
אַזוי ווי ס׳טענה׳ט די ריכטונג
וואָס פאַרהייליגט בערד.
כ׳האַלט, אַז אויב אידן איז באַשערט
צו לעבן, צו עקזיסטירן,
מעגן זיי זיך ראַזירן
פון היינט ביז נעכטן,
מעגן זיי שעכטן
די בערד,
וועלן זיי אַלץ בלייבן אויפ׳ן פערד.
לויט חכמת אַנאַטאָמיע
האָט די באָרד אויטאָנאָמיע,
זי פירט אַ זעלבסטשטענדיק לעבן,
זי קאָן גאָרניט נעמען און גאָרניט געבן.
מעג די באָרד זיין אַ געלע צי אַ גראָע

האָט זי ניט קיין השפּעה.
מ׳קאָן האָבן אַ באָרד אַ שוואַרצע, אַ בלאָנדע, צי אַ רויטע,
און פונדעסטוועגן זיין אַ שוטה
ביז גאָר.
וואָס איז אַ באָרד? אַ בינטל האָר
צעשויבערט,
וואָס מוזן ווערן געזויבערט
מיט אַ קאַס,
וואָס־זשע מאַכט מען אַזאַ טאַראַראַם
מיט אַ קאָלטן?
פאַרוואָס שרייט מען, אַז אַ רב אָן אַ באָרד איז פאַרשאָלטן,
און מיט אַ באָרד זעט ער אויס רבי׳דיק, גבאי׳ג!
איך האַלט, אַז אַ באָרד איז ווערט אַ שמעק טאַבאַק.

וואָס זאָגט אַ געגנער פון רבנים אָן בערד

ליבע לעזער, ס׳גייט אַ דיסקוסיע, מ׳שאַרפט די שווערד
צוליב רבנישע בערד.
די דיסקוטאַנטן גייען אויף פאַרשידענע וועגן —
איינער איז פאַר בערד, דער צווייטער איז געגן.
קומט אַ דריטער און מאַכט אַ פּשרה:
ער זאָגט אַז אַ גרויסע באָרד איז אַ צרה,
זי איז אַלטמאָדיש, זי איז ניט פּראַקטיש,
און ער פּסקנט ביי זיין פּסק־טיש,
אַז רבנישע בערד דאַרפן זיין קליינע,
לא עלינו.
אָבער איך, רבותי,
האַלט גאָר פון בערד — גרויסע,
פון אַ באָרד וואָס ס׳פעלט צו איר קיין האָר ניט.
איידער אַ קליין בערדל, איז גלייכער גאָרניט.
כ׳האָב פיינט ווען אויף אַ רבנ׳ישער גאָמבע וואַקסט אַ שטיקעלע,
אַ שטריקעלע,
אַ שנירעלע.
אַזאַ בערדל איז אַן אָפּן טירעלע
צום יצר הרע, צום מחבל.

אַ רב וואָס מאַכט זיך אַ לייכט דזשאַבל,
וואָס האַלט ניט אַלע דינים פון דער תורה,
איז פאַר מיר ניט קיין סחורה,
קיין וואַרע.
כ׳האַלט ניט פון אַ רב וואָס האָט אויף די באַקן אַ מדבר סאַהאַרע,
בלויז זיין גאָמבע איז פון אידישקייט אַן אָאַזע,
אַ באַזע.
אַזאַ רב איז ריזיקאַליש.
אַן אמת׳ע באָרד מוז זיין פּאַטריאַכאַליש,
זי מוז זיין אַ באָרד שב׳באָרד שב׳בערד.
כ׳מיין ניט אַז זי מוז דערגרייכן ביז צו דער ערד,
אַז זי מוז זיין אַ באָרד אַ פלאַכטע,
אָבער זי טאָר ניט זיין קיין באָרד קיין „לאָמיך־געמאַכטע״ —
זי מוז זיין אַ באָרד על־פּי־דינ׳דיק!
אַ קליין בערדל איז עפּעס וואַקלדיק, ווינדיק.
אַ רב וואָס טראָגט אויף דער גאָמבע אַ קמצ׳ל
איז ביי מיר אַ חמצ׳ל.

דאַרף מען איינפירן געבורט־קאָנטראָל?

איינלייטונג אַ דיסקוסיע

די מענשהייט האַלט זיך אין איין פאַרמערן,
אַזוי ווי אין הימל די שטערן,
אַזוי ווי ביים ים די זאַמדן!
סיי דער עם הארץ, סיי דער למדן,
סיי דער פּראָסטער, סיי דער אינטעליגענט,
זיצן נישט מיט פאַרלייגטע הענט.
צו פאַרמערן די מענשהייט איז מען מוכן ומזומן.
דערמיט איז דער „ער״ פאַרנומען
און דערמיט א י ז „זי״
ביזי.
אַזוי פירט זיך פון קדמונים!

ס׳ערגסטע איז ביי די אביונים
אין די קבצנ׳ישע מדינות,
אין די קאָנגאָס, טשיליס, אין די כינעס,
וואו מ׳גייט האַלב־נאַקעט און באָרוועס.
אָט האָט דאָרט אַ מאַמע אַ קינד געהאַט נאָר וואָס,
האָט באַלד זי אַ 2־טעס, אַ 3־טעס, אַ 12־טעס.
צו פאַרגרעסערן דעם הונגער העלפט עס.
עס הונגערט די מאַמע, דאָס קינד, דער טאַטע.
אַפילו אין די לענדער די זאַטע
שלאָפט אויך ניט דער בן־אדם
אין די בגדים,
איז מען אויך מיט ילדים
די וועלט מזכה.
סיי אין מיאַמי, סיי אין עכו
וויל מען דעם מלאך פון קינדלען
נישט באַשווינדלען.
סיי אַ נאַציאָנאַלער איד, סיי אַן אַסימיליאַטאָר,
האַלטן פון אַ קוואַטער,
פון אַ סנדק.
מעג אַ איד זיין ירושלים׳דיק, אָדער בירא־בידזשאַנ׳דיק,
מעג ער טראָגן אַ באָרד אָדער דערפון נישטאָ קיין סימן איז,
שלינגט זיין ווייב לימענעס,
יאָגט זי זיך מיט אימפעט
צו דער קימפעט.
די בעסטע קאַריערקע
מאַכט היינט אַן אַקושערקע.
מ׳זוכט זי היינט וואו נאָר אַן עק ס׳איז!
נאָך אַ בעסערע פרנסה ווי צו זיצן אין טעקסאַס
און צו שעפּן פון דער ערד רוי־אייל —
איז היינט צו זיין אַ מוהל!

וואָס זאָגט אַן אָנהענגער פון געבורט־קאָנטראָל?

איך הויב אויף מיין קול
פאַר קאָנטראָל!
די לאַגע איז גאָרנישט פויגלדיק.
מעג אַ כלה זיין שוואַרץ־חנ׳עוודיק און גרין־אויגלדיק,
אָדער מעג זי זיין אַ בלאָנדע
דזשאָקאָנדע,
מעג זי זיין אַ טעמפּעראַמענטפולע אָדער אַ געלאַסענע —
באַלד נאָך דער חתונה
דערציילט זי דעם מאַן געהיימניספול, סוד׳יש,
אַז זי איז שוין אין ערשטן חודש.
מ׳דערוויסט זיך קוים ווער די שוויגער און שווער איז
איז מען שוין מעוברת
און מ׳פלאָדיעט אָן קינדער גאַנצע זעק!
לאָמיר־זשע מאַכן דערצו אַן עק!
מ׳דאַרף נישט אַז אַ קבצן וואָס האָט נישט קיין שילינג
זאָל האָבן יעדעס יאָר אַ צווילינג.
מ׳קאָן נישט אָנפּאַקן מיט קינדער מיליאַרדן וויגן!
מענטשן זיינען נישט קיין פליגן!
אַ פליג פליט אַרום נאַקעט,
זי דאַרף נישט זיין פאַר׳הויזנ׳ט, פאַריאַקעט;
סיי זי איז פריילײדיק, סיי אַן אשת־איש׳קע
עסט זי די זעלבע קרישקע,
זי דאַרף נישט קיין מאַנטל קיין לייכטן און קיין שווערן —
מעג זי זיך טאַקע מערן
און פאַרפולן די לופט מיט אַ זשומנדיקן ניגון.
אָבער מענטשן זיינען דאָך נישט קיין פליגן!
מעג אַ פרוי זיין פריילײדיק, צי אשת־איש׳דיק,
מוז זי עסן פרישטיק;
מעג זי זיין אַן אינטערעסאַנטע צי אַ נודניצע
מוז זי טראָגן אַ ספּודניצע.
מעג אַ מאַנספּאַרשוין זיין אַ חכם אָדער נאַריש־קאַלב׳יש,

מוז ער טראָגן אַ מלבוש,
מוז ער האָבן אַ מלינה צו מלינה׳ן.
אָבער ווען מענטשן וועלן זיך מערן אַזוי ווי די בינען,
ווער דאָך אויספעלן שפּייז!
ס׳וועלן זיין 10 מיילער צו איין קערנדל רייז.
סיי אין לאַנד פון פּעראָנ׳ען, סיי אין לאַנד פון גאָמולקע
וועלן זיין 50 שותפים צו איין בולקע.
סיי אין ניו יאָרק, סיי אין פּאַריז,
וועט זיין איין פּאָר שיך אויף 20 פּאָר פיס.
די גאַנצע וועלט וועט ווערן בקרוב
חרוב
אָן אַטאָם־באָמבעס, אָן ראַקעטן —
ס׳אומגליק וועט קומען פון די בעטן!

אַ געגנער פון געבורט־קאָנטראָל נעמט דאָס וואָרט

דאָס איינפירן געבורט־קאָנטראָל וואָלט געווען אַ הפקירות!
ווי קאָן מען באַשטימען וויפל אַ בוים זאָל טראָגן פירות?
וויפל עפל, וויפל פלוימען, וויפל באַרנעס?
פונקט ווי מ׳קאָן נישט איינפירן געבורט־קאָנטראָל ביי סאַרנעס,
ביי וויעוויורקעס, ביי האָזן
וואָס שפרינגען אַרום אויף די גראָזן,
פונקט אַזוי קאָן מען עס נישט איינפירן ביי אונז צוויי־פיסיגע!
קינדלען איז אַ מצוה אַ זיסינקע,
פונקט ווי קריאת־שמע פאַרן שלאָפן,
ווי אַ „בורא פּרי הגפן״,
ווי אַ „בורא פּרי העץ״.
אָן קינדער האָט ס׳לעבן נישט קיין רייץ.
אפילו די מאַמע שרה
האָט נישט געוואָלט זיין קיין עקרה
און זי האָט געקינדלט ווען זי איז שוין געווען, לא עלינו,
אַ זקנה.
און אברהם אבינו איז שוין געווען אַ איד אין די יאָרן!

קינדלען איז נישט קיין שום חסרון.
די מענשהייט טאָר זיך נישט פאַרמינערן.
אויב אַ פרוי איז נישט קיין געווינערין,
איז זי אַ פאַרשפּילערן.
סיי אין אַ וואַרעמען קלימאַט, סיי אין אַ קילערן,
סיי אין לענדער הייס־זוניקע, סיי אין קאַלט־לבנה׳ישע,
סיי אין לענדער רייכע, סיי אין קבצנ׳ישע,
וואו אַ בעט — אַ האַרט ברעט ס׳איז,
דאַרפן פאָרפאָלקן נישט קוקן ווי שפּעט ס׳איז
און מיט מחנות קינדער די וועלט פאַרטיילן.
קינדער דאַרף מען נישט ציילן
סטאַטיסטיש.
מ׳ציילט נישט קיין קינדער אויפ׳ן ברית־טיש,
אַזוי ווי מ׳ציילט קנישעס אין אַ קאַפעטעריע.
אויף אַזעלכע זאַכן פירט מען נישט קיין בוכהאַלטעריע.
ווען כ׳זע ווי מענטשן פון בילדונג, פון וויסן,
ציטערן פאַר אַ פאָר ברית׳ן,
איז מיר אויף זיי אַ גרויס רחמנות.
אָן די קוואָקעלעך אַ האָן נישט קיין האָן איז.
און אָן אַ קאַלב אַ קו נישט קיין קו איז.
כ׳גלויב נישט אין די געבורט־קאָנטראָל׳דיקע ישועות.
ווען כ׳הער אַזעלכע דרשות, פאַרשטאָפּ איך מיר ס׳אויער.
כ׳האַלט פונקט קאַפויער:
אַ היינטיק ווייבל דאַרף נאָכטאָן איר באָבען:
זי דאַרף האָבן און האָבן און האָבן!

אַן אָנהענגער פון געבורט־קאָנטראָל האָט ווידער דאָס וואָרט

איך האַלט אַז סיי אין די לענדער פון קאַפּיטאַל, סיי פון „קאָמסאָמאָל"
דאַרף מען איינפירן קאָנטראָל!
מ׳דאַרף די געבורטן באַגרעניצן!
כ׳זאָג נישט אַז מאַן און ווייב דאַרפן געניצן
אין די בעטן,

אַז זיי דאַרפֿן דאָרט לעזן קלאַסישע פּאָעטן
און קינסטלערישע פּראָזע,
אַז זיי דאַרפֿן דאָרט שטודירן שפּינאָזע,
קאַנט און פֿיכטע,
אַז זיי דאַרפֿן זיך דאָרט פֿאַרנעמען מיט רוימישער געשיכטע
און מיט מאַטעמאַטיק.
כ׳האַלט נישט, אַז אויב חתן־כלה ווערן „הרי את׳יק״
און זיי האָניג־חודש׳ן אויפֿן שויס פֿון דער נאַטור,
מעגן זיי רעדן בלויז פֿון ליטעראַטור,
פֿון „פֿאַוסט״, „אָטעלאָ״, „סאַמסאָן און דלילה״.
כ׳זאָג נישט, אַז ער טאָר חלילה
נישט געבן קיין גלעט אויפֿן גראָז איר.
כ׳מיין נישט אַז ער מוז זיין אַ נזיר,
אַז אויב זי וויל אַ קוש, מוז זאָגן „לא״ ער.
כ׳האַלט פּונקט קאַפּויער:
אַז נאָך דער חופּה, נאָכן חתן־כלה׳ווען,
דאַרף מען זיך גאָרנישט זשאַלעווען.
מ׳מעג זיין ראָמאַנטיש געשטימט נאָך דער הייראַט.
מ׳דאַרף נישט רעדן בלויז וועגן פּאַרטיי־ראַט,
וועגן וואַלן, קאָנווענשאָנס, קאָנגרעסן!
אויב זיי ווילן די פּרוכטן פֿון ליבע־בוים עסן,
זאָלן זיי געניסן!
ס׳קומט זיי דערפֿאַר נישט צו שיסן!
זיי מעגן זיך ליב האָבן ווען ס׳האַרץ גיט אַ פּלאַטער!
אפֿילו דער שולחן ערוך איז דאָס מתיר.
אויף זייער ליבע זיינען זיי באַלעבאָס!
אָבער אַלץ דאַרף זיין מיט אַ מאָס,
מיט חשבון, מיט קאַלקולאַציע.
מיט קליינוואַרג דאַרפֿן זיי ניט מאַכן קיין אינפֿלאַציע,
אַזוי ווי ס׳טוט דער אַראַבער און דער טערק.
זיי דאַרפֿן נישט אָנפּלאָדיען קינדער גאַנצע בערג!

וואָס זאָגט אַ חסיד׳ישער איד וועגן געבורט־קאָנטראָל?

כ׳בין מיר אַ חסיד פון די הייסע, די גרויסע,
רבותי!
כ׳שטופּ מיך צום רבין, כ׳דערלאַנג אים אַ קוויטל.
אויף געבורט־קאָנטראָל קוק איך מיט ביטול,
כ׳וויל דערפון נישט וויסן.
כ׳טאַנץ אויף אַלע ברית׳ן.
כ׳עס דאָרט לעקאַך, כ׳טרינק דאָרט בראָנפן.
אַלע וואָס פּרעדיקן קאָנטראָלס פּאָנפען.
זייערע טענות זענען קאָמיש.
קודם כל זענען זיי נישט גערעכט עקאָנאָמיש.
אויב דער געבורט־פּראָצענט איז נישט קיין הויכער
קומען נישט צו קיין נייע געברויכער.
ס׳איז שלעכט פאַרן בעל־מלאכה, פאַרן סוחר,
פאַרן דאָקטאָר, פאַרן קרעמער,
פאַרן חזן וואָס קאָלאָראַטורט אַ זמר,
און אפילו פאַרן שדכן מיטן פּאַראַסאָל.
דעריבער בין איך קעגן קאָנטראָל,
וואָס וויל אַריינקוקן אין די בעטן דורך אַ שפּאַרונע!
היינט וואָס איז מיט דער אידישער אמונה?
אויב געבורט־קאָנטראָל ווערט געפּרעדיגט,
ווערט די אמונה אינגאַנצן געשעדיקט.
בלויז אַן אַפּיקורס
ציטערט פאַר פאַרגרעסערטע דורות
און האָט מורא אַז ס׳וועט נישט זיין וואָס צו קייען.
נישקאָשע, מיר האָבן אַ גאָט אַ געטרייען!
וויפל ס׳וועלן זיין מענטשן, וועלן האָבן ברויט זיי!
אַלע וועלן מאַכן אַ „המוציא״
און אַ „שהכל״!
די ערד וועט זיך נישט געבן קיין וואַקל
ווען ס׳וועלן צוקומען מענטשן מיליאָנען מיליאַסן.
מ׳וועט נישט שלאָפן אין די גאַסן.

פאַר יעדן פויגל איז גרייט אַ נעסט.
יעדער מענטש וועט זיך געפינען זיינע קעסט.
מ׳וועט נישט עסן פון די בוימער קיי קאָרע.
געבורט־קאָנטראָל איז אַן אויפטו פון יצר הרע.
עס הייסט מאַכן אויף קינדער אַ קוואָטע.
אָבער פאַר אונז חסידים איז דאָס אַלץ בלאָטע.
מיר ווילן נישט פאַרמינערן קיין מוהלים.
אויב אַ איד האָט אַ סך קינדער, איז וואויל אים,
און אויב ער האָט ווייניק, איז אים פריקרע —
אַזוי זאָגט דער חומש „ויקרא״.
דער תנא רב חנינא בן דוסא
הייסט האָבן משפחות גרויסע.
דער תנא רב טרפון
הייסט ס׳מוהל־מעסער כסדר שאַרפן
און מ׳זאָל עס באַנוצן יעדן מאָנטאָג און מיטוואָך!
אַ גאַנצע וואָך זאָל זיין „שניטוואָך״!
לאָמיר־זשע זיך ווינשן מיט אַ רואיג געוויסן:
„מערטשעם אויף ברית׳ן!״

וואָס זאָגט אַ ווייבל וועגן געבורט־קאָנטראָל?

דאָ רעדט אַ מאַמע פון קינדער אין די וויגן!
צוליב אַ פאָר מינוט פאַרגעניגן
האָב איך דריי־פערטל יאָר צרות.
פאַר מיר דעריבער קלאָר איז
אַז געבורט־קאָנטראָל דאַרף זיין אונזער מאָטאָ.
מיט אַ קינד אָדער צוויי דעקט מען די קוואָטאָ.
מ׳שטעלט צו גענוג ווינדלן פאַרן מעכאַנישן וואַשער.
ווען אַ מאַן איז אָבער אויף קינדער אַ נאַשער,
אַ פרעסער,
ווען ער האַלט אַז וואָס מער קינדער איז בעסער,
איז שענער.
ווען ער איז אַ מאַן פון יענע מענער,

וואָס ווילן פון געבורט־קאָנטראָל נישט וויסן,
ווען ער וויל כסדר מאַכן ברית׳ן,
ווען ער זאָגט אַז קינדלען איז אַ געבאָט פון חומש,
און קיין שום איש
טאָר די תורה נישט באַשווינדלען, —
טאָ זאָל ע ר קינדלען!
זאָל זיך דער מ אַ ן
אַרומטראָגן מיטן „טשעמאָדאַן״
אין אַ הייסן וועטער און אין א קילן!
זאָל ער פילן
פן קאָפּ ביז דער פּיאַטע
אַז ער ווערט אַ טאַטע!
זיין איבלדיגקייט דער בעסטער סימן איז!
זאָלן מענער שלינגען לימענעס
און אוגערקעס זויערע!
זאָלן זיי תהילים׳ען צום בורא
אַז זיי זאָלן איבערקומען בשלום.
זאָלן זיי זיין „טראָגעדיק״ לויט אַלע כללים.
זאָלן זיי מיט די פיס די שוואַכע
אַרומקריכן ווי אַ טשערעפּאַכע
סיי אין א היץ־טאָג, סיי אין אַ שניי־טאָג.
זאָלן זיי זיך קאָרטשן פון ווייטאָג
ווען ס׳קומען אָן די ווייען!
זאָל מען הערן ז י י ע ר ע געשרייען
און ז י י ע ר ע יללות, —
דעמאָלט מעגן זיי אָנקינדלען גאַנצע חיילות,
דעמאָלט מעגן זיי קינדלען וויפל זיי ווילן,
אָן פּילן,
און מיר, די מאַמעס, וועלן טיילן ציגאַרן!
מיט אַזעלכע מענער וויל איך מיך נישט שפּאַרן.
אויב זיי ווילן ליגן אין קימפּעט באַ׳שיר המעלות׳טע —
פּאָזשאַלוסטע!

דיסקוסיע וועגן ציווילע חתונות אין ישראל

וואָס זאָגט אַן אָנהענגער פון ציווילע חתונות?

כ'ווייס נישט וואָס מ'וויל פון די חתונות די ציווילע
במחילה?
פאַרוואָס לייגט מען זיי אין חרם?
פאַרוואָס גיט מען נישט אויף זיי קיין הכשרים
אין לאַנד פון ישעיה, ירמיה און איוב?
פאַרוואָס מעג מען עס אין קיעוו,
אין אַדעס,
און אין לאַנד פון מאיר בעל הנס,
אין צפת און אין חיפה,
איז עס טריפה?
פאַרוואָס האַלט מען אַ ווייב פון אַזאַ חתונה
פאַר אַן אויסגעלאַסענע?
פאַרוואָס?
אַלץ דערפאַר וואָס מ'האָט נישט צעהאַקט קיין גלאָז
און מ'האָט נישט געזאָגט „הרי את'קע''?
פאַרוואָס איז אַ ציווילע חתונה כשר אין וויאַטקע?
דאָרט זאָגט מען אַזאַ פּאָרל „פּאָזשאַלוסטאַ!''
און אין ישראל מוזן חתנים זיין פאַרקיטלטע, פאַר'טלית'טע?
מיט וואָס איז ס'לאַנד אברהם אבינו'ס
מער יחסן ווי אַנדערע מדינות?
פאַרוואָס מעג מען אין בראָנקס פראַוּוען חתונות ציווילע?
אַ שמשון נעמט דאָרט זיין דלילה,
אָנגעטאָן אין אַ מיני־קליידל וואָס פון ציידענעם שטאָף איז,
און האָט מיר איר חתונה ביים ריכטער אין אָפיס,
און אין ישראל איז עס אַ בושה!
ווען אַ כהן וויל אין ישראל נעמען אַ גרושה,
אַ יצר הרע'דיקע, אַ סעקסיקע,
מוז ער מיט איר לויפן קיין מעקסיקע,
אָדער קיין ציפּערן?
און שפּעטער ווערט מען באַשטראָפט פאַר איבערהיפּערן

דעם רבין!
פאַרוואָס קומט זיי אַזאַ שטראָף?
פאַרוואָס פאָדערט ישראל׳ס ראַבינאַט
אַ אידישן ,,הרי את״,
וואו ס׳זאָל אַ מנין זיין,
וואו מ׳זאָל מקבל קנין זיין,
און פאַרשטייט זיך ממילא —
מיט אַ פאַטשיילע?
אויב אַ קיבוץ׳ניק פון ווילנע
האָט אַ קינד פון אַ חתונה אַ ציווילנע,
מעג זי זיין אַ מפאַי׳ניצע און ער מעג האַלטן פון מפ״ם זעהר,
האַלט מען ס׳קינד פאַר אַ ממזר?

וואָס זאָגט אַ געגנער פון ציווילע חתונות

איך האַלט אַז פונקט ווי ס׳קען נישט זיין קיין ציווילע
ברית־מילה,
פונקט אַזוי קען נישט זיין קיין ציווילע הייראַט,
מעג אַפילו דערצו מסכים זיין דער פאַרטיי־ראַט
פון מפאַ״י און פון מפ״ם.
אַזאַ חתונה איז סם,
גיפט.
מעג דער חתן זיין פאַר׳מיאַמי׳ט אדער פאַר׳תל אביב׳ט,
מעג ער זיין אַ לעביונג אָדער אַ בטלן,
מוז ער הרי את׳לען
לויט די אידישע מנהגים.
מעג די חתונה זיין מיט בשר ודגים,
אָדער בלויז מיט אַ טרוקענעם קרעקער,
מוז מען שטיין אונטער די פיר פלעקער
מיט אָנגעצונדנע הבדלות,
סיי אין ישראל, סיי אין גלות!
אַ חתונה אָן באַזעצעכץ און אָן אַ שלייער
איז ביי מיר נישט ווערט קיין צווייער.

מען מוז אונטער דער חופה צעברעכן גלעזער.
אַזוי זאָג איך אַ איד אַ רעליגיעזער!
אַפילו אַ איד וואָס איז אומפּאַרטייאיש,
נישט מאַרקסיסטיש, נישט יורה דעה׳איש,
כ׳מיין אַ איד וואָס איז אַ נייטראַלער,
ראַדיקאַלער,
וואָס טאַנצט מיט אַן אשת־איש במחילה,
דאַרף אויך זיין געגן חתונות ציווילע!
ווייל נאָך אַ חתונה אַ חופּה וקידושינ׳דיקע
איז די ליבע אַ קושנדיקע,
אַ שולמית׳דיקע,
אַ הייסע, אַ תמוז׳דיקע,
אָבער נאָך אַ חתונה נישט קיין הרי את׳דיקע,
איז די ליבע אַ שבט׳דיקע,
אַ געפרוירענע, אַ קילע!
נאָך אַ חתונה אַ ציווילע,
וואָס איז אַפּיקורסיש, אוריאל אַקאָסטאיק,
איז די ליבע פּראָסטיק!

דיסקוסיע וועגן פליעניש צו דער לבנה

וואָס זאָגט אַ קאָמוניסט?

איך האַלט, אַז גערעכט זיינען די לינקע,
וואָס האָבן אַרויפגעשיקט צו דער לבנה אַ מאַשינקע.

וואָס זאָגט אַן אַמעריקאַנער פּאַטריאָט?

איך האַלט אַז גערעכט זיינען די רעכטע,
וואָס האָבען אַרויפגעשיקט מענשן עכטע!

וואָס זאָגט אַ ליובאַוויטשער פּאַטריאָט?

וואָס האָב איך זיך דאָ צו שעמען?
איך האַלט ניט פון ביידע סיסטעמען,
ניט פון די רעכטע, ניט פון די לינקע,

ניט פון די לעבעדיקע מענטשן, ניט פון אַ מאַשינקע.
אויף ביידע סיסטעמען קוק איך מיט ביטול.
צו דערגיין צו דער לבנה האָב איך אַן אייגן מיטל,
וואָס איז ניט וואַשינגטאָניש, ניט לענינגראַדיש:
איך בין מיר די לבנה מחדש
אויף לשון קודש
יעדן חודש
ווידער און ווידער.
מיין ספּעיס־שיף איז אַ סידור!
דער סידור איז מיין „אַפּאָלאָ״!
מ׳דאַרף אים ניט שמירן מיט סמאָלע,
ער פליט נישט מיט ברען־שטאָף, מיט נאַפט,
ער פליט מיט געטליכער קראַפט.
כ׳שטיי מיט מיין סידור
אין דער נידער
און ער דערגרייכט אָן שום סכנה
די לבנה,
כאָטש ער ברענגט ניט אַראָפּ פון אויבן
קיין שטויבן,
קיין שטיינער, קיין בלאָטעס,
און שיקט ניט אַראָפּ קיין פּאָטאָס
פון דער לבנה מיט אירע לעכער!
ער פליט אַפילו נאָך העכער,
אָן מכשולים —
ביז צום רבונו של עולם,
און ער אַנטדעקט וועלט־סודות אינטימע,
אַז ס׳איז „תולה ארץ על בלימה״,
אַז די גאַנצע וועלט הענגט אויף גאָרנישט!
הכלל, ביידע סיסטעמען געפעלן מיר אַ האָר נישט.
מיין „אַפּאָלאָ״ איז דער בעסטער פון אַלע סיסטעמען:
ער דערפליט ביז צום „אל מלך נאמן״!

דיסקוסיע וועגן כותל מערבי

אַמעריקאַנער רעפאָרם־אידן האָבן געוואָלט דאַוונען מיט זייערע ווייבער צוזאַמען ביים כותל מערבי, האָבן די ירושלימ׳ער חסידים סקאַנ־דאַלעוועט און אַוועקגעשטעלט אַ שטענדיקע מחיצה (באַריערע) צווישן די ווייבער און מענער.

וואָס זאָגט אַ רעפאָרם־איד?

פאַרוואָס איז מען עפעס אַזוי ניט טאָלעראַנט
אין אידישן לאַנד?
איך בין דאָך, ווי אַלע אידן, פאַרוואַנדט
מיט דער וואַנט,
טאָ פאַרוואָס לאָזט מען מיך ניט דאַוונען מיט אַ ווייבל ביינאַנד?
וואָס איז זי, קאָנטראַבאַנד?
אויף וויפל מיר איז באַקאַנט
מען מעג סיי לויט שפינאָזאַ, סיי לויט קאַנט,
דאַוונען מיט אַ ווייבל ביי דער הייליגער וואַנט
און אפילו זי האַלטן ביי דער האַנט!

וואָס זאָגט אַ חסיד?

וואָס ווילן די רעפאָרמער? וואָס טוט זיך מיט זיי?
זיי ווילן דאַוונען ביים כותל אָן אַ מחיצה?
פאַר אַזאַ זאַך קומט שמיץ זיי!
דער כותל אָן אַ מחיצה
איז אַ פשוט׳ע וואַנט, ווי אַ וואַנט אין קאַטאָוויצע,
אָדער אין לענינגראַד, וואו ס׳האָט געוואוינט די צאַריצע.
פונקט ווי אַ טלית מוז האָבן אַ ציצה,
פונקט ווי דער „ונתנה תוקף״ מוז האָבן דעם „מי בקיצו״,
פונקט ווי אַ פרעזידענט מוז האָבן אַ וויצע,
אַזוי מוז דער כותל האָבן אַ מחיצה.
אויב די רעפאָרמער ווילן ניט קיין מחיצה,
קען איך מסכים זיין מיט זיי.
זאָלן זיי אויפשטעלן אַ וואַנט אָן אַ מחיצה

אין רוים, פּאַריז אָדער אין ניצע,
נעבן אַ קאַבאַרעט, וואו מ׳עסט טרייפענע פּיצע
און מיט העם אַ יאַיעטשניצע
און אַ טענצערן פון דער אָפּערטע „גרעפין מאַריצע״
טאַנצט מיט אַ פאַרשאַרצטער ספּודנציע!

די מחלוקת צוליב אידיש אין אַמעריקע

אידן אין אָנקל סעם׳ס מדינה,
סיי אַלט־געזעסענע, סיי גרינע,
אַמפּערן זיך גאָרנישט ידיד׳יש
צי מ׳זאָל רעפאָרמירן אונזער אַמריקאַנער אידיש,
צי מ׳זאָל שרייבן „יאָ״ צי „יעס״?
די אידישיסטן האַלטן ס׳אַלטע אידיש פאַר אַ מת,
פאַר אַ צעבראָכענעם שאַרבן.
זיי ווילן אַז די שטומע „ע״ זאָל שטאַרבן
און ס׳זאָל זיין אָך און וויי
צו דער שטומער „ה״.
מ׳זאָל נאָךביידע אותיות זיצן שבעה
אין „איוואָ״.
די אַמאָליקע אידיש־שרייבער חוזק׳ן פון די נייע.
זיי זאָגן אַז ס׳אַלטע אידיש איז אַ מעכאַיע,
אַז די אידישיסטן ווילן שעכטן אידיש אָן אַ חלף:
נישט געַנוג וואָס מ׳האָט פון וואָרט „דיא״ צוגענומען דעם אלף,
וויל מען צונעמען דעם „עין״ פון „מערידען״!
מ׳הערט נישט אויף זיך צו קאָכן, צו זידן
צי מ׳זאָל שרייבן „טשיקנס״, צי „הינער״.
וואָס־זשע זאָגט דערויף יאָסל דער גרינער?
איך זאָג: סיי דער חסיד פון שטומען „ע״ סיי זיין מוהל
וועלן ביידע נישט ברענגען דעם גואל.
וואָס נוצן די וויכוחים, די געוואַלטן,
צי מ׳זאָל בלייבןביים אַלטן,
צי מ׳זאָל ס׳אַלטע פאַרברענען אין חמץ?

ווען דער חילוק פון אַ „פּאַסאַך״ ביז אַ „קאָמעץ״
וועט אונזער׳ס אַ באָיטשיק סיי־ווי נישט וויסן.
ס׳איז פאַר אים אַ צו־שווערן ביסן.
און אַז ס׳קומט צו אַ „מלופּם״ און אַ „חולם״,
גלאָצט ער ווי אַ גולם.
צי מ׳וועט שרייבן „זאָמדען״, צי „זאַמדן״,
וועט ער בלייבן דער אייגענער „למדן״.
ס׳איז אַן אַמאָרעץ סיי־ווי־סיי ער,
סיי אין דער אַלטער אָרטאָגראַפיע, סיי אין דער נייער!

דאָס גרויסע אידישע ווערטערבוך

ס׳האָט אויסגעבראָכן אַ מחלוקת אַ צאָרן,
צווישן דעם ווערטערבוכ׳ס רעדאַקטאָרן –
וועגן דער שפּראַך פון אונזער באָבן, פון אונזער זיידן.
איין צד איז באַשיידן,
אָרים,
ער וויל יוצא זיין מיט אַ צוויי־דריי ספרים,
מיט אַ צוויי־דריי ביכער,
אַבי וואָס גיכער, גיכער,
אַבי אונזער דור זאָל נאָך פון ווערטערבוך געניסן.
ער זאָגט אַז צוליב אַ וואָרט דאַרף מען זיך ניט שיסן,
נישט ממית׳ן.
מ׳דאַרף זיך ניט גראבלן אין די אַלטע שיימעס׳ן
צי מ׳זאָגט „קניש״, צי „קנישע״,
ווייל ס׳וועט זיך פאַרציען ביז׳ן אלף השישי.
מ׳דאַרף ניט האַלטן יעדעס וואָרט פאַר אַ רענדל!
דער צווייטער צד איז אַ „שפּראַכליכער מנחם מענדל״.
ער וויל זאַמלען מיליאָנען ווערטער, מיליאַסן,
ער וויל 10 ספרים אַזוי גרויס ווי די ווילנער ש״ס׳ן,
מיט ווערטער פון אַלע דורות, פון אַלע ערטער, פון אַלע קלאַסן,
מעג דער אויסדרוק זיין דער איידלסטער, צי דער גרעבסטער –
ער וויל אַ אידישן „אָקספאָרד־ווערטערבוך״, אַ „וועבסטער״.

וואָס־זשע זאָגט דערצו איך, אייער דינער
יאָסל דער גרינער ?
וואָס וועלן מיר האָבן פון די 10 בענדער
מיט אַ מיליאָן ווערטער פון אַלע לענדער,
פון אַלע ערטער,
ווען אַ אידישער באַי קען נישט קיין דריי אידישע ווערטער!

אַ אידישיסט וואָס קעמפט געגן אַלטן אויסלייגעכץ

שרייבט צו יאָסל דעם גרינעם

ליבער גענאָסל
יאָסל.
עס שרייבט דיר אַ איד וואָס טאַנצט נישט קיין קדוש
פאַר שרייבערס וואָס שרייבן אַלטמאָדיש.
אויב אַ שרייבער שרייבט מיט דער אַלטער אָרטאָגראַפיע
איז ער פון דער „מאַפיע״.
זיין שרייבן איז ערגער ווי פאָרנאָגראַפיע.
מ׳מוז אים פאַריאָגן פון דער שרייבערישער פּאַראַפיע,
ווייל ער שעכט אידיש מיט אַ טעמפן חלף.
אויב ער שרייבט „וואו״ מיט אַן אלף
אינדערמיט,
איז ער אַ נאַציאָנאַלער פּאַראַזיט.
פונקט ווי מ׳שרייבט „תלמוד תורה״ מיט צווי ת׳ו׳ן,
אַזוי מוז מען שרייבן „ווו״ מיט דריי וואָוו׳ן!
אַ שרייבער ממית׳ט ס׳לשון פון דער אידישער אומה
אויב ער באַנוצט אותיות שטומע
און ער שרייבט „לאַכען״ אַנשטאָט „לאַכן״.
ס׳אידישע לשון פאַרטראָגט נישט קיין שטומע זאכן.
עס קען נישט פאַרדייען
קיין שטומע „ה״ און קיין שטומען „ע״.
ווען אַ דיכטער שרייבט אין זיינס אַ סערענאַדע,
אין זיינס אַ באַלאַדע:

„ס׳בלאָזן ווינטלעך קילע״,
איז עס פּאָטיש ווי להבדיל „נעילה״.
אָבער ווען ער שרייבט חס וחלילה:
„ס׳בלאָזן ווינטלעך קיהלע״,
מיט אַן „ע״
נאָך דער „ז״
און מיט אַ „ה״ פאַר דער „ל״,
מעג די באַלאַדע זיין זייד און סאַמעט,
מעג זי זיין געטאָקט און געשניצט ווי געזימסן־האָלץ,
ווי פּימסנהאָלץ,
מעג די באַלאַדע זיין אַ טוב מאוד׳טע,
איז זי טויט ווי אַלע טויטע!
מעג דער באַלאַדניק זיין אַ צווייטער דאַנטע
איז די באַלאַדע אַ פאַר׳ברמינג׳טע,
אַזוי ווי זי וואָלט געלעגן אויף אַ מת־בעט.
מ׳דאַרף איבער איר מאַכן אַ הספּד
און זיצן נאָך איר שבעה
אין „ייוואָ״!

אַ מלחמה געגן דער שטומער „ע״

די וועלט איז איצט פול מיט שחיטות, מערדערייען,
די קאַלעדזשעס ברויזן מיט טומלערייען,
די גאַסן זענען פול מיט שיסערייען.
אין מיטן פון די אַלע שלעגערייען
איז דער אידישיסטער יוגנט איינגעפאַלן אַ רעיון
זיך אַוועקצושטעלן פאַר דער רעדאַקציע און שרייען
מ׳זאָל אָפּשאַפן די „שטומע ע״!
זיי זאָגן אַז אַ צייטונג מיט אַ „שטומער ע״
טאָר מען נישט לעזן אַליין, אין צווייען און אין דרייען,
מ׳טאָר אין איר נישט וויקלען אפילו קיין הערינג, קיין שלייען.
אָבער איך, יאָסל, וועל מיר נישט לאָזן שפּייען
אין דער קאַשע, אין די קלייען.

די „ע״
האָט אין מיר אַ חסיד אַ געטרייען.
כ׳קען פשוט נישט צעקייען
ווי מ׳קען זיך באַגיין אָן אַן „ע״?
ביי מיר איז די „ע״
בעסער ווי לעקעך, ווי ווייך, ווי יין.
אויב ס׳וואָלט נישט געווען קיין „ע״
וואָלט מען זי געדאַרפט אַנטלייען.
פאַרוואָס האָט מען זיך פונקט פאַרלייגט אויף די „ע״?
פאַרוואָס נישט אויף די „א״, אויף די „ז״?
בקיצור, וואָס וועל איך דאָ לאַנג ברייען?
פונקט ווי מ׳קען נישט אַרויסוואַרפן די „ע״
פון נביא ישעיה׳ן,
פונקט אַזוי טאָר מען נישט אַרויסוואַרפן די „ע״
פון „עסען״, פון „טרינקען״, פון „הולטאַיען״.
אויב מ׳וועט שעכטן די „ע״,
וועט עס זיין אַ רציחה פון „הבל־קין!
זיי רוהיג, ליבע „ע״,
כ׳וועל מיך פון דיר נישט באַפרייען.
קיין אידישיסטישע זון וועט דיך נישט צעטייען.
כ׳וועל נישט לאָזן מ׳זאָל נאָך דיר מאַכן אַ „ברוך דיין!״
מיט מיינע לעצטע כוחות וועל איך שרייען
„עין תחת עין!״

אַ ווי־געשריי פון דער שטומער „ה״

איך, שטומע „ה״,
קום צו דיר, יאָסל, מיט גרויס געשריי:
פאַרוואָס וויל מען מיך, די „ה״,
פאַריאָגן פון איסט בראָדוויי?
מען האָט נישט קיין אַנדער זאָרג און וויי
ווי צו פירן קריג מיט דער „שטומער ה״?
און ווער שלאָגט מיך? „אחינו בני״

פון באַרדיטשעוו, פון קאָלאָמיי!
אַמאָל בין איך, די „שטומע ה״,
געווען פון די אותיות די „פני״.
אָן דער „שטומער ה״
האָט מען נישט געטרונקען קיין גלעזל ט ה י י!
אויף דעמאָנסטראַציעס פון יעדער פּאַרטיי
האָט מען געטראָגן פ ע ה נ ע ר מיט אַ „ה״.
היינט זאָגט מען דער „שטומער ה״:
טראָג דיך אָפּ — גיי!
וואוהין זאָל איך גיין? קיין באָמביי?
וואָס מיינט איר אַז איך, די „ה״,
בין פון קלאָטשע אָדער היי?
הערט וואָס עס זאָגט אייך די „שטומע ה״:
ס׳וועט נישט העלפן קיין שום געקריי,
קיין שום „יוגנט־רופעריי״ —
מיך, די „שטומע ה״,
וועט מען נישט צעשמעלצן אַזוי ווי שניי,
איך וועל נישט געבן קיין פּאַרגיי,
כאָטש מען מאַכט אויף דער „שטומער ה״
אַן „אָמן יהא
שמיה״!

אַ געזאַנג צום „טאָג פון דער מאַמען״

לכבוד „מאָדער׳ס דעי״ זאָל שאַלן אַ זמר (זעמער).
ס׳איז אַ וואוילער יום טוב, אַ באַקוועמער.
ס׳איז אַ יום טוב אָן שום לאַסטן.
ס׳איז נישט יום כיפור, מ׳דאַרף נישט צו פאַסטן...
מ׳דאַרף נישט זיין פּאַרווינט, פּאַרצאָרנט,
מ׳דאַרף נישט דאַווענען פון הינטן, פון פאָרנט.
ס׳איז נישט ראש השנה, מ׳מעג עסן פאַר׳ן בלאָזן.
דער חזן וויינט נישט, אַז אַ מענטש וועלקט ווי גראָזן.
ער וואַרפט נישט אָן קיין שרעק, קיין אימה,

אַז דער מענטש איז געגליכן צו אַ בהמה,
צו אַ צעבראָכענעם שאַרבן,
אַז אַ מענטש לעבט בלויז כדי צו שטאַרבן,
אַז ס׳וואַרט אויף אים אַ קבר אַ קאַלטער, אַ פייכטער.
„מאָדער׳ס דעי״ איז אַ יום־טוב אַ לייכטער,
אַ גרינגער.
מ׳דאַרף נישט באַוועגן מיט קיין פינגער.
מ׳פייערט נישט קיינעמ׳ס נצחון, קיינעמ׳ס מפּלה.
מ׳דאַרף נישט מאַכן קיין קידוש, קיין הבדלה.
מ׳דאַרף נישט תשובה טאָן נאָכ׳ן יצר הרע׳ווען.
מ׳דאַרף נישט פּרעגלען און באַקן און האָרעווען
פאַרשמאַיעטע און פאַריאָכטע.
מ׳קומט צו דער מאַמען, מ׳ברענגט איר אַ שמאָכטע
און דערמיט איז מען פּטור.
אַ גאַנץ יאָר הערט מען זי ווי דעם קאָטער,
מ׳זאָגט איר אַריין „אין דער מאַמע׳ס מאַמען״,
בלויז איין זונטאָג טוט די ליבע פלאַמען
און ברויזן!
אָבער איך, יאָסל, האַלט נישט פון די אַלע שאַלאַמויזן.
אַזאַ ליבע, אַזאַ פייער
איז ביי מיר ווערט אַ דרייער.
כ׳האַלט נישט פון קינדער וואָס האַלטן די מאַמע פאַר אַ „סוקסעס״
בלויז איין „מעסלעס״,
פון זונטאָג ביז מאָנטאָג!
יעדן טאָג דאַרף די מאַמע האָבן אַן „אויבן־אָן־טאָני״
און מ׳דאַרף פאַר איר עפענען טירן־טויערן.
געדענקט, קינדערלעך, אַז די מאַמע האָט אייך געבוירן.
דעריבער איז אַ מאַמע הייליג —
און דער טאַטע האָט אויך דערין אַ חלק!...

אַ געזאַנג צום „טאָג פון טאַטן״

מזל טוב טאַטעס!
אַ גאַנץ יאָר אייך קאַלט ווי אין שבט איז,
אָבער דעם זונטאָג וועט זיין ביי אייך תמוז!
אַ חודש נאָכ׳ן יום טוב פון די מאַמעס,
ווען די קינדער האָבן איר ליבע געשוואוירן,
ווען זיי האָבן באַצירט אירע אויערן
מיט נייע און אַנטיטשנע אוירינגלעך —
„מכל דור ודור־רינגלעך״,
ווען מ׳האָט איר געפּראַוועט אַ פּורים מיט שלח מנות,
ווען מ׳האָט זי פאַרפּלייצט מיט מתנות,
מיט בלומען, קענדיס און קיכלעך
און מיט שיכלעך
אַ מענגע,
(און זיי זיינען געווען ענגע
מיט אַ פּאָר מילימעטער).
איצט, מיט 5 וואָכן שפּעטער,
דערמאָנט מען זיך, אַז צוזאַמען
מיט דער מאַמען,
אין די זעלבע כאַטעס,
דרייען זיך אַרום טאַטעס!
ס׳דערמאָנען זיך די קינדער, אַז זיי שטאַמען
ניט בלויז פון דער מאַמען,
נאָר, עס זאָל זיי ניט שאַטן,
אויך פון אַ טאַטן,
און עס מאַכט די טאָכטער און די שנור אים
אַ שושן־פּורים,
אָן אַ טראַסק און אָן טאַראַראַמען.
אַ יום טוב מאַכט מען דער מאַמען.
אָבער דעם טאַטן, וואָס איז פאַר׳תוהו ובוהו׳עט,
מאַכט מען אַ חול המועד.
מ׳טרינקט מיט אים אַ פּאַרשפּעטיקטן לחיים,

אַ פאַרשפעטיקטן „כיבוד אב" איז מען מקיים.
און אין דרויסן זעט מען טשיקאַווע פּאַנאָראַמעס:
אויף די גאַסן דעמאָנסטרירן מאַמעס,
טומלדיקע אַקטיוויסטקעס,
„ווימענס ליבערעישאָניסטקעס",
און זיי טראָגן פלאַקאַטן:
מ'זאָל זיי אויסגלייכן מיט'ן טאַטן!...

מיין געזאַנג צו „פאַדערס דעי"

„פאַדער'ס דעי" איז אַ יום טוב אַ גרינגער.
מ'דאַרף צו אים נישט צוטאָן קיין פינגער
אפילו מיט איין הענטל.
מ'ברענגט דעם טאַטן אַ פרעזענטל.
מ'ברענגט דעם טאַטן
אַ פּאָר קראַוואַטן,
געמאָלן מיט אַלע פאַרבן פון רעגנבויגן!
און פון טאַטנ'ס אויגן
הויבט זיך אָן קייקלען אַ טרער איבער דער באַק.
ווער שמועסט ווען איר צעשפּילט דעם טאַטנ'ס פּידזשאַק
און איר שטעקט אַריין צוויי רויזן איןביידע לאַצן,
איז זיין גליק גאָרנישט צו דערשאַצן.
דער טאַטע פילט זיך „לעילא ולעילא",
און ער מאַכט נאָס די גאַנצע פאַטשיילע.
עס קאַפּעט אַ טרער נאָך אַ טרער.
וואָס דאַרף דען אַ טאַטע מער?
דערמיט זענען די קינדער יוצא און פּטור!
אַ גאַנץ יאָר הערן זיי דעם טאַטן ווי דעם קאָטער,
אָבער היינט באַוואַרפן זיי אים מיט רויזן!
אָבער איך, יאָסל, האַלט נישט פון די אַלע שאַלאַמויזן!
אַזאַ ליבע, אַזאַ פייער
איז ביי מיר נישט ווערט קיין דרייער,
אַ זונטאָג־ליבע וואָס ווערט מאָנטאָג פאַרלאָשן

איז ביי מיר נישט ווערט קיין גראָשן.
די ליבע צום טאַטן דאַרף זידן און קאָכן
אַלע 52 וואָכן!
איין זונטאָג צום צווייטן דאַרף זיין ענליך.
אָבער „פֿאַדערסדעי‟ דאַרפט איר קומען צום טאַטן פערזענלעך.
צוזאַמען מיט אים מאַכן אַ לחיים און אַ המוציא.
מיט אַ בלויזן ט ע ל ע פ אָ ן - ק אָ ל זיי נישט יוצא!
איך, יאָסל, פאַרזיכערן אייך קאָן
אַז אויך דער טאַטע האָט אייך נישט באַשאַפן דורכ׳ן טעלעפאָן!...

נאָך גראַמען צום „טאָג פון דער מאַמען‟

אַ בריוול פון אַמעריקאַנער קינדער צו יאָסלען

ליבער דזשאָו, דו גרינער שבגרינע!
ווי געפעלט דיר דער מנהג אין אונזער מדינה
היינטיקן זונטאָג מיט דער מאַמען צו טאַנצן,
היינטיקן זונטאָג זי צו באַקראַנצן,
מיט טייערע מתנות זי צו באַוואַרפן,
צו שפילן פאַר איר אויף פידלען און האַרפן,
היינטיקן זונטאָג איר צו געבן שאָו!
ווי געפעלט עס דיר עפעס, טייערער דזשאָו?

ענטפער פון יאָסלען

ליבע קינדער פון מדינת קאָלאָמבעס,
(כ׳מיין אַזעלכע וואָס וואַרפן נישט קיין באָמבעס,
וואָס האַקן נישט קיין שויבן און ברעכן נישט קיין טירן,
וואָס גייען אין קאַלעדזש בלויז צו שטודירן
און נישט צו קריכן אויף די גלייכע ווענט),
איך, דזשאָו, דריק אייך די הענט
פאַר יעדן פרעזענט
וואָס איר ברענגט דער מאַמען!
פאַר די שפּיגעלעך, בערשטלעך און קאַמען,
פאַר די רויזן וואָס איר ברענגט איר, פאַר די ליליען

זאָג איך אייך „טענקס עי מיליאָן!״
איך דאַנק אייך פאַר די אימיטירטע ברילִיאַנטלעך,
פאַר די קליידלעך און מאַנטלעך
סײַ „מיני״, סײַ „מאַקסי״, סײַ „מידי״!
איך האַלט אַז ס׳איז אַ שיינע מידה הי.
ס׳איז אַמעריקאַניש און ס׳איז אידיש.
נאָר איין זאַך איז מיר אַ חידוש.
מיר דעם גרינעם, איז איין זאַך נישט קלאָר:
פאַרוואָס געשעט דאָס בלויז איין מאָל אין יאָר?
פאַרוואָס מאַכט מען מיט דער מאַמען אַן איי־איי־איי
בלויז דעם צוויטן זונטאָג פון חודש מאַי?
פאַרוואָס זאָלט איר נישט גלעטן אירע גרויע האָר
אַ גאַנץ יאָר?
יעדן טאָג, יעדן מעסלעס?
פאַרוואָס זאָגט איר דער מאַמען בלויז איין טאָג „יעס״
און אַ גאַנץ יאָר זאָגט איר איר „נאָו״?
פון מיר, אייער דזשאָו!

אַ בריוול פון אַ גוי׳אישן „לויפער״ פאַר מעיאָר

קענסטו מיר, יאָסל, גראַטולירן:
צום „סיטי האָל״ שטייען פאַר מיר אָפן די טירן!
כ׳וועל צום „סיטי האָל״ דערשווימען,
און דווקא מיט אידישע שטימען.
כ׳וועל געווינען די הערצער פון די משה׳ס און שפּרינצעס
מיט עסן בלינצעס.
אידן האָבן גינציג
אַ גוי וואָס איז קנישעדיג און בלינציג
און וואָס באַלעקט זיך מיט אַ לאָקשענעם קוגל.
אַזעלכע אידן זיינען מסוגל
מיך צו האַלזן און צו קושן.
מיט אַ הייסן קניש קען מען די קאַלטסטע אידן צע׳חוש׳ן.
אַז אידן זעען ווי כ׳עס אַ צימעס פון מערן,

גיסן זיי מיט טרערן
ווי באָב.
זיי ווערן מיט מיר קנעפּל שבקנאָפּ!
ווען כ׳עס געפּילטע פיש מיט שטריצל
גיט עס אַ קיצל
דעם אידישן נאַציאָנאַלן געפיל.
כ׳האָב ש ו י ן דערגרייכט מיין ציל!
מעגן אידן האָבן הערצער שטיינערנע און מעשענע,
האָב איך זיי אַלע אין דער קעשענע!
אין דער שיסל
ליגט דער שליסל
צו מיין נצחון.
ס׳טראָגט זיך אַ בשורה פון שכן צו שכן,
אַז איך האָב געטרונקען „כרמל׳קע״
אין אַ יאַרמעלקע
און אויסגערופן „לחיים״ ידיד׳יש.
דאָס מאַכט שטאָלץ זייער אידיש
געוויסן.
כ׳נעם די אידן מיט׳ן אידישן ביסן!
כ׳דאַרף נישט קיין רעדעס, קיין פּלאַקאַטן, קיין קלעבער,
כ׳דאַרף בלויז אַ שיסל געהאַקטע לעבער
מיט כריין,
איז „ונאמר אמן!״
ווער שמועסט ווען ביי די לעבער שטייט אַ טעצל
מיט אַ ביאַליסטאָקער פלעצל
און ס׳פלעצל איז מיט גענזנשמאַלץ באַשמירט,
איז מיין בענקל גאַראַנטירט!

דער רשע פון דער הגדה שרייבט צו יאָסל דעם גרינעם

עס שרייבט צו דיר דער רשע פון די פיר בנים!
דו פאַרשוואַרצסט מיר, יאָסל, ס׳פּנים
מיט דיינע חכמות די גראַמעוואַטע.
דו מאַכסט פון מיר אַ שמאַטע,

אַ פלעדערוויש.
דו ווילסט מיך אויסמעקן מיט איין פעדערוויש
און פאַרטרייבן מיך פון שטאָט.
אָבער כ'האָב דיך, יאָסל, אין באָד,
כאָטש דו שרייסט אַז איך בין פול מיט חטאים!
ס'איז היינט א צייט פאַר אונז רשעים!
אַלע גייען צו אונז אין חדר.
כאָטש דו חוזק'סט פון מירביים סדר,
לאַך איך, יאָסל, פון דיין באָבן.
מיט צדקות קען מען זיך היינט באַגראָבן.
אין צדיק'ס טעפּ איז היינט אַ יבשה.
בלויז ביים רשע
גיסט זיך שמאַלץ.
דער רשע האָט אַלץ.
זיין פאַרמעגן דערגרייכט אַ ציפער אַכט־נוליג.
אַלץ האָט דער זשוליק,
דער רשע־מרושע!
אָבער וואָס האָט דער צדיק מיט זיין קדושה?
מ'פאַרמאַכט פאַר אים טיר און טויער!
אַז ס'רעדט דער צדיק פאַרשטאָפּט מען ס'אויער.
מען הערט זיך צו בלויז צו דער דרשה
פון רשע,
וואָס האָט מיליאָנען שטיצער!
בקיצור,
אויב דו ווילסט לעבן, יאָסל, מיט דער גאַנצער פאַרע,
זיי נישט קיין משה, נאָר אַ פּרעה!
זיי נישט קיין הבל, נאָר אַ קין!
דעמאָלט וועסטו קענען הולטאַיען
און פרעסן און זויפן און יצר הרע'ווען,
אויב נישט, יאָסל, וועסטו פראַצעווען און האָרעווען
און דו וועסט פון לעבן נישט האָבן קיין הנאה.
פאַרשרייב דיר, יאָסל, מיין צוואה:
אויב דו ווילסט ס'זאָל דיר גיין נישקאָשע,
זאָלסטו זיין אַ רשע!

דער חכם פון מה נשתנה שרייבט צום שאינו יודע לשאול

ליבער שאינו יודע לשאול מיט׳ן נאַרעשעוואַטן פנים!
ס׳שרייבט צו דיר דיין חבר פון די ,,ארבעה בנים׳׳,
דער חכם פון ,,מה נשתנה׳׳.
כ׳האָב געהערט, אַז דו ביזט מיך מקנא,
ווייל איך בין אַ חכם, מיט חכמה אָנגעשטאָפּט ווי אַ קנישל,
און דו ביזט, נעבעך, אַ שאינו יודע לשאול,
לא עלינו!
דו מיינסט, אַז איך בין אַ יחסן, אַ מורינו,
אַז מ׳זאָגט מיר נאָך שבחים
דערפאַר ווייל איך בין אַ חכם,
אַ גאון, אַ תנא?
טאָ זיי מיך ניט מקנא
אפילו אַ קרישל!
זיי וויסן, שאינו יודע לשאול,
אַז מיין גאַנצע חכמה איז היינט ניט ווערט קיין קרעפּל.
כ׳האָב אַ פולן קאָפּ און אַ ליידיק טעפּל.
כ׳טראָג אַן אַלטע קאַפּאָטע און אַ צעריסן היטל.
אויף חכמים קוקט מען היינט מיט ביטול,
מיט חוזק.
חכמים פאַרדינען מכות און שלאָפן אויף שטרוי־זעק.
וואָס טויג מיר חכמות,
ווען אַ קבצן אַ גאַנצע וואָך מ׳איז,
און מ׳שמעקט ניט קיין בשמים.
ס׳איז היינט ניט קיין צייט פאַר חכמים,
נאָר דווקא פאַר דיר, שאינו יודע לשאול!
דו שלאָפסט היינט אויף אַ זיידן קישל
און דו טרעטסט אויף פּערסישע דיוואַנעס.
דו עסט מאַרצעפּאַנעס
און וואוינסט אין פּאַלאַץ פון וואַנט צו וואַנט פאַר׳קאַרפּעט.
מיר, חכמים, זיינען היינט פאַר׳בושה׳ט און פאַר׳חרפּה׳ט.
קיינער וויל ניט גיין אין די דרכים
פון חכם!

אַ בריוול פון המן צו יאָסל דעם גרינעם

ליבער יאָסל, מיין נאָמען
איז המן!
איך בעט דיך מיט גרויס פאַרערונג
דו זאָלסט אָפּדרוקן מיין ערקלערונג
היינטיקן פורים:
מ'טוט מיר אָן אומזיסטע יסורים,
מיר, דעם אומשולדיקן המן!
פאַרוואָס פאַרשוועכט מען עפּעס מיין נאָמען?
פאַרוואָס גיט מען מיין פּאָליטיק אַ שלעכטן פּירוש?
איך, המן, דער פּרעמיער פון אחשורוש,
וואָס די גאַנצע מגילה געווידמעט איז אים,
האָב נישט געוואוסט פון קיין אַנטיסעמיטיזם.
כ'זאָל אַזוי האָבן אַ גוטע פּרנסה!
מיט'ן אויסנאַם פון מיין זון ויזתא,
וואָס איז געווען „גערירט אויפ'ן קאַסטן",
(און וואָס צוליב אים מוזן אידן פאַסטן)
איז מיין גאַנץ הויזגעזינד געווען פּאָליטיש
פילאָסעמיטיש
פאַר אידן האָב איך זיך פשוט מקריב געווען!
דער בעסטער סימן אַז כ'בין נישט קיין „פּשאַ־קרעוו" געווען,
אַז כ'בין טאַקע
נישט געווען קיין סאָבאַקע,
קיין אַנטיסעמיט,
איז דאָס וואָס כ'האָב געהאַט אַפּעטיט
צו אַ אידישער טאָכטער,
וואָס אחשורוש איז צוליב איר געווען אַ צעקאָכטער
און זי האָט אים ס'לעבן פאַרזיסט.
כ'האָב מיך מיט דער אידישקע נישט געמיאוסט.
איך, דער פּרעמיער פון שושן,
האָב מיר געכאַפּט זי צו קושן
ווען מיר זענען געווען אַליין טעט־א־טעט.

כ׳בין אפילו געפאַלן אויפ׳ן בעט!
גאַנץ שושן האָט וועגן דעם גערעדט.
מ׳האָט געזאָגט, אַז איך, המן בן המדתא,
דער טאַטע פון ויזתא,
טראָג אַ אידישקע אויף די הענט!
פאַר מיין פילאָסעמיטיזם איז דאָס דער בעסטער דאָקומענט!
טאָ פאַרוואָס־זשע ווערט מיין נאָמען געשענדט?
פאַרוואָס אַז מ׳הערט דעם נאָמען
„המן״
ווערט אַ ווילדער
געפילדער
אין שולן די בראָנקסער, פאַריזער און פראַגער?
פאַרוואָס גראַגערט מען אויף מיר מיט אַ גראַגער?

מזמור לחנוכה

ס׳איז חנוכה ביי אידן, ס׳איז גוט און וואויל!
ס׳יאָמטעוועט דעם נס פון קריגעלע אויל,
וואָס האָט געברענט אַ גאַנצע וואָך.
ס׳טוט זיך אַ געקאָך
אין די שטובן, אין די כאַטקעס.
מ׳פרעגלט לאַטקעס,
אַז ס׳איז אַזש אַ נחת.
מצוות־חנוכה אפילו היינט ניט שוואַך איז.
אפילו אַ איד אַ פאַר׳גוי׳שטער, וואָס אויף מצוות שפייט ער
אַז מ׳גיט אים לאַטקעס, קייט ער.
יעדע לאַטקע איז ביי אים ווערט אַ גאָלדן רענדל.
אויב ס׳איז נאָר אידישקייט פון פענדל,
אידישקייט פון שיסל,
האַלט ער דערפון אַ שפּאָר ביסל.
ער האָט ליב ס׳אידישקייט פון גאָפל, פון „נעפּקין״,
ס׳אידישקייט פון שטאַרקן שנאַפּס, פון „קרעפּקי׳ן״.
ס׳אידישקייט פון פורים, פסח, חנוכה,

ווען מ׳עסט מאכלים מאַרצעפּאַנעקע.
אַזאַ אידישקייט טוט הנאה אים!
ער בענשט די חשמונאים,
די פּאַר - צוויי - טויזנט - יעריקע!
ווער זאָגט עס, אַז אידישקייט פאַרשווינדט אין אַמעריקע?
ס׳איז אַ בילבול!
יעדער „דזשו׳׳ ווערט פלייסיק ווי אַ מילבל
ווען מ׳דערלאַנגט לאַטקעס הייסע אים.
ס׳פינטעלע איד שטייט ביי אים אויף תחית המתים!
לאָמיר־זשע ניט קרעכצן, ניט טרויערן.
אידישקייט ועט אין אַמעריקע ניט פאַרזויערן,
ניט פאַרוועלקן, ניט פאַרוויאַנען.
לאָמיר דאַנקען דעם „רחום וחנון׳׳,
לאָמיר פּויקן אין די באַראַבאַנען,
לאָמיר קלאַפּן אין די טאַצן —
אַ אידישע קישקע איז גאָרנישט צו שאַצן!

אַ פּיזמון צו חנופּה

ס׳מערן זיך ביי די קינדער פון אברהם אבינו
געמישטע חתונות אין אונזער מדינה,
סיי ביי די אַמעריקאַנער, סיי ביי די גרינע.
אַז מען באַגעגנט היינט אַ יונג פּאָרל,
ווייס מען ניט צי ער איז אַן ערל
און זי איז אַ אידישקע וואָס שופר בלאָזן הערט,
אָדער פאַרקערט —
ער איז יעקב אבינו׳ס אַן אייניקל,
אַן „אנשי שלומינו׳קל׳׳,
וואָס איז געלעגן אויפ׳ן ברית־טיש,
און זי איז באַפּטיסטיש.
אויב אַ יונגערמאַן מיט זיין אשתו
זיינען ניט קיין געמישטע:
ער איז ניט קיין גוי אָדער זי איז ניט קיין גאָיע —

איז „נס גדול היה!"
די אַסימילאַציע רבותי,
איז היינט אַ גרויסע.
ס'אידישקייט איז היינט אויף צרות, אויף, קיצבה.
מ'נעמט אַ באָי מ'פּראַוועט אים אַ בר מצוה
און דערנאָך פאַרשווינדט ער און גיי דערגרייך אים!
פרעגט אים בחרם ווער ס'איז שלום עליכם?
ווער ס'איז מנחם־מענדל און ווער שיינע־שיינדל?
ס'אידישקייט ביי אונז איז אַ קאָלעקשאָן, אַ קאַמפּיינדל
מיט רעדעס, רעדעס, רעדעס אַ סך!
פונדעסטוועגן „פידלט מען נאָך אויפ'ן דאַך"
און מ'קוויקט זיך מיט אַן ענגלישן טוביה, אַ האָדל —
איז עס אַ „נס גדול!"

די לאַגע נאָך חנוכה

מ'האָגלט מיט דרשות הוראַגאַנעקע:
אויב מ'וועט נישט רייניקן די לופט די ערדיש־אָקעאַנקע
וועט די וועלט ווערן אַ בר מינן'קע!
אָבער פונקט ווי די לופט איז אַ פּאָלושאָנדיק־טומאַנעקע
געוועזן פאַראיאָרן חנוכה
וועט זי זיין איבעראיאָר חנוכה!

נאָך סוירמענס אָן היטלען אום שבת חנוכה
פאַררויכערן ראַבאַיס ציגאַרן האַוואַנאַ'קע,
און די רביצינס סערווירן מאכלים מאַרצעפּאַנקע:
פליישן באַגאָסן מיט סאָסן סמענטאנעקע.

פאַר אידישע באָיס ברוקלינער, אינדיאַניקע
פּראַוועט מען בר מצווה'ס שאַמפּאַנעקע
מיט טענץ טוויסטעדיקע און קאַנקאַנעקע.
מ'לערנט זיי עברי פון חנוכה ביז חנוכה.
אָבער פסח ביים סדר מאַכן זיי גרייזן גרוביאַנעקע
ביים פרעגן די קשיות די „מה נשתנה'קע".

מיין בקשה צו די חזנים פאַר די ימים נוראים

ליבע חזנים, כ׳רעד צו אייך ווי אַ איד צו אידן:
אויב איר ווילט מיך שטעלן צופרידן
האַלט־זשע הייליג אייערע העלזער.
זינגט ניגונים פון ניסן בעלזער,
פון „ירוחם הקטן״.
טאַנצט נישט אויף שטריק, אויף דראָטן!
ווען איר דאַוונט אשכנז׳יש אָדער ספרד׳יש
זינגט נישט קיין „טשאַרדאַש״
ביי „סלח נא״.
דאָס פּאַסט פאַר אַ יענטע, פאַר אַ יאַכנע.
גיט מיר בעסער קוואַרטינ׳ען, סיראָטאַ׳ן.
מישט נישט אויס די „יעלות״ מיט „הוגענאָטן״.
כ׳וויל נישט גיסן קיין טרערן
צוליב „מאיר־בער׳ן״,
אָדער צוליב האַלעווי׳ס אינקוויזיטאָר.
זיידל ראָוונער איז אַ גאַנץ פיינער קאָמפּאָזיטאָר,
ס׳איז אַ גאַנץ וואוילער מנגן ער,
כ׳דאַרף נישט קיין ווערדי, קיין וואַגנער!
טשעפּעט נישט קאַרוזאָ׳ן, לאָזט איבער פּוטשיני אים,
שלעפּט אים נישט אַריין אין „וכל מאמינים״.
כאָטש ער איז פון מוזיקאַלישן יחוס
דערלאַנגט אים נישט צו סליחות.
לאָזט צו רוה ראש השנה אים,
ליבע חזנים.
זינגט נישט „ברוך אתה״
מיט׳ן ניגון פון „טראַוויאַטאַ״!
ס׳שנייט מיך ווי אַ בריטווע
ווען אַ חזן דאַוונט „די לוסטיקע וויטווע״
און ווען אַ חזן, וואָס איז באַבערדלט, פאַר׳וואָנסעט,
זינגט ביי נעילה „סאָנרייז, סאָנסעט״.

כ׳גלייך נישט קיין חזן וואָס ביי מוסף און שחרית
ביים „פידל אויפ׳ן דאַך ר׳איז״.
כ׳האָב ליב דעם „פידלער אויפ׳ן דאַך״ זעהר,
אָבער נישט אין מחזור!

רעפאָרמער ווילן אַ נייעם מחזור

אַ צאָל רעפאָרמירטע ראַבאַיס זאָגן, אַז אין דער איצטיקער אַטאָמישער עפּאָכע דאַרף מען אַ גאַנץ נייעם מאָדערניזירטן מחזור.

איך, רעפאָרם־ראַבאַי, האַלט שוואַך זער
פון דיר, אַלטער מחזור.
ווי פּאַסט דו פאַר דער אַטאָמישער עפּאָכע?
דו ביסט גוט געווען אין דער צייט פון דער סאָכע.
אָבער אין דער צייט פון טראַקטאָר,
ביזטו אַ פאַרמשפטער, אַ פאַרפסקטער!
אין דער צייט פון פייערדיקע ראַקעטן,
וואָס פאַר אַ טעם האָבן דיינע „על חטאן״
פון יום כיפור און ראש השנה?
ווען מ׳קריכט אַרום אויף דער לבנה
און מ׳ברענגט אַראָפּ פון דאָרט אַ ביסל בלאָטע,
ווי־זשע קען מען זינגען תפילות פון אַ סיראָטע?
ווען אַן עלעקטראָנישער מוח איז אַ גאון אין מאַטעמאַטיק,
ווען אַ קאָמפּיוטער שדכנט שידוכים „הרי אתיק״,
איז דאָך קלאָר, אַז די תפילה „קדוש־קדוש־קדוש״
איז אַלטמאָדיש!
ווי קען אַ איד סוכהווען, ווי קען שלאָגן הושענא ער,
ווען דאָקטוירים פרוידיאַנער
ווייסן שוין אַפילו וואָס אַ חלום אין שלאָף איז,
ווי קען מען נאָך דעם גיין מיט די הקפות,
און נאָך דערצו מיט „עוזר דלים״?
ווי קען מען היינט נעמען אַ קינד און זיין מל אים?

אויב טירן עפענען זיך דורך „עלעקטראָנישע אויגן",
אויב מען דאַרף ניט קיין בריסטן אַ קינד צו זויגן,
נאָר מ'שטעלט אַוועק אַ פלעשל און מ'זאָגט „זויג אים!"
טאָ ווי קען מען היינט בענטשן מיט אתרוגים?
אויב ליגן־מאַשינקעס אַנטדעקן גנבים,
טאָ ווי קומט מען היינט שאָקלען מיט לולבים?
אויב די וועלט איז היינט אַזוי ציוויליזירט,
אַזוי פּראָגרעסירט,
אַז מיט איין באָמבע פּטר'ט מען מיליאָנען משפחות,
וואָס־זשע דאַרף מען אַ מחזור מיט אַזויפיל ברכות?
פאַר דער וועלט, וואָס אין אַזאַ קלעם איז,
איז גענוג אַ ב ר ו ך ד י י ן א מ ת!"

דער נייסטער מחזור

אן אַמעריקאַנער קאָנסערוואַטיווער רב פּראָיעקטירט אַרויסצוגעבן אַ מחזור און אַ סידור, וואו עס זאָלן אויך געדרוקט ווערן שאַפונגען פון אידיש שרייבנדיקע פּאָעטן און פּראָזאָיקער. מיר גיבן דאָ אַ פּאָר בריוולעך וואָס אידישע שרייבער גרייטן זיך דעם רב צו שיקן.

בריוול נומער 1

ליבער רב, אייער איינפאַל איז גאוניש.
ס'זאָל אונז נישט זיין צו קיין עונש!
ליטעראַריש איז אונזער סידור און מחזור
שוואַך זעהר.
דער „אני מאמין"
איז אָן גראַמען.
פון פּאָעזיע איז דאָרט נישטאָ קיין שפּור
דער מינדעסטער פּראָפעסאָר פון ליטעראַטור
פון אַ קאַלעדזשדיקער קאַטעדרע
וואָלט געמאַכט אַ שענערן „כבקרת רועה עדרו",
און כ'ווייס נישט פאַרוואָס קהל

ווערט אַזוי נתפּעל
פון „שמע ישראל״?
מיר איז ער גאָרנישט צום האַרצן!
הכלל, כ׳מוז די אַרבל פאַרשאַרצן
און אָנשרייבן אַ ליד שב׳לידער,
וואָס זאָל צעגיין אין אַלע גלידער.
זייט־זשע נישט, ראַבאַי, קיין אכזר,
שטעלט מיין ליד אַריין אין מחזור,
וואָס האַלט אין איין „ברוך אתה׳ווען״.
מיין ליד וועט דעם מחזור ראַטעווען!

בריוול נומער 2

עס זאָגט מיר מיין געוויסן
אַז אַ ליד אין מחזור איז אַ פּעטער ביסן.
שטעלט־זשע אַריין מיינע פּאָעמעס
ביים „אתה אמת ושמך אמת״.
און כ׳האָב צו אייך נאָך אַ בקשה׳ל:
אָנשטאָט „משול כחרס הנשבר״, שטעלט אַריין מיינס אַ משל!

בריוול נומער 3

ליבער רב פון דער קאָנסערוואַטיווער ריכטונג.
אויב איר וועט נישט אַריינשטעלן אין מחזור מיין דיכטונג,
נאָר די לידער פון מיינע חברים,
וועל איך לייגן דעם מחזור אין חרם.

בריוול נומער 4

ליבער רעדאַקטאָר פון נייעם מחזור און סידור,
אויב איר וועט מיט מיר פירן אַ קידער־ווידער
און איר וועט נישט דרוקן נאָכ׳ן „ונתנה תוקף״ מיין סקיצע
וועט איר ביי מיר ענדיקן „לא בקיצו״.

בריוול נומער 5

אויב איר, רעדאַקטאָר, וועט נישט אַריינעמען מיינע סאָנעטן
אינמיטן די יום כיפּור׳דיקע „על חטא׳ן״,
אָדער ביים פּסח׳דיקן „מה נשתנה״,
בין איך אייך נישט מקנא!

יום כיפור

ס'איז שוין יום כיפור, די זון ווערט קילער, בלאַסער.
די פיש ציטערן אין וואַסער,
(כאָטש זיי קענען נישט זינדיקן)
פאַר'ן טאָג דעם יום הדינ'דיקן,
ווען מ'דאַווענט מיט הערצער צעריסענע.
אפילו אַפּיקורסים פאַרביסענע,
וואָס שלאָגן נישט קיין כפרות,
ציטערן ביים „כבקרת״,
וואָס דער חזן זינגט ביים אָפענעם אָרון.
מ'גיט זיך אָפּ אַ חשבון אַ קלאָרן,
אַז אין אונזערע פאַספּאָרטן וואַקסן די יאָרן.
ס'העלפט נישט קיין קראַצן, ס'העלפט נישט קיין מעקן.
די עלטער רוקט זיך אָן פון אַלע עקן.
זי לייגט זיך אויפ'ן קאָפּ, אויף די פיס, אויפ'ן פנים.
זי ברענגט נאָך אַנדערע סימנים.
ווען זי קומט צו שווימען.
אָבער דאָס איז דער בעסטער סימן:
ווען די עלטער ווערט מיט אונז אַ מחותן,
קומט אויף אונז אַן ענדערונג צום גוטן.
דער יצר הרע פאַרשווינדט.
ער רעדט אונז נישט אָן מער צו פאַסקודנע זינד,
צו עבירות מיאוס'ע.
ער האַלט שוין פאַר גסיסה.
ער נעמט איין אַ שוואַרצן סוף.
זיין אָרט נעמט איבער דער יצר טוב!
מיר ווערן פון יצר טוב באַוואַכט
אַ גאַנצע נאַכט
און אַ גאַנצן טאָג —
און דאָס איז, נעבעך, די גרעסטע קלאָג!

קראַנקע שולן

אין שולן דאַרף מען דאַווענען ווי אונזערע טאַטעס און מאַמעס,
ניט מיט קיין „סעקסטאָן”, נאָר מיט אַ שאַמעס.
ווען מ׳קרומט נאָך אין שול דעם גוי׳שן גאַנג,
איז די שול קראַנק.
אויב מ׳דאַווענט דאָרט צום „לאָרד אָוו מאָזעס”,
ליידט די שול אויף „קאָראָנערי טרעמבאָזיס”.
ווען תפילין הייסן אין דער שול „פילעקטעריס”
ליידט די שול אויף „ענדזשאַינאַ פעקטאָריס”.

אויב אידישע קולטור איז דעם ראַבאַי פרעמד,
סיי די קולטור וואָס איז פאַרביאַליק׳ט, סיי פאַר׳בעל־שם׳ט,
בלויז אין גאָלף־שפּיל ער געניט איז,
ליידט זיין שול אויף „דאַיעבּיטיס”.

ווען דער קוואַיער זינגט אויף ענגליש „אלי, אלי, למה?”,
ליידט דער טעמפּל אויף „גלאַוקאָמאַ”.

ווען דער ראַבאַי דערלאַנגט אַן ענגלישן פּורים־שפּיל, אפילו
לויט דער מגילה,
מיט אַן ענגלישער מרדכי־ראָל און אַן ענגלישער אסתר־ראָל,
ליידט דער טעמפּל אויף „קאָלעסטעראָל”.

ווען דער ראַבאַי פּראַוועט יעדן פּסח כסדר
אַן ענגלישן סדר,
מיט אַן ענגלישן שאינו יודע לשאול, חכם און תם,
דאַרף מען אים מאַכן אַן „עלעקטראַ־קאַרדיאָגראַם”.

ווען ער „סוירמענט” ווער שפּינאָזע איז און ווער סאַרטר איז,
ליידט די שול אויף „האַרדענינג אָוו דהי אַרטעריס”.

אויב דער קענטאָר זינגט „המלך” און ווייסט ניט וואָס באַדייט עס,
ליידט די שול אויף „אַרטראַיטיס און באָרסאַיטיס”.

ווען דער ראַבאַי אַ „ניר־לעפט” קוויטשער איז,
דאַרף מען אים היילן מיט „באַרביטשעריס”.

ביים באַרג סיני

ביים באַרג סיני האָט געדונערט, געבליצט.
אידן זענען געשטאַנען מיט ציינער פאַרקריצט
פאַר שרעק, פאַר מורא.
מ׳האָט זיך געשראָקן צו נעמען די תורה,
צוליב אירע האַרבע געזעצן און שווערע יאָכן.
האָט משה די לוחות צעבראָכן
און צעפּיצלט יעדעס אות׳ל!
אַ שאָד וואָס איך, יאָסל,
האָב דאַמאָלס נישט געלעבט!
איך וואָלט די לוחות צוריק נישט פאַרקלעפּט,
ווי ס׳האָט געטאָן דער משה פון גאָט׳ס געטרייע.
די 10 געבאָט וואָלט געגעבן אַ פאַרקירץ איך.
כ׳וואָלט אַרויסגעוואָרפן דעם „לא תרצח״
פון די 10 געבאָט.
„וואָס גרעסער דער רוצח, אַלץ גרעסער דער פּאַטריאָט!
אַזוי וואָלט איך פּראָקלאַמירט!
דעם „לא תגנוב״ וואָלט איך אַנדערש רעדאַגירט:
„פאַר גנב׳נען ביי מיר קומט דעם גנב גיהנום,
אָבער ווען איך גנב׳ע ביי יענעם,
דאַרף איך אים נישט צוריקגעבן קיין איין סענט!
איך האָב פרייע הענט,
איך מעג שיסן, שעכטן, רויבן!״
אַזאַ גלויבן
וואָלט קיינער נישט געוואָלט פאַרשוועכן.
אַזעלכע לוחות וואָלט מען נישט געדאַרפט צעברעכן.
קיינער וואָלט נישט געזאָגט אַז אַזאַ תורה קרום איז.
ס׳וואָלטן געכאַפּט די תורה אַלע אומות!
אַלע פעלקער וואָלטן געמאַכט אַן אָוואַציע
דער אידישער נאַציע,
וואָס האָט די וועלט מזכה געווען מיט אַזאַ „סחורה״,

מיט אַזאַ „תורה״,
וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַזאַ געזעצגעבערישן רחמן,
אַזאַ יוריסטישן פּאַכמאַן,
ווי ס׳איז דער מורה־מורינו
„יאָסל רבינו״!

אַ תפילה צו משיח׳ן

הייליגער משיח! איך, דיין קנעכט, דיין דינער,
יאָסל דער גרינער,
רוף צו דיר מיט שרעק, מיט ציטער.
זיי ווייסן אַז ס׳איז ביטער
אויף דער וועלט.
די רשעים טאַנצן אין אונזער געצעלט
און זיי הערן ניט אויף מיט אונז צו באַלעבאַטעווען.
דו מוזט אונז ראַטעווען,
משיח בן דוד!
וואַרט ניט אויף קיין כבוד
און קום צו אונז אינגיכן.
מ׳קוקט דיך שוין אויס ווי מ׳קוקט אויס משיח׳ן.
קום און לייז אונז אויס, די געפּייניגטע, די שוואַכע.
וואָס שלעפּסטו זיך, משיח, ווי אַ טשערעפּאַכע,
אַנשטאָט זיך צו טראָגן ווי אַ שטורעם, ווי אַ ווינט!
כ׳געדענק, משיח, ווען כ׳בין נאָך געווען אַ קינד
פלעגט מען זיצן אין די בתי מדרשים
און דרינגען פון זוהר, פון חומשים,
אַז ס׳איז משיח׳ס צייטן,
אַז אָט־אָט קומסטו צו רייטן,
צו פאָרן.
מ׳האָט שוין געציילט די יאָרן,
די חדשים, די טעג.
מ׳האָט געזאָגט אַז דו ביזט שוין אין וועג
און אַז אין תרס״ח וועט קומען די פולע גאולה.

מיט מזל און מיט גליק.
מ׳האָט שוין געגרייט פּאַפּיר צו דער פּאַפּירנער בריק
איבער׳ן ים הגדול, איבער׳ן נילוס.
מתים האָבן זיך שוין געגרייט צו גלגול מחילות.
זיי האָבן שוין געפּאַקט די טשעמאָדאַנעס, די זעק.
צום סוף נעמט עס גאָרנישט קיין עק!
מ׳זעט ניט דיך און מ׳זעט ניט דיינע שליחים.
דערווייל קומען צו אונז פאַלשע משיחים
און זיי שווערן אַז זיי זענען עכטע.
ס׳באַווייזן זיך משיחים לינקע און משיחים רעכטע,
וואָס זייער גאַנצער כוח אין ראַקעט איז, אין קאַנאָן איז.
האָב־זשע משיח, אויף אונז רחמנות
און קום צו אונז איידער די ראַקעטן ברומען, —
ווייל שפּעטער וועסטו נישט האָבן צו וועמען צו קומען!

דער ליובאַוויטשער פאַרשפּרייט תורה

דער ליובאַוויטשער טוט אויף זאַכן גרויסע,
רבותי!
ער פירט אַ מלחמה געגן אַמעראַצעס.
ער פאַרשפּרייט תורה וואו ערגעץ אַ פּלאַץ איז.
ער זאָגט אַ „שיעור״
אין אַלזשיר.
ער לערנט מיט בחורים אין אַלבאַניע
זיין „תניא״.
ער קנעלט מיט אַ אינגל אין רומענישן יאַס
ש״ס.
אין „כפר חב״ד״, נעבן תל אביב,
לערנט ער מיט סאַברעס דעם „מהר״ם שיף״.
ער קנעלט מיט אינגלעך „ישעיה״ און „איוב״
אין קיעוו
ערגעץ אויף אַ בוידעם
בלא יודעים.

ער פאַר׳למדנ׳ט אינגלעך אין לאַנד פון טיטאָ׳ן.
ער לערנט מיט אידן ,,קדושין׳׳ און גיטין׳׳
און אַנדערע גמרות סעקסיקע
אין מעקסיקע.
ער מאַכט פון ניי־זעלאַנד
אַ ,,תורה שבעל פה׳׳ – לאַנד.
ער מאַכט פון האָלאַנד
אַ ,,תורה לשמה׳׳ – לאַנד
ער מאַכט אַ ,,צאינה וראינה׳׳ – מאַרק
אין דענעמאַרק.
ער פאַרפלייצט ריאָ
מיט ,,בבא מציעא׳׳
און בוינע
מיט ,,מפטיר יונה׳׳.
ער לערנט ,,מגילת אסתר׳׳
אין מאַנטשעסטער
און די תפילות פון ,,צום גדליה׳׳
אין אויסטראַליע.
פון יעדן אינגל אין טשילע
מאַכט ער אַן עילוי.
לאַמיר־זשע בעטן דעם ליובאַוויטשער צדיק,
ער זאָל אין ברוקלין אויך מאַכן אַ ,,פּאָריאַדאָק׳׳!
זאָל ער אויסראָטן אַמעראַצעס אין די בראָנקס,
און ניט נאָר אין די מאַראָקאָס און האָנג־קאָנגס,
און די יאָהאַנעסבורגס און ביי די סאָוועטן!
זאָל ער קנעלן מיט אונזערע באָיס אפילו אין מאַנהעטן,
אויב ניט קיין גמרא, ,,תוספות׳׳, ,,מהרש״א׳׳,
איז כאָטש דעם ,,קאָמעץ אַלעף אָ!׳׳

אויפרוף פון חב״ד־פּאַוויליאָן אויף דער ניו יאָרקער וועלט־אויסשטעלונג

ליבער איד,
וואָס דו ביזט געקומען צום אינטערנאַציאָנאַלן יריד
צו זען די וואונדער פון צוואַנציגסטן יאָרהונדערט!
לויף נישט אַרום פאַר׳חידוש׳ט, פאַרוואונדערט
איבער די מיט ליכט פאַרפלייצטע פּאַוויליאָנען,
וואָס זענען פול מיט כישוף׳דיקע עלעקטראָנען,
מיט די ניסים פון דער זינדיקער וועלט!
קום אַריין אין אונזער געצעלט.
אין פּאַוויליאָן פון חב״ד!
ביי אונז ברענט אַ תורה־ליכט פון אַ מיליאָן קילאָוואַט.
מיר וועלן דיר אַנטפּלעקן די סודות פון „חכמה, בינה, דעת״.
דו וועסט דערזען אַזוינס און אַזאַס!
דו וועסט דערזען אַז דער מענטש איז נישט באַשאַפן
פון קיין אַפן,
פון קיין „מאָנקיס״, פון קיין „אַבעזיאַנעס״.
ס׳וועלן דיר פאַרענטפערט ווערן אַלע „מה נשתנה׳ס״,
אַלע קשיות, אַלע פאַרוואָס׳ן.
דו וועסט זען אַז די וועלט שטייט אויפ׳ן לוויתן
און די אַפּקורסישע חכמות זענען ניט ווערט אַ שאָס פּולווער.
קום־זשע אַריין צו אונז, מיט תורה פול ווער!
קום אַריין, רב איד, קום מיש
אין חומש,
שטעל אָן דאָס אויג, לייג צו דאָס אויער
צום „זוהר״,
צום „מורה נבוכים״.
אַנטלויף פון יצר הרע, שטופּ אָפּ מיט כוח אים,
שעכט אים, קויל אים!
נעם דיר אַראָפּ אַ מוסר פון די אומות העולם:
אויב אַ רוס, וואָס האָט בלויז אַ פּושקין, אַ טאָלסטאָי,
אויב אַזאַ גוי

שטאָלצירט דערמיט וואָס ס'איז אַ רוס ער, —
היינט־זשע דו, וואָס האָסט אַ „שבט מוסר",
אַ „תלמוד ירושלמי", אַ „תלמוד בבלי'ן",
ביזטו ווייניקער יחסן פון איוואַנען פון פּאַוולען?
ביזטו ווייניקער יחסן ווי יאַפּאַנער, פראַנצויזן?
וואָס־זשע באַוואונדערסט דו זייערע טעכנישע שאַלאַמויזן?
וואָס־זשע קריכסטו אַרום איבער פרעמדע פּאַווילִיאָנען
צו באַקוקן די אויטאָמאָבילן פון די נייעסטע פאַסאָנען
און די אַנדערע טעכנישע גליקן?
וואָס לויפסטו אַרום זיך אַנטציקן
מיט די ראַקעטן, וואָס מאַכן פון מענטשן אַ תל?
טרעט בעסער אַריבער אונזער שוועל,
וואו אידישקייט ווערט מיט אידן געקנעלט!
קום אַריין, רב איד, אין אונזער געצעלט,
וואָס איז אַן אָאַזיס אין אַ מדבר פון הפקרות.
וואַרף אַראָפּ פון זיך די אַלטע עבירות,
מצוות און מעשים אין אונזער געצעלט דיר אויפסניי קויף!
„מה טובו אהליך יעקב!"

מזמור ל'גלאָק

זיי געלויבט, ליבער גלאָק, וואָס קלינגט שאַרף אָדער טעמפּ.
אין יעדן האָטעל, אין יעדן קעמפּ
וואו עס זומערט נאָר אַ איד.
דיר וויל איך היינט ווידמען מיין ליד!
דיר, דעם גלאָק, וואָס קלינגט ווי שאַפּען'ס אַ פּאָלאָנעז.
דעם גלאָק וואָס רופט צו פיש מיט מאַיאָנעז
צו מילכיגע קנישעס און פליישיגע זופּן.
דעם גלאָק וואָס פאַראייניגט פּאַרטייען און גרופּן.
ווען דער גלאָק רופט צו קייען,
לויפן די חסידים פון משה דיין,
צוזאַמען מיט די חסידים פון טשו ען לאַיען,

וואָס איז ביי די „נייע לינקע" פאַר'נביא'ט!
אַ חסיד פון מגן דוד
קושט זיך מיט אַ בונדישער רויטער קאָקאַרדע
ביי אַ לעבערל מיט מושטאַרדע.
אידן, וואָס פאָרשן שפינאָזע און אידן וואָס פאָרשן דעם „חזון איש"
חבר'ן זיך ביים טיש
וואו ס'ווערט געפאָרשט
אַ רויטער באָרשט.
אַז אַ איד הערט דעם גלאָק פון די גלעקער,
מעג ער ליינען אַ „פאָרווערטס", אַ „וועקער",
אָדער אַ „פראַוודאַ", אַן „אָגאָניאָק" —
אַז ער הערט דעם גלאָק,
לויפט ער פייל פון בויגן
און זוכט מיט די אויגן,
ניט קיין פראָגראַם פון אַ פּאַרטיי,
נאָר אַ שניצל געפּרעגלט מיט אַן איי.
ער זוכט ניט קיין אַריע פון ווערדי און האַלעיווי,
נאָר אַ פּופּיקל באַגאָסן מיט „גרעיווי".
איין רגע'לע
מעגעלע,
איין מינוט לעמאָנאַדע דורך אַ שטרוי,
איז ביי אים מער ווי אַ גאַנצע שעה טאָלסטאָי,
ווי טשייקאָווסקי'ס „סערענאַדע", ווי בעטהאָווען'ס אַ סאָנאַטע,
ווי „ציגיינערווייזן" פון סאַראַסאַטע.
אַז ער באַאַרבעט דאָס פּופּיקל, איז כאָטש האַק און בראָק,
מעגסט אים ליינען לידער פון אַלעקסאַנדער בלאָק,
מעגסט אים ווייזן די בילדער פון וואַן גאָג,
הערט ער אַלעמען ווי אין טראָק!
מיזמור ל'גלאָק!

הימל און ערד און וואַלן

ישראל האָט אַ שם אַן אינטערנאַציאָנאַלן
פאַר אַ לאַנד פון וואַלן.
נאָכדעם ווי ס׳ענדיקן זיך דאָרט וואַלן
גרייט מען באַלד זאַלן
פאַר פרישע וואַלן.
מ׳לייגט אַריין אין די וואַלן
מיליאָנען קאַפּיטאַלן.
אויב דער רב גורן איז מגייר אַ גוי פון די אוראַלן
אָדער אַ גאָיע פון די בייקאַלן,
פאָדערט די אגודה וואַלן.
אויב ער וויל אַ דין אַ ליבעראַלן,
פאָדערט מזרחי וואַלן,
אויב מען וויל צוריקגעבן די אַראַבער אַ פּאָר קוואַרטאַלן,
פאָדערט מנחם בעגין וואַלן.
אויב אַ מפּמ׳ניק האָט חתונה כדת מאַרקס ולאַסאַל׳ן,
פאָדערט מפא״י וואַלן.
אויב מען האַלט סטאַלינ׳ען פאַר אַ נישט־נאָרמאַלן,
פאָדערט מאיר ווילנער וואַלן.
אויב מ׳וויל ישיבה׳ניקעס מאַכן פאַר זעלנער, קאַפּראַלן,
פאָדערט בני ברק וואַלן.
אויב מען פאַריאָגט נישט פון די פעלדער די שאַקאַלן,
פאָדערן די קיבוצים וואַלן.
אויב עמיצער גיט אַ געניץ אַ נייטראַלן,
פאָדערט מען גלאַט וואַלן!

צי קען מען אויסראָטן גנבים?

לענין האָט געפּרעדיקט,
אַז די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג איז צעשעדיקט,
אַז אַלע אירע גבאים

זיינען רשעים,
אָבער אונטער אַ קאָמוניסטישן „פּאַריאַדאָק״
וועט יעדער זיין אַ צדיק,
וואָס ווייסט אַז גנבה איז אַ זאַך אַ מיאוסע.
מ׳וועט נישט דאַרפן קיין תפיסה,
קיין פּאָליציאַנטן, קיין קאָזעס!
וואָס קאָן זיין ערלעכער ווי אַ קאָלכאָז איז? —
אַזוי האָט לענין געדאַרשנט!
אויב יעדער סאָד, וואָס איז פאַר׳עפל׳ט, פאַר׳קאַרשנ׳ט,
איז דאָס אייגנטום פון גאַנצן לאַנד,
טאָ ווער וועט צו אַזאַ סאָד אויסשטרעקן אַ האַנט
און פון דאָרט רויבן
אַ פּאָר טרויבן,
וואָס לעכצן נאָך טוי, נאָך זון און נאָך רעגן?
ווער וועט באַגאַנווענען זיין אייגן פאַרמעגן?
ווער וועט גענן זיך אַליין זיין אַ מאַרעוויכער?
אַזוי שטייט אין לענינ׳ס ביכער,
וואָס זענען ביי די רויטע פאַרהייליגט, פאַר׳תחינה׳ט!
אָבער לענין האָט זיך אַביסל פאַרכלינעט.
ער האָט געמאָלט זיין וויזיע צופיל אידעאַליסטיש!
סיי אין די לענדער וואו מ׳רעגירט קאַפּיטאַליסטיש,
סיי די לענדער וואו מ׳רעגירט פּראָלעטאַריש,
אַנטי־צאַריש,
וואו אַלץ האָט געדאַרפט בלאַנקען שניי־ווייס,
פעלן נישט קיין גנבות.
מ׳קען זיין אַ שווינדלער, אַ רמאי
סיי אין אַדעס, סיי אין אַלאַבאַמע.
סיי אין לאַנד פון „פּראַוודאַ״ סיי פון זשאַ־זשאַ גאַבאָר,
קען מען זיין אַ גנב אַ „וואָר״.
מ׳קען זיין אָנגעשטאָפּט מיט קאָמוניזם,
מ׳קען פּרעדיקן סאָציאַליסטישן רעאַליזם
אין טעאַטער און אין דער ליטעראַטורקע —
און זיין אַ גנב, אַן „אורקע״!
פּונקט ווי מען אַנדעקט גנבות אין ניו יאָרק

פונקט אַזוי זיינען דאָ נאַטשאַלניקעס אין „וניעשטאָרג״
וואָס האָבן לעניך־אָרדענס גאָלדענע און מעשענע,
און זיי פאַרקריכן אין אַ פרעמדע קעשענע!

אַ שמועס צווישן ברעזשניעוו׳ן און דעם „לונאַ״־אַרויפשיסער

די סאוועטן האבן געוואלט מיט זייער „לונא״־שיפל מאכן א „ווייכע לאנדונג״ אויף דער לבנה. אבער עס איז נישט געלונגען. עס האט געמאכט א „הארטע לאנדונג״. מיר גיבן איבער א שמועס צווישן צוויי גדולים אין מאסקווע.

ברעזשניעוו:

שיס אַרויס אַ „לונאַ״ מיט׳ן גאַנצן קנאַק
און מאַך אויף דער לבנה אַ „מיאַכקי זנאַק״!

„לונאַ״־דירעקטאָר:

טאָוואַרישטש ברעזשניעוו, ניעט ניקאַק!
כ׳קען דאָרט מאַכן בלויז אַ „טווערדי זנאַק״!

ברעזשניעוו:

דו ביזט דאָך נישט, כאַווער, קיין דוראַק,
קריגסט גאָלדענע רובלס אַ פולן זאַק,
כ׳וועל שענקען דיר אַ „קאַדילאַק״,
נאָר מאַך אויף דער לבנה אַ „מיאַכקי זנאַק״!

„לונאַ״־דירעקטאָר:

טאָוואַרישטש ברעזשניעוו, כאָטש בראָק און האַק —
כ׳קען דאָרט מאַכן בלויז אַ „טווערדי זנאַק״!

ברעזשניעוו:

דו שלאָפסט, זע איך, כאַווער, גאַנץ געשמאַק.
מאַכן אויף דער לבנה אַ „טווערדי זנאַק״
דאָס קען דאָך היינט אפילו איראַק

און אפילו אַ שאַמעס פון „בני־ברק״.

„לונאַ״־דירעקטאָר:

כ׳וואָלט געוואָלט מאַכן אַ „מיאַכקי זנאַק״,
דאַ, יעי באָגו, ניע זנאַיו קאַק?

ברעזשניעוו:

הער, וואָס איך זאָג דיר, דו טשודאַק!

„לונאַ״־דירעקטאָר:

כ׳הער, כ׳הער, טאָטשנאָ טאַק!

ברעזשניעוו:

עס וואָלט דיר סטאַלין דערלאַנגט אין באַק
ווען דו וואָלסט געמאַכט אַ „טווי‌אָרדי זנאַק״,
ער וואָלט פאַרשיקט דיך מיט׳ן גאַנצן פאַק,
אַלס „ווערדיטיעל״, אַלס „קולאַק״,
וואָלסט ווילדער געהאַקט דאָרט מיט אַ האַק
און וואָלסט געוואוינט אין אַ באַראַק
אין „גולאַג״!

„לונאַ״־דירעקטאָר:

כ׳האָב נישט פאַרדינט אַזאַ מיאוס׳ן פסק!
איך וויל דאָך מאַכן אַ „מיאַכקי זנאַק״,
נאָר אַזוי ווי ס׳דערלאַנגט אין דער לבנה אַ קנאַק,
ווערט דערפון אַ „טווי‌אָרדי זנאַק״!

ברעזשניעוו:

דו ביזט, גאלובטשיק, אַן אמת׳ער שלאַק.
מ׳קען פון דיר קריגן אַ האַרץ־אַטאַק.
די צייט איז קורץ, ס׳איז אַ „שאַאַס האַדכאַק״.
לינדאָן דזשאַנסאָן מיט׳ן פראַק,
מיט זיין כעוורע פון „ראָל און ראַק״,
קענען דערוויל דערלאַנגען דער לבנה אַ קנאַק
און זיי קענען דאָרט מאַכן אַ „מיאַכקי זנאַק״!

קאָרעספּאָנדענץ צווישן 2 חזירים

סאָוועטישער קאָלכאָז־חזיר שרייבט צו אַן אַמעריקאַנער פאַרם־חזיר

כ׳שרייב צו דיר כאַווער־כאַזער, אומפּאַרטייאיש.
וואָס מאַכסטו? קאַק פּאָזשיוואַיעש?
מיר איז גוט, כ׳האָב אַ פולן מאָגן.
כ׳וועל דיך באַלד, כ׳לעבן, איבעריאָגן!
אַזוי שרייבן אונזערע בלעטער.
אויב דו ביזט פעט, וועל איך זיין נאָך פעטער.
אויב דו וועגסט 10 פּוד, וועל איך וועגן צוואַנציג
מיין צוקונפט זעט אויס גלאַנציג.
קעגן מיר ועסטו אויסזען ווי אַ מת!
פון מיר, אַ חזיר פון הינטער אַדעס!

ענטפער פון אַמעריקאַנער חזיר

„האַו דו יו דו, מיסטער פּיג״,
וואָס דו האָסט דאָס גליק
צו לעבן אין לאַנד פון די סאָוועטען!
גלויבסט טאַקע וואָס מ׳שרייבט אין דיינע גאַזעטן,
אַז ס׳איז אונז ביטער אין אונזער לאַנד דאָ?
זיי־זשע וויסן, אַז ס׳איז בלויז פּראָפּאַגאַנדע.
אַ חזיר וואַלגערט זיך אין מיסט, אין קויט
סיי ווען זיין לאַנד איז שוואַרץ סיי ווען ס׳איז רויט,
אין ערגעץ איז אַ חזיר נישט קיין יחסן, קיין מאַכער,
סיידן ער איז אַ דאָוואָר־אַכער
אויף צוויי פיס.
אין ערגעץ איז אונזער לעבן נישט זיס.
דעם חזיר באַהאַנדלט מען אומעטום ווי אַ חזיר.
ס׳עסט נישט פון קיין זילבערנער וואַזע ער,
נאָר פון אַ שמוציקער קאָריטע.
מיר וואוינען אין חזיר־שטאַלן, אין נאָרעס פּאַרנאָרעטע.
בקיצור, מ׳בעהאַנדלט אונז פּאַראַזיטיש.
מיר, חזירים, ענדערן זיך אַפילו נישט פּאָליטיש.

וואָס האָבן מיר זיך דאָ צו שעמען?
אַ חזיר בלייבט אַ חזיר ביי אַלע סיסטעמען:
ער ווערט נישט מער טיראַניש
דערפאַר ווייל ער איז אַמעריקאַניש,
און ער ווערט נישט מער הומאַניטאַריש
דערפאַר ווייל ער איז פּראָלעטאַריש.
צי דער חזיר איז אין שיקאַגע, צי אין רויטן גדיניע,
איז ער אַלץ אַ סוויניע,
און ער עסט פון זעלבן רינשטאָק די זעלבע געמיזע.
דעריבער, טאָוואַרישטש „טעיק איט איזי!"
געדענק, ס'איז „אָדין טשאָרט":
מ'שעכט אונז דאָ און מ'שעכט אונז דאָרט,
סיי מ'וועגט 6 פוד, סיי 12!
„טעיק קער אָוו יורסעלף!"

אַ בריוול פון כאַווער סטאַלין צו יאָסל דעם גרינעם

ליבער יאָסל, געדענקסט מסתמא דעם ניקיטאַן,
דעם באַנדיט שבבאַנדיטן,
וואָס האָט געמאַכט מ'זאָל מיך באַגראָבן, פאַר'קרקע'ן,
נעבן קרעמלס פאַרקאַן?
ביים לעבן האָט ער געציטערט פאַר מיין „ווענטל"
און ער האָט מיר געקושט אין הענטל,
פון וולאַדיוואָסטאָק ביז טאַלין
האָט ער געשריען „דאַ זדראַווסטוואויעט סטאַלין"!
פון מאָסקווע ביז טשילי
האָט ער געשריען „דאַ זדראַווסטוואויעט דזשוגאַשווילי!"
ניקיטאַ, וואָס איז אין מאַרקסיזם אַ גרינער,
איז געווען ביי מיר אַ לאַקיי, אַ דינער.
אָבער נאָך מיין טויט, האָט ער אויף מיר דעם טיפליסער,
אויסגערופן אַן איסור
און האָט מיך צעשטאָכן, צענאָדלט.
איצט ווער איך צוריק פאַרגדולט

דורך מיינע תלמידים אין קרעמל.
מ׳צינדט שוין ווידער פאַר מיר ס׳הייליקע פלעמל
און מ׳רויכערט פאַר מיר אַ ווייררויך,
מ׳מאַכט מיר אַ „מי שברך״
אַז איך, דער גענעראַליסימאָ,
האָב באַוויזן ניסים אָ,
אַז כ׳בין געווען אַ מיליטערישער פּאַכמאַן,
אַז כ׳בין געווען אַ צדיק אַ רחמן
אין רויטן גן־עדן.
דערווייל מאַכט מען עס נאָך באַשיידן,
אָבער באַלד וועט מען פּויקן אין באַראַבאַן,
אַז אַ דאַנק מיר איז אַ היץ אין טורקעסטאַן;
אַז כ׳האָב געמאַכט שניי און אָפּגעפירט קיין סיביר אים.
פּאָעטן וועלן ווידער שרייבן שירים,
אַז אַ דאַנק מיר ברענט די זון
און
עס וואַקסן אין באַקו פּאַלמען און צעדערן.
בקיצור, יאָסל, כ׳קריך צוריק אַריין אין די פעדערן.
מעגסט האָבן, יאָסל, בטחון,
אַז כ׳וועל נאָך צוריק זיין לענינס שכן,
און ער וועט ליגן וויזאַווי מיר.
מ׳וועט מיך צוריקפירן אין אוהל פון הייליקן וולאַדימיר
מיט פּאַראַד און מיט פאַנפאַרן.
פון פאָרנט וועלן שפּאַנען די העכסטע קאָמיסאַרן
און הינטער דער מיטה
וועלן נאָכגיין די יורשים פון ניקיטא!

אַ סאָוועטישער איד שרייבט צו יאָסל דעם גרינעם

ליבער יאָסל,
וואָס פאַרד איז דיין באָסל
און דו ביזט זיין קנעכט.
איך הער אַז דיינע אידן קעמפן פאַר מיינע רעכט.

סאַי דיינע אידן וואָס זענען נאַציאָנאַל־וועלטלעך,
וואָס זיצן ניט אין סוכה, נאָר קוקן אַריין דורך די שפּעלטלעך
מיט בענקשאַפט,
סאַי דיינע אידן וואָס טאַנצן אין דער גרעסטער ענגשאַפט
אין די חסידישע קלויזן!
טאָ זאָג זיי, יאָסל, זיי זאָלן נישט ברויזן
און זידן
צוליב די סאָוועטישע אידן.
אויף וואָל סטריט!
מיר, סאָוועטישע אידן, גייען אין קאָמסאָמאָל׳ס טריט.
מיר ווילן נישט קיין שפּור
פון דער אידישער קולטור:
מיר ווילן קיין תנ״ך נישט,
קיין „פידלער אויפ׳ן דאַך״ נישט,
קיין שבתים נישט, קיין ימים־טובים נישט,
קיין בריוו־שרייבן צו קרובים נישט,
קיין וויזעס איבער דער גרעניץ נישט,
פון מצה אפילו קיין פּענעץ נישט,
קיין האַגאָדאַ נישט, קיין „האַשאַטאָ אַוודע״ נישט,
קיין אידישע „פּראַוודאַ״ נישט.
מיר ווילן נישט, יעי באָגו,
קיין שום סינאַגאָגע,
וואו מ׳טאַנצט מיט הקפות קאַראַהאָדיק —
און פאַרדריי אונז נישט, יאָסל, קיין ספּאָדיק.
אונז איז דאָ גוט, ס׳איז אונז טוב מאוד׳יש.
האַלט דיר דאָרט דיין לשון קודש,
דיין אידיש,
דיין הבדלה, דיין קידוש,
דיין משניות, דיין זוהר.
פון מיר משה קאַפּויער!

אַ בריוול פון אַמעריקאַנער ריטאַיערטע קיין ישראל

ליבע מיניסטאָרן פון דער אידישער מדינה!
מיר ריטאַיערטע פון מיאַמי און פּאַסאַדינא,
געזונטע און חברים פון אַרבעטער־רינג און „פאַרבאַנד״,
ווילן זיך באַזעצן אין אידישן לאַנד,
פון אברהם אבינו און פון שרה׳ן.
מיר זענען שוין אידן אין די יאָרן,
אַריבער די אַכציג!
מיר ווילן זען ווי מ׳מעלקט אַ תנ״ך־ציג,
ווי מ׳זייט, ווי מ׳אַקערט,
ווי די אַרבעט פלאַקערט
דורך בחורים מיט הענט מוסקולדיק און פליישיק
און מיר וועלן זיי צוגעבן חשק
צו באַאַרבעטן ס׳לאַנד פון תנ״ך.
אונזער אייגענער כוח איז נעבעך שוואַך.
ווי קענען אידן מידע, פאַרשלאָפענע פאַרכראָפּעטע,
גראָבן מיט אַ לאָפּעטע?
אָדער פירן אַ טראַקטאָר,
וואָס מיט איין שטויס צעהאַקט ער
בוימער 100־יעריקע!
ווי קענען זקנים פון אַמעריקע,
זיך נעמען צו אַזאַ עבודה?
דאָס טוט ביי אונז אַ גוי דאָ,
נישט זקנים וואָס זענען ביי אָנקל סעמ׳ען אויף קעסט!
אָבער מיר וועלן „טרייען אונזער בעסט״
אין לאַנד פון די הייליקע נביאים,
וואו יעקב האָט געליבט רחל׳ען און ס׳האָט געליבט זי אים.
מיר וועלן אין הייליקן לאַנד זיין „שמחים בחלקם״!
שרייבט אונז צי מיר וועלן זיין „וועלקאַם״
אין לאַנד פון ר׳ מאיר בעל הנס?
און אויב איר וועט אונז געבן אַ „יעס״!״,
וועלן מיר קומען אויפ׳ן לופט־פעלד וואָס ביי „רמת גן״ איז
מיט אַלע טשעמאָדאַנעס!

ענטפער פון ישראל

מיר זאָגן אייך אַ „שאַלאָם" פון די שענסטע „שאַלאָמען"!
איר זענט אונז ווילקאָמען
ליבע אַמעריקאַנער ברידער!
מיר ווען אייך אויפנעמען מיט קרענץ, מיט לידער,
סײַ אויף דער שיף, סײַ אויף דער יבשה.
אָבער מיר האָבן צו אייך אַ גרויסע בקשה,
ליבע אידן פון אַמעריקע:
שיקט אונז נישט בלויז קיין זקנים 80־יעריקע,
וואָס טאַבאַק שוין שמעקן,
וואָס קריכן אַרום אָנגעלענט אויף אַ שטעקן,
וואָס קענען נישט שלאָפן אפילו מיט פּילן,
וואָס הערן דורך מאַשינקעס און לייענען דורך ברילן,
דורך בלאָהע שפּאַקולן.
שיקט אונז אייערע אייניקלעך מיט געזונטע מוסקולן,
ווי ס׳פּאַסט פאר יורשים פון יהודה האַמאַקאַבי —
זיי זאָלן קענען מאַכן דעם אמת׳ן „דזשאַב" היי...
שיקט אונז יונגוואַרג מיט כוח, מיט קראַפט,
וואָס קענען בויען בריקן און זוכן נאַפט
און אויסגראָבן קופּער, אייזן, מעש, קויל —
פון אונז, די יורשים פון לוי אשכול!

ווען איך וואָלט געווען דער בורא־עולם וואָס וואָלט איך געטאָן

גאָט האָט געבענטשט זיינע קינדער ישראל
און ישמעאל.
אידן האָבן ליב צו האַנדלען,
האָט ער זיי געגעבן ראָזשענקעס מיט מאַנדלען,
און די אַראַבער וואָס זענען צו האַנדלען פויל,
האָט ער געגעבן אויל.
און עס איז גוט ישמעאל׳ן, ס׳איז וואויל אים!
ווען איך וואָלט אָבער געווען דער בורא־עולם,
וואָלט איך געטאָן פאַרקערט:
איך וואָלט ביידן אַנדערש באַעהרט —

ישמעאל׳ן, וואָס מאַכמעד זיין גאָט, זיין באָזשענקע איז,
וואָלט איך געגעבן מאַנדלען מיט ראָזשענקעס.
כ׳וואָלט אים געגעבן בוימער מיט געדיכטע צווייגן
פול מיט טייטלען, מיט פייגן.
כ׳וואָלט אים געגעבן איילבירטן, זיתים,
און פרדסים
באַדעקט אינגאַנצן
מיט פאָמעראַנצן,
וואָס גלעטן דאָס אויג אים.
כ׳וואָלט ישמעאל׳ן געגעבן אתרוגים,
כשר׳ע אתרוגים, יעדער אתרוג מיט אַ פיטום
וואָס דער ליובאַוויטשער מעג בענטשן מיט אים,
דאָס אַלץ וואָלט איך געגעבן ישמעאל׳ן!
וואָס־זשע וואָלט איך געגעבן ישראל׳ן?
ישראל׳ן וואָלט איך באַהאַנדלט פאַרקערט:
א ו י ף דער ערד
וואָלט איך אים געגעבן כמעט גאָרנישט,
אַ האָר נישט.
נאָר כדי ער זאָל קענען דערהאַלטן די נשמה,
וואָלט איך אים געגעבן בלויז א ו נ ט ע ר דער אדמה:
דאָרט וואָלט איך אים געגעבן קוואַלן פון נאַפט,
וואָס זאָל אַרויפשיסן מיט דער גאַנצער קראַפט,
אַזוי ווי אַן אַטאָמישער פיסטויל.
איך וואָלט אים געגעבן קוואַלן פון אויל,
קוואַלן פון בענזין,
פון געזאָלין.
ישמעאל, וואָס האָט נישט געוואָלט מקבל זיין די תורה,
וואָלט געקראָגן די ש מ ע ק ע ד י ק ע סחורה,
אָבער ישראל, וואָס האָט אָנגענומען די תורה בטהרה,
וואָלט איך געגעבן די ש ט י נ ק ע נ ד י ק ע וואַרע.
זי האָט אָבער אַ קאָלאָסאַלע
מעלה:
זי קען די שונאים געבן אַ דערהאַרגע
מיט איין עמבאַרגאָ!

דאָס נייע יאָר געזעגנט זיך מיט׳ן אַלטן יאָר

איך, ס׳נייע יאָר, וואָס נעם יעצט איבער די ממשלה,
געזעגן דיך, אַלט יאָר, מיט אַ קללה!
דיינע זינד זיינען גרויס אומגעהויער.
אַלע דיינע הבטחות האָסטו פאַרווירקליכט קאַפּויער.
האָסט צוגעזאָגט שלום אויף אלע וועגן,
און געווען ביזטו גאָר אַ יאָר פון געשלעגן:
די גאַנצע וועלט ברענט ווי אַ פייער!
אַזאַ וועלט לאָזטו מיר איבער צו ניי־יאָר?
אַ וועלט פון היידזשעקס אונטער די הימלען?
פון פאַר׳סמ׳טער לופט און פון טייכן וואָס שימלען?
אַ וועלט פון אָפּגעזאָגטע סאָוועטישע וויזעס?
פון אַ יוגנט וואָס שרייט „דזשוס פאָר דזשיסעס״?
אַ וועלט פון פּאָליטישע דעמאַגאָגערס?
פון האָלדאַפּניקעס און פון „מאָגערס״?
דעריבער זאָג איך דיר: דו אַלטער שֵד
„דראָפּ דעד!״

ענטפער פון אַלטן יאָר

ליב ניי־יאָר, דו ווילסט מיך שעלטן? שעלט!
אַזוי פירט זיך די וועלט:
ווען אַ ניי־יאָר ווערט געבוירן און ס׳ליגט אין וויגל,
איז עס אַ מלאכ׳ל מיט הימלישע פליגל.
יעדער גיט אים אַ קוש, אַ גלעט.
אָבער ביים אַוועקגיין ווערט ער אַ שד,
אַ באַנדיט אַ רשע!
גלויב מיר, אַז כ׳שנייד נאָך אָפּ גאַנץ נישקאָשע.
ליב מלאכ׳ל מיט די בלאָנדע האָר,
כ׳האָב מורא אַז איבעראַיאָר
וועט מען דיר מאַכן אַזאַ קאַנע,
אַז דו וועסט מיך זיין מקנא!

טאָמאַס עדיסאָן שרייבט צו יאָסל דעם גרינעם

ליבער יאָסל, כ׳שרייב דיר פון הימל, באַשיצט מיט מלאכים.
מ׳זינגט מיר שבחים,
אַז מיין עלעקטריש לעמפל, וואָס איז אַלט 95 יאָר,
איז פש...פש...פש... גאָר־גאָר־גאָר!
מ׳זאָגט אַז מיט׳ן לעמפל האָב איך באַזיגט דעם שטן,
אַז אַ שטיק ציוויליזאַציע הענגט אויף מיינע דראָטן.
אַז מיין דערפינדונג פאַר דער וועלט אַ מתנה איז.
אַנדערע מאַכן פון מיר ליצנות,
אַז כ׳בין נישט קיין כהן גדול פון טעמפל.
אַז ווען כ׳האָב דערפונדען ס׳לעמפל
בין איך גאָרנישט געווען געשטימט אַזוי מיסטיש.
אַז כ׳בין צוגעגאַנגען צו דער גאַנצער זאַך קאַפּיטאַליסטיש,
נישט ווייזאָסעדיג.
כ׳האָב געוואוסט אַז דאָס לעמפל איז פרנסה׳דיג.
זאָג איך דיר, יאָסל, אַז מ׳האָט מיך מבייש געווען.
כ׳בין גאָרנישט אַזוי פּראָזאַאיש געווען,
ווען כ׳האָב דערפונדן דעם „עלעקטרישן נס״.
כ׳האָב עס געטאָן פאַר דער קולטור, פאַר׳ן פּראָגרעס.
כ׳האָב געוואָלט אַז ליכט זאָל אַריינדרינגען אין יעדן הויז.
כ׳האָב געוואָלט שטופּן די וועלט פאַראויס.
כ׳האָב געוואָלט באַלייכטן אַלע פינסטערעווינקלען,
כ׳האָב געוואָלט די גאַנצע וועלט זאָל פינקלען.
אָבער לײדער איז מיר נישט געווען באַשערט,
ס׳איז מקויים געוואָרן פאַרקערט.
ישעיה׳ס נביאות אַז „אַ וואָלף וועט וואוינען מיט אַ לעמעלע״
איז געשריבן געוואָרן ביי אַ פלעמעלע
פון אייל,
ערגעץ אין אַ הייל!
היינריך היינע האָט געשריבן זיין ליבסטער אַ געדיכט
ביים שיין פון וואַקסענע ליכט!
ווען מ׳האָט נאָכנישט געוואוסט וואָס ס׳איז אַ קילאָוואַט

האָט שפּינאָזאַ געשריבן זיין פילאָזאָפישן טראַקטאַט.
ווען אַפילו גאַז־ליכט איז נאָך געווען אַ חלום
האָט בעטהאָווען קאָמפּאָנירט זיין „אָדע פאַר שלום״,
אָבער אין דור פון עלעקטריציטעט, פון דאַמף
האָט אַ מאַסן־מערדער געשריבן „מיין קאַמף״.

אַ בריוול צו דער אידישער יוגנט

ליבע יוגנט, וואָס אירווילט אַ וועלט פון יושר,
אַז ס׳זאָל נישט זיין קיין עושר
און קיין אביון,
אַזוי ווי חוה, די טאָכטער פון „טעוויען״
האָט געפּרעדיגט!
איר ווילט, אַז די אַלטע וועלט זאָל ווערן צעשעדיגט
און ס׳זאָל ווערן אויפגעשטעלט אַ וועלט אַ נייע,
אַ פרייע,
און דעריבער פּראָטעסטירט איר,
מאַרשירט איר,
און איר זשאַלעוועט אַפילו נישט קיין שאָסל!
פרעגט אייך דעריבער אייער יאָסל:
אויב איר ווילט אַ וועלט פון זון און רויזן,
פאַרוואָס קעמפט איר אין צעריסענע הויזן?
פאַרוואָס זענט איר אַזוי פאַרשמאָדערט?
צעקנאָדערט?
וואָס אַרט אייך, אַז אייער מאַרש וועט ווערן געמאַרשט
מיט אַ קאַם און אַ באַרשט?

ענטפער פון דער יוגנט

ליבער יאָסל, אויב דו מאַכסט אַזאַ טאַראַראַם
צוליב אַ קאַם,
רעדסטו דאָך ווי אַ תם!
נאָר אַ כאַם
נוצט היינט אַ קאַם!

דו ווייסט ווען מ׳האָט גענוצט אַ קאַם?
ווען אין ניו יאָרק האָבן פערד געשלעפּט דעם טראַם;
ווען מ׳האָט נאָכנישט געוואוסט מסתּם
פון וואַסערמאַנ׳ס אַנאַליזע פון דם
און פון ערליכ׳ס „סאַלווער־סם״;
ווען מ׳האָט זיך וואָכנלאַנג געשיפט אויפ׳ן ים
קיין ניו יאָרק פון ראָטערדאַם;
ווען לענין איז נאָכנישט געווען דער רמב״ם
פון מפ״ם;
ווען אַ קינד האָט געזויגן ביי זיין אייגענער „מאַם״
און אַ פלאַש איז נישט געווען זיין אַם;
ווען מ׳האָט נאָכנישט געוויזן קיין פילמישן פּראָגראַם
ווי מ׳זינדיגט „בפני כל עם״;
ווען דער מענטש האָט נאָכנישט געוואוסט אַז זיין שטאַם
איז פון אַ מאַלפּע פון סיאַם —
דאַמאָלס האָט מען גענוצט אַ קאַם!
אָבער ביי דער יוגנט וואָס קעמפט מיט פייער און פלאַם
איז אַ קאַם
סם,
איז אַ קאַם טרייף!
ס׳נעמליכע צו הערן פון זייף!

שמועסן צווישן עלטערן מיט זייערע קינדער

אַ מאַמע צו איר אינגעלע:

כ׳וויל מיין קינד, אַז מיין געבעט זאָל ווערן דערהערט,
אַז נחת פון דיר זאָל מיר זיין באַשערט,
דו זאָלסט אייביג זיין „אויפ׳ן פערד״!

ענטפער פון אינגעלע:

ס׳אַרט מיך נישט מאַמע, צי כ׳וועל זיין אויפ׳ן פערד!
כ׳וויל זיין אַ „היפּי״ מיט אַ באָרד שבבערד,
וואָס איז פול מיט ראָמאַנטיק —

מעג די באָרד זיין קיילכדיג, שפּיציק אָדער פּירקאַנטיק!

אַ מאַמע צו איר טאָכטער:

טאָכטער מיינע, שיינענדיקער שטערן,
דו פרעגסט פאַרוואָס פול מיט טרערן
זענען מיינע בליקן?
דאָס איז דערפאַר ווייל דו ווילסט מיך נישט דערקוויקן.
זוך דיר אויס, מיין טאָכטער, אַ זיווג,
מעג דער חתן זיין ברוקלינ׳דיק אָדער תל אביב׳יק,
אַבי ער זאָל זיין געפּוצט און עלעגאַנט,
מיט אַ בלום אין לאַץ און הענדשקעס אין דער האַנט.

ענטפער פון דער טאָכטער:

אַזאַ בחור איז מיר דערווידער, איז מיר פרעמד.
מיין אידעאַל איז אַ בחור מיט אַ קויטיק העמד,
מיט אַ בערדל, וואָס מ׳דערקענט דאַרויף סימנים פון שפּייז,
פון קעז, פון לאָקשן, פון אַרבעס, פון רייז
און פון אַנדערע קרישקעלעך,
וואָס טראָגט שמאָלנקע הויזן אַזוי ווי די קישקעלעך
און צעשויבערטע האָר וואָס זענען קיינמאָל נישן מן הסתם
באַרירט געוואָרן פון אַ קאַם.

אַ טאַטע צו זיין זון:

דיין לעבן, מיין זון, איז גאָרנישט געהויבן,
דיינע מלבושים זענען פול מיט שטויבן
און פּונקט ווי דו וואָלסט געבוירן געוואָרן נאָר־וואָס,
דרייסטו זיך אַרום באָרוועס,
אָן שיך, אָן זאָקן און אָן קראַוואַט.
ס׳וואָלט דיר כ׳לעבן גאָרנישט פאַרשאַט
ווען דו נעמסט דיר אַ כלה אַ חנ׳עוודיקע, אַ סימפּאַטישע,
אַ באַלעבאַטישע,
וואָס פאַרזאָרגט מיט אַ ביסל „קעש״ איז
און דו זאָגסט איר „הרי את מקודשת״!

ענטפער פון דעם זון:

כ׳וויל נישט, טאַטע, קיין כלה קיין לייטישע.

אַזאַ מיידל איז אַ פּאַרצייטישע.
מ׳זעט שוין באַלד נישט אַזאַ טיפּ הי׳.
כ׳וויל אַ מיידל אַ „היפּי״,
וואָס טרינקט בראָנפן, וויסקי און סקאַטש,
וואָס פּוצט קיינמאָל נישט אָפּ קיין שוך, קיין לאַטש,
וואָס פאַרלירט נישט קיין צייט ביי קיין פענדל, קיין טעפּל,
וואָס האָט נאָך קיינמאָל קיין קנעפּל
נישט פאַרנייט,
און וואָס רעדט געמיינע רייד,
חלשות׳דיקע,
וואָס האַלט נישט פון ליבעס פּלאַטאָנישע, נאָר ממשות׳דיקע.
ווען אַזאַ כלה חלום איך, טו תפילה איך.
אָט אַזאַ כלה וויל איך,
אָבער נישט קיין כלה קיין צנועה׳וואַטע,
ליבער טאַטע!

אַ בריוול פון אַ מאַלפּע צו יאָסל דעם גרינעם

אמעריקע פּראיעקטירט ארויפצושיקן צום מארס א ספּעיס־שיף מיט א מאלפּע.

יאָסל קרוין, ס׳שרייבט צו דיר אַן אַף!
פּאַר צרות בין איך אַזש קראַנק און שלאַף.
פאַרוואָס זעצט מען אונז אין אַ שיפל אַריין מיט כוח
און מ׳שיסט אונז אַרויף צו דער העכסטער הויך?
פאַרוואָס דאַרף אונז טרעפן אַזאַ מין טרעפעניש?
איך, אַף, בין דאָך היינט ס׳שטילסטע באַשעפעניש.
צווישן די היינטיקע רשעים בין איך דאָך אַ צדיק!
טאָ פאַרוואָס דאַרף איך צום מאַרס זיין נע ונד׳יק?
אויב מ׳וויל אין די הימלען שוועבן,
דאַרף איך איינשטעלן ס׳לעבן?
כ׳טו אייך דען שלעכטס? כ׳טשעפּע אייערע ציגן?
אַדעראַבע, כ׳טו דאָך אייך אָן פאַרגעניגן —

אייך און אייערע קינדער!
כ׳טרעט אויף אין צירקן, כ׳טראָג אַ צילינדער;
כ׳פאָר אויף אַ בייסיקל, כ׳קאַטשע מיך אויף פעסער;
כ׳עס מיט אַ לעפל, מיט גאָפל, מיט מעסער,
צוזאַמען מיט מאַלפּעס אין פראַקן פאַר׳פראַק׳טע.
כ׳מאָל אפילו בילדער אַבסטראַקטע.
כ׳טאַנץ „ראַק׳נ׳ראָל״ מיט׳ן גאַנצן פּיזמון.
כ׳מאַלפּעווע נאָך אַלע אייערע אידיאָטיזמען!
טאָ פאַרוואָס דאַרף איך זיין אייער הימלישער כפרה?
לויט אייער דאַרווינ׳ס סברא,
לויט זיין הלכה,
זענען מיר דאָך שטיקלעך משפחה:
פון מיינע באָבעס שטאַמען דאָך אייערע זיידעס!
ס׳זענען דאָ דערויף לעבעדיקע עדות:
אַז מ׳זעט היינט אייערע פּיעסן, פילמען,
חלש׳ן וויל מען!
איר לויפט דאָרט אַרום נאַקעט, ווי מיר מאָנקיס
אין די דזשאָנגלס, אויף די לאָנקעס.
איז דאָך אַ סימן, אַז דאַרווינ׳ס תורה וואָר איז.
טאָ פאַרוואָס־זשע טוט איר אונז אָן צרות
און איר שיסט אונז אַרויף צו די שטערן?
פאַרוואָס לערנט איר זיך אויף מיין באָרד שערן?

אַ פּיזמון לכבוד „טענקסגיווינג״

אויב קאָסיגין, צוזאַמען מיט די יורשים טשו־ען־לאַי׳ען
האָבן נישט קיין צייט די וועלט צו „באַפרייען״,
וויילביידע תלמידים פון סטאַלינ׳ען
זענען ביזי מיט שמייסן זיך, כמאַלינען:
ברעזשניעוו שמייסט מאַאָ׳ן און מאַאָ שמייסט איוואַנקען —
דאַרף מען דאַנקען!

* * *

אויב ס׳קאָסט אָפּ גאָלד צו אָפּערירן אַ קרישקע

בלינדע קישקע,
און צו באַזייטיקן אויף שטענדיק
דעם אַפּענדיק.
אויב מ׳באַצאָלט מיט ברילֿיאַנטענע יואווועלירן־שטיינער
אויסצושניידן אַ פּאָר נירן־שטיינער,
און פונדעסטוועגן קען מען נאָר ראַטעווען אַ קראַנקן —
דאַרף מען דאַנקען!

* * *

אויב אונזערע בירגער פון אַלע קאָלירן און שבטים
קענען נאָך אַלץ כאַפּן דעם אָטעם,
כאָטש די אויטאָס לאָזן אַרויס אין די לופטן
פאַרפּאָלושענטע דופטן
און די פאַבריק־קוימענס לאָזן אַרויס גיפטיקע געשטאַנקען —
דאַרף מען דאַנקען!

אַ בריוול צו אַ ישראל־איד

ליבער ישראלי, ס׳שרייבט צו דיר אַ איד פון שיקאַגאָ.
כ׳וויל דיר פרעגן אַ פראַגע:
ארץ ישראל איז מיין הייסעסטער חלום.
כ׳קויף שקלים
און כ׳פלאַנץ אין הערצל־וואַלד בוימער.
ס׳הענגען ביי מיר פיקטשעס פון אַלע ציוניסטישע טרוימער,
סיי אין בלויזן קאָפּ, סיי אין יאַרמעלקעס.
מיין בעסטע משקה כרמל׳קע איז,
כ׳טרינק עס גאַנצע וויאַדרעס,
סיי אויף באַנקעטן פון „מזרחי״, סיי פון „הסתדרות״.
כ׳טאַנץ אַ האָראַ, דעם ישראל׳דיקן „טוויסט״.
פרעג איך דיר צי בין איך אַ ציוניסט?

ענטפער פון ישראל־איד

ליבער איד. נישט יעדער וואָס איז פון שקל אַ קונה
איז אַ ציוני!

מ׳קאָן אַפּילו זײַן פֿון גלות אַ שונא,
מ׳קאָן זײַן אַ העברעער כּפול־שמונה –
אויב מ׳וואוינט נישט אין צפת און אין „כּפר יונה״,
נאָר אין פּאַריז, ניו יאָרק און ווינע,
איז מען נישט קיין ציוני!
מ׳מעג עסן פּאַשטעטן
אויף ציוניסטישע באַנקעטן
און מיט׳ן „ברית עברית״ זײַן פּאַר׳ברית׳ט,
איז מען נאָך נישט קיין ציוניסט!
מ׳מעג האָבן די בילדער פֿון הערצל, נאָרדאו און מאָצקין.
מ׳מעג אין „יום העצמאות״ האָצקען
אַז די שיך זאָלן פּלאַצן.
מ׳מעג טראָגן מגן דוד׳ס אין ביידע לאַצן
און קראַוואַטן ווייס־בלאָע.
מ׳מעג ביים סדר שרייען „לשנה הבאה״!
מ׳מעג אפילו רעדן לשון קודש־ספרדיש.
מ׳מעג טאַנצן אַ האָראַ, דעם ציוניסטישן טשאַרדאַש,
אַזוי ווי מ׳טאַנצט אים אין נהלל.
מ׳מעג יעדס יאָר מיט׳ן „אל־על״
פֿליען
קיין ציון
אַלס טוריסט,
איז מען נאָך אַלץ נישט קיין ציוניסט!
מ׳קאָן נישט זײַן קיין ציוניסט אין שיקאַגאָ, אין קליוולאַנד,
נאָר בלויז אין תל־אביב־לאַנד!

די תפילה פון אַן אַפּיקורסישן ראַבאַי

אין אנקעטע צווישן רעפאמירטע ראבאיס האט ארויס געברענגט, אז א קליינער פראצענט פון זיי באטראכטן זיך פאר אפיקורסים. יאסל דער גרינער האט דעריבער פארפאסט א תפילה, וואס אזא ראבאי דארף דאווענען אין זיין טעמפל.

איך, דער רב, וואָס האָט אַוועקגעוואָרפן דעם טלית,
דעם שיר המעלות,
וואָס האַלט ניט פון קידוש, פון חלות,
פון קיין פליישיקן טאָפּ, פון קיין מילכיקן און פּאַרוון,
דאַווען צו דיר, הייליגער טשאַרלז דאַרווין!
איך טו צו דיר תפילה:
זיי דיך מרחם דאַרווין, אויף מיין קהילה
און גיב איר דיין ברכה!
בענטש אונז מיט הצלחה.
פּאַרהיט אונז פון שרעק, פון אימה.
שיק אונז, דאַרווין, אַ רפואה שלימה!
פאַרזאָרג אונז, דאַרווין, מיט פּרנסה.
פאַרטיליג יעדן המן בן המדתא.
בענטש אונזער בענטשער און פאַרשעלט אונזערע שעלטער!
פאַרלאָז אונז ניט, דאַרווין, אויף דער עלטער!
אל תשליכנו!
ווען מיר זענען הילפלאָז ווי קינדער קליינע,
ווען ס׳איז אונז ביטער ווען ס׳איז „מר לי״,
הייליגער טשאַרלי!
איך דיין קנעכט, וואָס כ׳שטאַם פון אַן אַף,
בעט דיך, אַז דו זאָלסט זיין אַ „מאַריך אַף״.
שטעל אָפּ, דאַרווין, דעם צאָרן
ביי די הערשער און דיקטאַטאָרן
און פּרעדיג פאַר זיי אייביקן שלום,
מ׳זאָל נעמען דעם ראַקעט און געבן אַ צעמאָל אים,
און מ׳זאָל מער ניט וויסן וואָס אַ האַרמאַטישער זאַלפּ איז!

איך, דיין קנעכט, וואָס כ׳שטאַם פון מאַלפעס,
פון אַ גאָרילע,
טו תפילה
פאַר מיין קהילה,
פאַר מיין עדה,
וואָס אונזער אַלעמענס זיידע
איז געווען אַ מאָנקי,
וואָס איז אַרומגעשפרונגען אויף אַ לאָנקע
און האָט זיך משדך געווען מיט אַ שימפּאַנזע —
שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן זה!

סוועטלאַנאַ שרייבט אַז סטאַלין איז צו איר געווען אַ גוטער טאַטע

אַ האַרץ ווייך ווי וואַטע
האָט געהאַט סוויעטלאַנאַ׳ס טאַטע.
געציטערט האָט יעדער רוס אין זיין כאַטע
ווען ס׳האָט געטשיסטקעוועט אַלע פעלקער׳ס טאַטע.

ראָמאַנטיש־טרוימעריש ווי בעטהאָוון׳ס לבנה׳דיקע סאָנאַטע
איז געווען סוויעטלאַנאַ׳ס טאַטע.
אַרומגערינגלט מיט אַ חברה בלאַטע
האָט זיך אַלע פעלקער׳ס טאַטע.

אַ מלאך פון הימל וואָס מ׳האָט אַראָפּגעשיקט למטה
איז געווען סוויעטלאַנאַ׳ס טאַטע.
געשיקט קיין סיביר גראָבן מיט אַ לאָפּאַטע
האָט אַלע פעלקער׳ס טאַטע.

קרישטאָליק־קלאָר ווי אייזיק שטערן׳ס סטאַקאַטאָ
איז געווען סוויעטלאַנאַ׳ס טאַטע.
פון גרעסטן העלד געמאַכט אַ שמאַטע
האָט אַלע פעלקער׳ס טאַטע.

גערעדט רייד האַרציגע, מילדע, גלאַטע

האָט סוויעטלאַנאַ׳ס טאַטע.
געיאָגט זעגן בוימער מענטשן מידע און מאַטע
האָט אַלע פעלקער׳ס טאַטע.

כאָטש אַלע פעלקער׳ס טאַטע
האָט אַלעמען געהאַט אין דער פּיאַטע,
כאָטש זיינע בירגער האָבן געטראָגן אַ לאַטע אויף אַ לאַטע,
כאָטש זיי האָבן געשמאַכט אין טורמע הינטער א גראַטע,
האָבן די אַמעריקאַנער כאַוויירים די פרייע און די זאַטע
מקנא געווען די בירגער פון סוויעטלאַנאַ׳ס טאַטע
או זיי האָבן אים געקושט למעלה און למטה.

זיי האָבן אַלע געקניט לעקעשעוואַטע
פאַר׳ן בילד וואו ס׳האָט אַראָפּגעגלאָצט סוויעטלאַנאַ׳ס טאַטע
און זיי האָבן צו אים געזונגען: „הייליקער טאַטע,
ברוך אתה!״

די מלחמה פון קוואַס קעגן קאָקאָ־קאָלאַ

„פראַוודא״ מעלדעט, אז סאוועט־רוסלאנד גייט פאר־שפרייטן אין דער גאנצער וועלט איר קוואס און דערמיט פארטרייבן פון אלע לענדער קאקא־קאלא.

קוואַס זאָגט צו קאָקאָ־קאָלאַ:

דו יענקי־דודל׳דיקע קאָקאָ־קאָלאַ,
וואָס דו ביזט פול מיט רעאַקציע און קראַמאָלע,
אַזוי ווי אַ חזן וואָס זאָגט סליחות ביים „זכור ברית״־טיש!
דו האָסט פאַרכאַפּט די גאַנצע וועלט אימפּעריאַליסטיש.
מ׳טרינקט דיך, קאָקאָ־קאָלאַ,
אין אַ פאַריזער קאַפע־הויז און אין אַ וועניציאַנער גאָנדאָלאַ,
מ׳טרינקט דיך סיי אין ישיבה, סיי אין שקאָלע.
זיי־זשע וויסן, קאָקאָ־קאָלאַ,
אַז דו וועסט פאַרוועלקן ווי אַן אַלטע גלאַדיאָלע!
איך, קוואַס,

װעל באַהערשן די קאַפּיטאַליסטישע גאַס!
פֿון בראַזיליע ביז קאַװקאַז,
פֿון יאָהאַנעסבורג ביז יאַס,
װעט מען טרינקען קװאַס.
דו קאָקאָ־קאָלאַ, װאָס דו ביזט געמאַכט אין װיסקאַנסין,
אין דער מדינה פֿון לינדאָן דזשאַנסאָן,
ביזט פֿול מיט רעאַקציע, מיט האַס,
אָבער איך, קװאַס,
װאָס כ׳בין געמאַכט אין קיעװ, אין אַדעס,
בין פֿול מיט פּראָגרעס.
פֿון װאַנען האָט שאַליאַפּין געהאַט אַזאַ מעכטיקן באַס?
פֿון קװאַס!
װען ער װאָלט געטרונקען קאָקאָ־קאָלאַ
װאָלט ער נישט געשפּילט קיין שום ראָלע.
ער װאָלט נישט געזונגען קיין סאָלאָ
נישט אין מילאַנ׳ער „לא סקאַלאַ״, נישט אין ניו יאָרקער „מעט״.
מיט אַ קוים דערהערבאַרן פֿאַלצעט,
מיט אַ שטימעלע װאָס איז שװאַך און דינטשיק,
װאָלט ער געזונגען ביים חזן פּינטשיק!

דער ענטפֿער פֿון קאָקאָ־קאָלאַ:

װאָס שיסטו עפּעס, קװאַס, אויף מיר מיט פֿייל און בויגן?
װאָס בין איך דיר עפּעס אַזוי גרויס אין די אויגן?
דו מיינסט טאַקע אַז קװאַס אַ „משקה של משיח״ איז?
מיר זענען, כאַװערל, פֿון זעלבן יחוס.
סאַי איך קאָקאָ־קאָלאַ, סאַי דו קװאַס
זענען מיר ביידע נאַס.
דו ביזט פֿון מיר אַ האָר נישט נאַסער,
ביידע זענען מיר אַ ביסל װאַסער
געמישט מיט אַ ביסל, כ׳װייס אַליין נישט װ ו אָ ס!
װאָס־זשע פּאַרדרייסטו אַזוי די נאָז,
אַזוי װי דו װאָלסט געװען מי יודע װער?
ליג דאָרטן איינגעלייגט ביי דיין רוסישן בער!
פֿאַרקריך נישט מיט דיין פּאַס

קוואַס
אויף מיין גאַס!
פאַררעד נישט מיין עולם די ציין, פאַרדריי נישט די קעפּ זיי.
לאָז זיי באַקומען ס׳ביסל קאָקאָ־קאָלאַ, ס׳ביסל „פּעפּסי״.
טשעפּע ניט מיין קאָקאָ־קאָלאַ, וועל איך ניט טשעפּען חלילה וחס
דיין קוואַס.
לאָמיר נישט קריכן איינער דעם צוויטן אין די נשמה.
לאָמיר נישט פירן קיין ק אַ ל ט ע מלחמה.
זאָל זיין „שמחה וששון וצהלה״
צווישן קוואַס און קאָקאָ־קאָלאַ!

אַז זיי איז ליב — איז מיר ניחא

די רויטע האָבן זיך אַוועקגעשטעלט מיט שטעקנס, פּאַלקעס
און זיי דערלאַנגען מלקות
זייער סטאַלינען!
ס׳האַלטן אים אין איין כמאַלינ׳ען
זיינע אייגענע כאַווירים, חסידים און באַקאַנטע
מ׳מאַכט אים די אמתע „מישקאַנטע״!
פּונקט ווי ס׳איז פריער געווען מאָדיש
צו שפּרינגען פאַר אים קדוש,
צו קושן אים די פּיאַטע,
אַזוי איז איצט כרושטשעוואַטע
צו דערלאַנגען אים אין באַק
מיטן גאַנצן קנאַק.
יעדער גיט אַ שאָסל
אויפן הייליגן רב יאָסל
אָן שום סענטימענטל.
מ׳שטעלט אים צום ווענטל
מיט ביטול.
יעדער רייסט זיך צום קאַנטשיק, צום ריטל.
מ׳טוט אים אויס דעם הייליקן קיטל,
דעם הייליקן ספּאָדעק, דאָס הייליקע שטריימל.

מ׳פיצקעט אים אַריין איין מאָל, צוויי מאָל, דריי מאָל.
מ׳שערט אים אָפּ די הייליקע פּאות.
מ׳דרשנט אַז זיין תורה אַן אויסגעבלאָזן איי איז,
אַז ס׳איז אַ זינד צו זיין געטריי אים.
מ׳כאַפּט שוין נישט קיין שיריים.
מ׳זינגט אים שוין נישט קיין לידער באַ׳שיר המעלות׳טע.
ווער ס׳וויל שמייסן, פּאָזשאַלוסטאַ!
די רויטע גיבן דערויף הכשרים!
מאַנכע שרייבערס חידוש׳ען זיך אויף די כאַוויירים:
ס׳טייטש?
ווי הויבט מען אויף זיך אַליין אַ בייטש?
ווי אַזוי שלאָגט מען עס
אין אייגענעם „ווי זאָגט מען עס״?
ס׳איז דאָך פּשוט אַ חרפּה, במחילה!
אָבער איך בין אַ איד פון די קילע,
פון די געלאַסענע.
כ׳קוק מיך צו צו דער גאַנצער חתונה,
צו דער גאַנצער רויטער כאָגע,
און כ׳קלאַפּ נישט קיין טרעוואָגע,
כ׳שריי נישט „רחם נאָ, חס נאָ!״
אויב ניקיטאַ איז „סאָגלאַסנאָ״
און מיקוניס איז מסכים,
זאָלן זיי דערלאַנגען דעם אמתן טראַסק אים!
זאָלן זיי כמאַליען מיט דער גרעסטער רציחה!
אויב זיי איז ליב, איז מיר ניחא!

מיינע דיסקוסיעס מיט׳ן חבר מענדל וועגן סטאַלינ׳ען

נאָוועמבער, 1951
איך צום כאַווער מענדל

כ׳האָב מורא, כאַווער מענדל, אַז דו נעמסט אַ צו־הויכע אָקטאַווע
מיט דיין ליבשאַפט, מיט דיין אהבה
צו סטאַלינ׳ען דיין לערער.

קענסט אַפּילו זיין סטאַלינ׳ס פּאַרערער,
אָבער דו דאַרפסט ניט זאָגן אַז ער איז העכער פון הימל,
אַז ער איז גאָניאַל אַפּילו אין דרימל,
אַפּילו ווען ער גענעצט,
אַז זיין שכל איז אינגאַנצן ניט באַגרעניצט,
אַז אַ דאַנק אים האָבן מיר רעגנס, שנייען און ווינטן,
אַז ווען אַלע ימים זאָלן זיין טינטן,
וואָלט מען זיין גרויסקייט ניט געקענט באַשרייבן.
איך מיין, מענדל, אַז דו דאַרפסט ניט איבערטרייבן.
דו דאַרפסט אַרויסנעמען סטאַלינ׳ען פון געטליכן היכל,
ווייל ס׳לעגט זיך פשוט ניט אויפ׳ן שכל!

כאַווער מענדל צו מיר

אויב אין סטאַלינ׳ס געטליכקייט האָסטו דעם מינדסטן חשד,
איז אַ סימן, יאָסל, אַז דו ביזט אַ פּסיכאָפּאַט,
אַ פינסטערער פאַשיסט,
אַן אויסוואורף, אַ ציוניסט,
אַ רוצח, אַ באַנדיט,
אַ פינסטערער היפּאָקריט!

נאָוועמבער, 1961

איך צום כאַווער מענדל

כ׳האָב מורא, כאַווער מענדל, אַז דו נעמסט אַ צו הויכע
אָקטאַווע
ווען דו רעדסט וועגן סטאַלינ׳ס בלוטיקער תאווה,
וועגן זיין באַנדיטיזם און גזלנות,
וועגן זיין האַק וואָס האָט נישט געוואוסט פון רחמנות
ווען ער איז באַגאַנגען זיינע רציחות.
ס׳קען אפשר זיין אַז סטאַלין נישט משיח איז,
נישט קיין גאָט איז.
אָבער צו וואַרפן אויף אים אַזעלכע בלאָטעס,
צו זאָגן אַז ער האָט געמאָרדעט מיט אַ שמייכל,
לייגט זיך פשוט נישט אויפ׳ן שכל!

כאָוער מענדל צו מיר

אויב דו, יאָסל, ביזט סטאַלינ׳ס אַדוואָקאַט,
איז אַ סימן אַז דו ביזט אַ פּסיכאָפּאַט,
אַ פינסטערער פאַשיסט,
אַן אויסוואורף, אַ ציוניסט,
אַ רוצח, אַ באַנדיט,
אַ פינסטערער היפּאָקריט!

חיים נחמן ביאַליק — 110 יאָר

(אַ בריוול פון אַ לינקן ליטעראַטור־קריטיקער)

ליבער גענאָסל
יאָסל.
צו ביאַליק׳ס 110־יעריגן יובל
וויל איך נישט בלייבן קיין בעל חוב׳ל.
איך, אַ קריטיקער פון די „פּראָגרעסיווע״,
וויל וועגן אים געבן אַן אָפּשאַצונג אַן אָביעקטיווע:
ס׳איז טאַקע אמת, אַז דער חיים־נחמן
איז געווען אַ פּאָעטישער פאַכמאַן.
ער איז געווען סיי אַ שטראָפער, סיי אַ רחמן.
ער איז געווען אַ גרויסער תנ״ך־מאַן.
ס׳איז טאַקע אמת, אַז דער ביאַליק
איז געווען יוצא מן הכלל׳יק.
זיין פּאָעזיע איז טיף־קוואַליק.
ער האָט געזונגען סיי ליריש־נאַכטיגאַליק,
סיי שטורמיש־וואַסערפאַליק,
עלעקטריזירענדיק, חשמל׳יק,
נביאיש און חז״ל׳יק.
זיין פּאָעזיע איז בילדעריש, שאַגאַליק.
אָבער איין חסרון האָט געהאַט דער ביאַליק:
ער איז געווען אַנטי־סאָוועטיש, אַנטי־אוראַליק,
אַנטי־וואָלגעדיק, אַנטי־בייקאַל׳יק.

ווען לענין האָט געצוואונגען מ׳זאָל ס׳גאָלד זיין מסלק,
האָט דער ביאַליק
פּראָטעסטירט צאָרנדיק און גאַליק,
אַז מ׳מאַכט אידן בדיל הדל׳יק,
אַז מ׳באַהאַנדלט זיי קרימינאַליק.
דער חיים־נחמן ביאַליק
האָט לענינ׳ען נישט געמאַכט קיין „מי שברך״.
ער האָט לענינען נישט געדעמפּט קיין ווייררויך.
ער איז נישט געווען קיין רויטער ירא־שמים.
ער האָט ביי לענינען נישט געכאַפּט קיין שיריים.
ער האָט נישט געוואָלט אָננעמען דעם גלויבן דעם נייעם.
די רויטע מצוות האָט ער נישט געוואָלט זיין מקיים.
ווען דער רויטער פּראָגרעס
איז אָנגעקומען קיין אָדעס,
האָט אים באַגריסט דער חיים
מיט „לשנה הבאה בירושלים!״
און כאָטש ישראל איז נאָך נישט געווען „אַל־על׳יק״
איז אַהינגעפלויגן אָט דער ביאַליק!

אַ בריוול פון אַ סאָוועטישן משוגעים־הויז צו יאָסל דעם גרינעם

ליבער יאָסל,
וואָס ברעזשניעוו איז נישט דיין באָסל
און זוכט נישט ביי דיר קיין חטאים.
איך שרייב דיר פון אַ הויז פון משוגעים
אין לאַנד פון די סאָוועטן.
מיר ליגן אין די בעטן
און מ׳היילט אונז מיט מעדיקאַמענטן!
ווער זענען די פּאַציענטן?
איינעם האַלט מען פאַר אַ גייסטיק־קראַנקן,
ווייל ער וויל מ׳זאָל געבן מער פרייהייט איוואַנקען.

איינעם האַלט מען אונטער אַ שטרענגער וואַך,
ווייל ער רעדט צו דער זאַך!
איינעם האַלט מען הינטער אַ טיר פאַרשלאָסן,
ווייל ער רויכערט אַמעריקאַנער פאַפּיראָסן
איז מען אים חושד אין שפּיאָנאַזש,
אין סאַבאָטאַזש
און אין ציוניזם,
און נישטאָ וואָס מקנא צו זיין איז אים.
איינעם האַלט מען דאָ ווייל ער האָט געזאָגט ברמיזא,
אַז ער וויל אַ וויזע.
איינער זיצט, ווייל ער האָט געשריבן אין אַ בריוו
אַז אידי אַמין איז נישט פּראָגרעסיוו.
איינעם האָט מען אַרגעבראַכט פון קאַלוגע,
מ׳האָט אים דערקלערט פאַר משוגע,
ווייל ער האָט זיך אַליין געמאַכט טראָבל:
ער זאָגט אַז סאַכאַראָוו פאַרדינט דעם פּרייז פון נאָבל!
אַ איד וואָס דאַוונט, ער איז אַ „ברוך הוא, ברוך שמו׳איקער״
האָט מען דערקלערט פאַר אַ פאַראַנאָאיקער,
אַ איד וואָס האָט אַן אייניקל אַ „פּדיון הבן׳יקער״
האָט מען דערקלערט פאַר אַ „סקיזאָפרעניקער״.
אַ סטודענט וואָס איז נישט קיין קאָמסאָמאָליקער
האָט מען דערקלערט פאַר אַ מעלאַנכאָליקער.
איינער איז אַ משוגענער פון די גאָר שווערינקע
ווייל ער גלויבט נישט אַז די סאָוועטן שיקן ווייץ קיין אַמעריקע...

מיין אינטערוויו מיט וולאַדימיר אשכנזי

מיין פראַגע:

ליבער וולאַדימיר, מה נשתנה?
פאַרוואָס האָסטו געמופּט דיין פּיאַנע
צו די אימפּעריאַליסטן?
וואָס איז, אין מאָסקווע קען מען ניט שפּילן ליסט׳ן?

מ׳קען נישט שפּילן אין אָדעס
שאָפּען׳ס פּאָלאָנעז?

זיין ענטפער:

ליבער יאָסל, ס׳ענטפערט דיר וולאַדימיר אשכנזי.
דו פרעגסט מיך „מה זה?״
פאַרוואָס האָב איך, „געמאַכט פּיס״
קיין לאָנדאָן, שיקאַגאָ, פּאַריז,
אַזוי ווי ס׳האָט שפּעטער געטאָן סוועטלאַנע?
ווייל דאָ שפּיל איך אויף מיין פּיאַנע
ווייל גאָט האָט געבאָטן.
קיינער קוקט מיר נישט אין די נאָטן
צי כ׳שפּיל פּראָלעטאַריש, צי דעקאַדענטיש-ראָמאַנטיש.
מ׳רופט מיך נישט דערפאַר צום מיקאָיאַן-טיש
כ׳זאָל מיך מודה זיין.
מעג אפילו די קאָמפּאָזיציע פון „לכה דודי״ זיין,
צי פון „המבדיל״,
טשעפּעט מען מיך נישט דערפאַר אין „פּראַוודאַ׳ל״,
און די קאַזיאָנע פּאָעטן
פון די סאָוועטן
זידלען מיך נישט דערפאַר אין גראַמען.
קיינער פרעגט דאָ נישט מיין „אני מאמין״,
צי כ׳האַלט פון „אמר ר׳ מאַרקס״, צי פון „אמר ר׳ אליעזר״?
צי כ׳האַלט מיט מאָסקווע, צי מיט די כינעזער
צי גאָר מיט׳ן טרפה׳נעם סאָלזשעניצין?
כ׳האָב נישט קיין מורא אַז כ׳וועל זיצן
אין „חד גדיא״
פאַר הערן אויסלענדישן ראַדיאָ,
סיי ווען מ׳גיט נייעס, סיי „פּאַיאַצאָ״.
אויב כ׳עס אַ שטיקל מצה
האַלט מען מיך נישט פאַר אַן אַנטי-סאָוועטישן „כל בו״-מאַן,
מעג אפילו די מצה זיין פון אפיקומן!
בקיצור, כ׳בין דאָ אַ „סוואָבאָדנע וולאַדימיר״.
מ׳צענזורירט נישט דעם „דאָ-רע-מי״ מיר.

כ׳שפיל דאָ ניט פראָ עטאַריש, נישט בורזשואַזיש,
כ׳שפיל אשכנזי׳ש.
וויל איך, שפיל איך בראַמס׳ן, וויל איך שפיל איך דזשעז מיר.
כ׳בין מיר אַ פרייער קלעזמער.

אַ בריוו פון יאָסל דעם גרינעם צו אַנדריי גראָמיקאָ

ליבער אַנדריי, וואָס דו מיט קאָסיגינען
האַלטן אין איין אינטריגירען
געגן לאַנד פון אברהם אבינו!
דו האָסט דאָך אַליין פראָקלאַמירט די מדינה
וואָס האָט אַ פאָן אַ ווייס־געבלאָטע
פאַרוואָס־זשע האָסטו יעצט חרטה?

ענטפער פון אַנדריי גראָמיקאָ

איך ענטפער דיר אָפנהערציג:
אין יאָר 1948
האָבן דיינע אידן וואָס התקוה איז זייער נגינה
געוואָלט אַן אייגענע מדינה
און זיי האָבן זיך געבעטן „רחם נא חס נא!"
סטאַלין איז דערמיט געווען סאגלאַסנאַ
און געזאָגט „פוסט בודעט!"
זיי האָבן אַזוי לאַנג פאַרנודעט
די גויים
מיט׳ן „לשנה הבאה בירושלים".
טאָ זאָלן זיי זייער לאַנד „פאָלוטשן".
זאָלן אידן זיך אויפהערן צו מוטשען
אין דער פרעמד.
זאָלן זיי זיך וועבן זייער אייגן העמד.
זאָלן די מאָשקעס
האָבן אייגענע קאַרטאָשקעס,
אייגענע קאַפוסטע, אייגענע קאַשע.
זאָלן זיי זייער יאַזיק פון חומש מיט רש״י

צוריק באַנייען.
זאָל וואָדקאַ ביי זיי הייסן „יין״!
עטאָ נאָם ניע מיעשאַיעט.
וואָס טשעפּעט אונז אַז אַ „פּאָרטנאָי״ הייסט „חייט״?
און אַ הולטאַי הייסט „זולל וסובא״?
אָבער מיר האָבן געמיינט אַז מ׳ועט אונז צוריקטאָן אַ טובה:
אַז דאָס לאַנד וואו מ׳איז מל קינדער אויפ׳ן ברית־טיש
וועט ווערן קאָמוניסטיש
און איר וועט מאַכן פּלענער פינף־יעריקע.
דערווייל חבר׳ט איר זיך גאָר מיט אַמעריקע!
זי האָט געשיקט שטאָל, אייזן, מעש, קויל
צו לוי אשכול.
משה דיין מיט׳ן שוואַרצן מאָנאָקל
טאַנצט מיט אָנקל סעמען אַ קאָזאַטשאָל.
אַפילו טאָוואַרישטש מאַיסעי
סנעי,
וואָס האָט מיט מאָסקווע געטאַנצט אַ גאַגארינסקי
קאַמאַרינסקי,
האָט שפּעטער, ווען זיינען וואָנסעס זענען געוואָרן געגראָטע,
געקריגן חרטה!

וואָס זאָגט אַ געגנער פון געמישטע חתונות?

אונטער אַ געמישטער חופּה מאַך איך נישט קיין קידוש!
כ׳האַלט נישט אַז אַ כלה וואָס איז אידיש
זאָל נעמען אַ חתן וואָס איז פּראָטעסטאַניש אָדער קאַטויליש,
וואָס איז נישט גע׳אידישט מוהל׳יש.
דאָס איז פאַר אַלעמען קלאָר!
אַז מ׳קויפט אַ „סוט״ דאַרף עס זיין צו דער פּאָר.
סאַי די הויזן, סאַי דער פּידזשאַק.
מ׳טראָגט נישט קיין געלע הויזן מיט אַ שוואַרצן פראַק,
אָדער איין שוך אַ ברוינעם און איין שוך אַ שוואַרצן.

אַלע טעפּ מוזן האָבן צוגעפּאַסטע שטאַרצן.
אַ בחור וואָס איז ירושלים׳דיק דאַרף אַ מיידל וואָס איז תל־אביבי׳יג.
אַ איד מיט אַ גוי׳ע איז נישט קיין זיווג.
כ׳האַלט נישט פון אַזאַ „הרי את״.
ס׳איז אַ סעקסועלער סאַלאַט:
מ׳מאַכט אַ געמיש
פון געפילטע פיש
מיט אויסטער,
פון קלויסטער
מיט סינאַגאָגע.
פון אַ אידישן יום־טוב מיט אַ גוי׳שער חגא,
פון אַ „פראָזיט״ וואָס מ׳מאַכט קריסמעס
מיט אַ „לחיים״ וואָס מ׳מאַכט ווען אויף אַ ברית מ׳איז,
פון פליישיקע און מילכיקע כלים
מיט אַ צלם.
פון טעסטאַמענט וואָס אַלט איז מיט׳ן טעסטאַמענט וואָס ניי איז —
און מ׳וויל ס׳זאָל דאָרט זיין שלום־בית?

אַ נייע מעדיצינישע טעאָריע

אמעריקאנער דאקטוירים ווארנען, אז קאווע, טיי, שנאפס און פיל שפייז־פּראדוקטן רופן ארויס ערנסטע קראנקהייטן.

פון די צייטונגען.

די חכמת הדאָקטאָריע

קומט אַרויס מיט אַ נייע טעאָריע,
אַז עסן און טרינקען איז דער גרעסטער חסרון.
עסן און טרינקען פאַרקירצערן די יאָרן.
קאַווע
ברענט אויפ׳ן האַרץ ווי וואולקאַנישע לאַווע.
שטאַרקע טיי
איז גאָר אוי־ווי.
ס׳איז נאָך ערגער ווי אַ האַרט איי.

איידער אַ טרינקער פון טיי
גיט זיך אַ דריי,
דאַרף מען נאָך אים זאָגן „אמן, יהא שמיה״.
צוליב אַזאַ טיי
איז יונגערהייט געשטאָרבן בערנאַרד שאָו.
ס׳נעמליכע צו הערן פון קאַקאָו.
ברויט
ברענט אויפ׳ן האַרץ ווי קנויט.
די קעל ווערט דערפון רויט,
אַזוי ווי ביים לייגן־פירן אַ כשר׳ע כלה.
געפרוירענע פיס און וואַרעמע חלה
קען אַוועקלייגן די גרעסטע גבורים.
ווייטער זאָגן דאָקטוירים,
אַז אויב מ׳עסט כינעזישן טשאַפּסואי
און אַ האָן וואָס קרייט קוקעריקו הי
איז נאָך שעדליכער ווי קעז מיט צוואָרעך.
די דאָקטוירים מאַכן אַ נייעם „שלחן ערוך״
מיט נייע הלכות,
אַז די שעדליכסטע זאַך איז צו מאַכן ברכות:
נאָך אַ „בורא פּרי הגפן״
קען מען נישט שלאָפן.
נאָך אַ „שהכל״
גיט זיך ס׳גאַנצע געזונט אַ וואַקל.
אַ „בורא מיני מזונות״
אונזער גרעסטער שונא איז.
אַ „בורא פּרי העץ״
גיט אונזער מאָגן אַ צעהייץ,
אַ צערייץ,
ווי אַ פעטער ביין צערייצט אַ הונט.
די איינציקע ברכה וואָס שאַדט ניט צום געזונט,
וואָס גיט נישט קיין טעמפּעראַטור, קיין היץ,
איז צו מאַכן אַ ברכה איבער אַ דונער און אַ בליץ!

אַ בריוול פון אַ ליינער

ליבער געגאָסל
יאָסל,
וואָס דו קאָמענטירסט איבער היינטצייטיקע געשעענישן,
איבער היינטצייטיקע אָך־און־וועהעגישן,
און מאַכסט דערפון יעדן פרייטאָג אַ געגראַמטע פּאָטראַוועו!
איך וויל דיר פרעגן אַ פראַגע אַ טשיקאַווע:
פאַרוואָס האָט אַרומגעכאַפּט די מענשהייט אַזאַ היץ
צו דערגרייכן דעם שפּיץ
פון די העכסטע פּלאַנעטן?
פאַרוואָס האָבן אַפילו די סאָוועטן
מיט אונז אַ שותפות געשלאָסן
צוזאַמען צו ווערן אַרויף געשאָסן
צו די העכסטע רוימען?
פאַרוואָס האַלט דער מענטש אין איין טרוימען,
פאַרוואָס האַלט ער זיך אין איין מוח׳ן
אַרויפצופליען צו די העכסטע הויכן
וואו ס׳וואוינט דער „אדון עולם״!
וואָס מיינט ער, אַז דאָרט וועט זיין וואויל אים?
אַז אויבן וועט ער עסן מאַרצעפּאַנעס?
אַז ער וועט זיך באָדן אין זילבערנע וואַנעס?
אַז אין גאָלדענע בעטן וועט ער דרימלען?
אַז עס רעגנט אין די הימלען
מיט גאָלדענע רענדלעך?
די גאַנצע מעשה איז מיר נישט פאַרשטענדלעך!

ענטפער פון יאָסל דעם גרינעם

ליבער ליינער,
דו פרעגסט פאַרוואָס מ׳פליט איבער שטאָק און שטיינער
און די הימלען ווערן פאַרגעטערט?
פאַרוואָס מ׳קלעטערט
צו די הויכע מקומות?

איך האַלט אַז אָט דער טרוים איז
גאַנץ לאָגיש.
ער איז באַרעכטיגט פּסיכאָלאָגיש:
די מענשהייט פון דער ערדישער רויבער־וועלט
וויל דערגרייכן די הימלישע צויבער־וועלט —
די אונטערוועלט רייסט זיך צו דער אויבערוועלט!

אַ בריוול פון אַ ווייבל צו יאָסל דעם גרינעם

ליבער גענאָסל
יאָסל,
דער פּאַריזער מאָדע־קעניג האָט אַרויסגעגעבן אַ פּסק,
אַז מיר דאַרפן זיך צוריקקערן צום זאַק,
אַז דער זאַק זאָל צוריק זיין אונזער מלבוש.
דו זאָגסט מסתם אַז ס׳איז בהמה׳עש, קאַלביש,
שוטה׳וואַטע,
צו טראָגן אַ שמאַטע
אויפ׳ן לייב,
אַז ס׳נעמט אַוועק דעם גאַנצן רייץ פון אַ ווייב,
אַז אונזער חן ווערט אַוועק
צוליב די זעק,
אַז מיר וועלן אויסזען טרעמפּי׳ש, היפּי׳ש.
זאָג איך דיר, יאָסל, אַז דו ביסט אַ טיפּש!
ווען ס׳זאָל קומען אַ מאָדע פון פּאַריז
אַז מ׳זאָל גיין מיט באָרוועסע פיס
אינמיטן ווינטער;
ווען מ׳הייסט אויפהענגען אַ טינטער
אויף דער שפּיץ נאָז;
ווען דער פּאַריזער מאָדע־באַלעבאָס
הייסט טראָגן אויפ׳ן קאַפּעלוש אַ טויטע קאַץ,
ווען ער הייסט אפילו טראָגן אויפ׳ן קאָפּ אַ מאַטראַץ
מיט קאָלדרעס,
וואָלטן מיר נישט געזאָגט אַז אַ יאָלד ר׳איז,

אַז ער איז אַ פערד, אַ בהמה, אַן אידיאָטל,
נאָר מיר וואָלטן געזאָגט אַז ר׳איז „אַריסטאָטל
דער צווייטער״!
ווען אַ נייער משוגענער, אַ נייער צעדרייטער,
עפּעס אַ מאָדע־דיקטאַטאָר פון די פּראַנצויזן,
וואָלט אונז געהייסן טראָגן פאַרדרייט די הויזן,
אַז דעם הינטן זאָל מען טראָגן פון פאָרנט,
וואָלטן מיר נישט געצאָרנט
און מיר וואָלטן געזאָגט „קדוש, קדוש, קדוש!״
אַבי ס׳איז מאָדיש!

אין ישראל־תפיסות לערנט מען מאָלעריי

אין לאַנד פון עזרא ונחמיה
מאַכט מען אין תפיסות אַ קינסטלערישע אַקאַדעמיע.
אַ פאַרברעכער
וואָס קריכט דורך לעכער,
דורך דעכער,
דורך באַלקאָנען, דורך פענסטער,
וועט זיין דער שענסטער
מאָלער.
ער וועט מאַכן אַ לייכטערן טאָלער
ווי פון גנבות און פון רויבן.
מבינים וועלן אים לויבן
פאַר זיין שאַפן.
מ׳וועט זיך יאָגן נאָך זיינע אויטאָגראַפן.
ער וועט זיין אַ שמעלקע שבשמעלקעס
מיט מאָדעלקעס.
זשורנאַליסטן וועלן אים אינטערוויואירן.
אַ גנב וואָס עפנט פאַרשלאָסנע טירן
און איז אויף שטריק־לייטער אַ קריכער,
אַזאַ „מאַרוויכער״
וועט באַשריבן ווערן אין ביכער!

ווען אַזאַ „אורקע"
וועט מען אָנשרייבן אַ גאַנצע ליטעראַטורקע!
אין מוזעאומס וועלן הענגען זיינע פּאָרטרעטן.
אַ גנב וואָס שלעפט פון שענק, פון בעטן,
פון הינטער מאַטראַצן,
וועט קאָנקורירן מיט מאַנע קאַצ'ן.
אַ גנב וואָס האָט נישט מורא פאַר אַן אַלאַרמישן גלאָק
וועט ווערן אַ וואַן־גאָג.
ער וועט געבן אַ קריץ אין שטיין
אַזוי ווי הענעך גליצנשטיין.
אַ גנב וואָס עפנט אַ שטאָלענע קאַסע
וועט ווערן אַ פּיקאַסאָ.
אַ רויבער וואָס זיצט פאַר אַן איבערפאַל אַ ברוטאַלן
וועט קאָנקורירן מיט מאַרק שאַגאַל'ן.
אַ גנב וואָס מ'האָט אים געוואָלט לינטשן
וועט איבערשטייגן לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי'ן.
אַ טאַשענציער וועט ווערן אַ מאָדעליאַני,
כאָטש ער קען נישט קיין „מודה אני".
אַ גנב, וואָס מ'כאַפּט אים ביינאַכט אויף די טרעפּ שטיין
וועט ווערן אַ סער דזשעיקאָב עפּשטיין.
אַזאַ מין צוקונפט האָט אַ גנב אין קידוש השם־לאַנד:
אַנשטאָט „סוף גנב לתליה", איז „סוף גנב לרעמבראַנד"!

ישראלדיקע מאָדע־אויסשטעלונגען אין אַמעריקע

(וואָס זאָגט דערצו אַ חסידישער איד?)

איך, אַ איד פון אַ גאַנץ יאָר,
וויל דאָ ריידן אָפן און קלאָר!
כ'קען זיך אַפילו ווי אַ האָן אין בני־אדם
אויף דאַמסקע בגדים,
כ'וויס ניט ווי אַזוי זיי זיינען געמייסטערט,

דאָך בין איך ניט באַגייסטערט
אַז פון ציון
זאָלן קומען צופליען
מאָדעלקעס מיט האָר געלאָקטע,
מיט גלידער געטאָקטע,
מיט ברעמען געציפטע,
מיט סוועטערס געהעקלטע, געקניפטע,
וואָס וועקן פאַרשייטע מחשבות.
מ׳מאַכט דאָך פשוט פון לאַנד פון די אבות
קאַטאָוועס.
שולמית
האָט ניט געטראָגן קיין פּיזשאַמעס,
קיין שלאָפראָק קין לויזן,
קיין „הייסע הויזן״
און ניט קיין „קאַלטע״,
קיין מיני־קליידלעך ציפּראַלטע
אַ טאָכטער אין לאַנד פון דער „מערת המכפלה״
האָט געטראָגן אַ געבלימלטע פאַטשיילע
אויפן קאָפּ
און אַ לאַנגן צאָפּ
מיט צעפּלעך
זי איז געווען פאַרקנעפּלט אויף אַלע קנעפּלעך.
ווען זי איז געריטן אויפן אייזל, אויפן פערד,
האָט זי געטראָגן אַ קלייד ביז צו דער ערד
און אַ שטערן־טיכל ביז איבערן שטערן.
דאָס דאַרפן געדענקען די ישראלדיקע עקספּאָרטערן.
זאָלן זיי אונז ניט שיקן די פאַרשייטע שאַלאַמויזן,
די הייסע הויזן און די מיניס.
זאָל ס׳לאַנד פון די תחינות
אונז שיקן קרינאָלינעס!

אַ בריוול פון מדינת ישראל

איך פאַרעפנטליך דאָ אַן אַנאָנים בריוול, וואָס איך האָב באַקומען פון ישראל. דאָס בריוול באַהאַנדלט דאָס פּראָבלעם פון „טויטע ציוניסטן״.

ליבער געגאָסל
יאָסל.
כ׳וויל פרעגן דיינע אידן פון באָסטאָן און שיקאַגע
אַ פראַגע:
פאַרוואָס ווערן זיי עפּעס ציוניסטן ערשט נאָכ׳ן טויט,
ווען ס׳איז שוין אויסגעברענט דער קנויט?
כל־זמן אַן אָנקל סעם־איד ציט מיט׳ן אָטעם
שמעקט זיין אַמעריקאַנער שטאָט אים,
ערשט ווען דער מלאך המות רופט אים צום פריזיוו,
הייסט ער זיך פירן קיין תל אביב!
נאָכ׳ן טויט, ווען ס׳איז אַלץ איינם סיי ווי סיי אים,
פירט מען אים קיין ירושלים!
סיי אידן פרומע, סיי אַטעאיסטען,
(אויב זיי זענען נאָר נישט קיין בונדיסטן)
שלעפּן זיך נאָכ׳ן טויט פון קוני איילאַנד
קיין „אַלט־ניי־לאַנד״!
באַנקירן וואָס ליבן דעם קלאַנג פון קעש־קול
פליען אין תכריכים צום לאַנד פון לוי אשכול.
זיי ווילן בעסער ליגן אויפ׳ן בית החיים
אין ירושלים,
צווישן צדיקים מיט קפיצת הדרכ׳דיגע בעל שם־פיס,
איידער צו ליגן אין מעמפיס!
אָבער איך, אַ איד פון ישראל,
בין פון אַזאַ ציוניזם נישט נתפעל.
איך האַלט, אַז מיט׳ן שיקן צום הר הזיתים
מתים
פון פילאַדעלפיע און פון פאַסאַדינא
וועט מען נישט בויען די אידישע מדינה.

אויב איר ווילט בויען ס׳לאַנד פון די אבות
שיקט אונז נישט קיין אידן דורכ׳ן מלאך המות,
ווען זייערע נשמות פליען שוין צום הימל שוועבעדיגע.
שיקט אונז אידן לעבעדיגע,
מעג זייער אידישקייט זיין טיף אָדער בלויז אויבנאויפיק,
אַבי ס׳קלאַפּט ביי זיי דער דופק!
שיקט אונז אידן גבירים און אַפילו דליתים,
אַבי נישט קיין מתים!
מיר האָבן שוין צופיל מתים קאַנעהאָרע דאָ.
שיקט אונז אידן פון פלאָרידא,
וואָס מ׳זאָגט נישט נאָך זיי קיין קדיש,
מעגן זיי טאַנצן גער׳ערדיק אָדער חב״ד׳יש,
אָדער אַפילו „טשאַ־טשאַ׳ווען״ און „טוויסטן״.
שיקט אונז נישט אַזעלכע „זייאָניסטן״,
וואָס זענען יוצא מיט פלאַנצן אַ „קערען־קאַיעמעט־טרי״
און מיט ליגן אויף ישראל׳ס „סעמעטערי״!

סאַטמאַר פּראָטעסטירט פאַרוואָס ישראל וויל נעמען ישיבה־בחורים צום מיליטער

ווי געפעלט אייך, אידן, אַזאַ מאַסמאַטן?
ישיבה־בחורים וויל מען מאַכן פאַר סאָלדאַטן
אין לאַנד פון נביא ישעיה׳ן!
זיי דאַרפן דינען ביי משה דיין
און שלאָפן אין קאַזאַרמעס אויף שטרוי־זעק,
דאָס איז דאָך פשוט חוזק!
אַ בחור וואָס איז פול מיט ש״ס
זאָל זיך אַרומגאַרטלען מיט אַ לעדערנעם פּאַס?
אַ ישיבה׳דיקער תלמיד
זאָל געבן אַ קנאַל מיט
פּיסטוילן?
ווי קענען אידן ביי זיך דאָס פּועל׳ן?

מ׳נעמט אַ בחור אַ בעל־יחוס,
אַ בעל־סמיכות,
און מ׳הענגט אים אָן אַ באַגנעט אָדער אַ מאַטראָז־האַק,
מ׳מאַכט פון אים אַ קאָזאַק,
אַ טשערקעסל.
מ׳הייסט אַזעלכע בחורים עסן פון קעסל
קאַשע און קאַפּוסטע.
מ׳וויל זיי זאָלן זיין קאַוואַלעריסטן פאַר׳סוס׳טע,
מיט שפּאָרן.
דאָס איז דאָך אַ שפּיצל פון יצר הרע׳ן!
ווי קומען בחורים פון ישיבות
צו אַפּענזיווועס?
ווי קומען בחורים יצר טוב׳ניקעס
צו זיין פּאָלקאָווניקעס?
אַזאַ חברה איז
געפּאַסט פאַר מאַנעווורעס?
צו גראָבן אָקאָפּעס, טראַנשייען, מכשולים?
דאָס איז גוט פאַר׳ן פּראָסטן עולם —
פאַר שוסטערס, שניידערס, גאַרבערס,
באַרבערס,
פאַר בלעכערס, סטאָלערס, זעגערס,
פאַר טרעגערס,
פאַר אַ פאַרשטויבטן קיבוצניק וואָס פירט אַ טראַקטאָר,
אָבער ניט פאַר אַ ישיבה־בחור אַ פאַר׳בני ברק׳טער!
ווי קומט „תנו רבנן"
צו קאַנאָנען?

כאַבאַר (שוחד) סקאַנדאַל אין מדינת ישראל

„גרעפּט"
איז אַן אַלט איינגעפירט געשעפט.
נישט קענעדי, נישט ווילסאָן, נישט טעפט
האָבן געקענט אָפּשאַפן גרעפּט

אין אָנקל סעמ׳ס מדינה!
הינטערן אייזערנעם פאָרהאַנג איז מען אויך נישט קיין גרינע.
אין קיעוו, מינסק, קראַסנאָדאַר
גיט מען כאַבאַר,
אין אָדעס, כערסאָן, אַשכאַבאַד,
הערט מען „בלאַט״ און „בלאַט״ און „בלאַט״!
ס׳איז דאָס אייגענע וואָס די אַמאָליגע „ווזיאַטקאַ״!
אָבער אַז אין דער אידישער נאַציאָנאַלער כאַטקע,
אין לאַנד וואָס איז אונזער׳ס לעולם עד׳קע,
זאָל מען אויך נעמען „ווזיאַטקאַ״,
זאָל מען אויך האַלטן פון „חכמת היד׳קע״ —
איז עס דאָך פשוט אַ נאַציאָנאַלער קראַך!
ווי איז דאָס מעגליך אַזאַ זאַך,
אַז אין לאַנד פון תנ״ך,
אין לאַנד וואָס איז פאַר׳עשרת הדיברות׳ט, פאַר אנוכי׳ט,
זאָל מען נעמען שוחד,
אַז ווי מ׳נעמט אין ברוקלין, אין קאָני איילאַנד!
אַזוי זאָל מען זיך פירן אין „אַלטניילאַנד״?
אַזאַ מנהג אין מדינת ישראל איז?
דאָס פאַסט דאָך פאַר׳ן גלות,
אָבער נישט פאַר׳ן לאַנד פון שרה, רבקה,
פאַר חיפה, פאַר תל אביב׳קע,
פאַר׳ן לאַנד פון רבי עקיבא! —
אַזוי טראַכטן זיך אידן נאַאיווע
אין ניו יאָרק, אין ווינע, אין ריאָ,
און זיי רייסן ממש קריעה
צוליב דער בושה ביי די טייכן „כדיעקל״ און „פראָס׳ל״!
אָבער איך, יאָסל,
באַטראַכט די גאַנצע מעשה ניכטער:
נישט יעדער קאָן זיין אַ לאַמעדוואָווניק, אַ פאַר׳משיח׳טער,
אַ פאַר׳בעל׳שם׳טער.
אַז מ׳גיט אים, נעמט ער!
כאָטש ס׳איז נישט בצדק!
אויב מ׳מעג אין ווענעדיג,

אין בוקאַרעשט און אין יאַס,
מעג מען אויך אין צפת!
דאָס וואָס איז מאָדיש ביי די גויים, איז אויך מאָדיש
ביים „עם קדוש".
די גאַנצע וועלט טאַנצט איצט אַזוי ווי ס׳פידלט זיך.
אַזוי ווי ס׳קריסטלט זיך, אַזוי אידלט זיך!

די מלחמה צוליב ממזרים אין מדינת ישראל

ישראל׳ס הויפּט־רב ווערט גע׳רודפ׳ט פון זיינע פּראָקוראָרן.
זיי זאָגן אַז הרב שלמה גאָרען
גיט הכשרים
ממזרים,
עס רודפ׳ן אים חסידים קאַרלינער.
סאַטמאַרער, גערער,
וואָס־זשע זאָגט דערצו יאָסל דער גרינער?
מיין טעאָריע איז,
אַז ס׳זיינען פאַראַן ממזרים פון פאַרשיידענע קאַטעגאָריעס:
פאַראַן אַ ממזר, וואָס זיצט ביים שאַנד־טיש,
דערפאַר וויל זיין מאַמע איז געווען צופיל ראָמאַנטיש...
אַזאַ ממזר איז אַן אומשולדיגער קרבן;
און פאַראַן אַ ממזר, וואָס האָט זיך דעם „טיטול" אַליין
דערוואָרבן!
מ׳קען געבוירן ווערן גלאַט־כשר
סיי לויט׳ן שולחן ערוך, סיי לויט׳ן „קב הישר",
און געאידישט ווערן דורך אַ מוהל אין אַ שטריימל,
וואָס טונקט זיך אונטער אין מקוה דריי מאָל
איידער ער נעמט זיך צו דער „מלאכה"
און וואָס מאַכט די ברכה
מיט גרויס פלאַם זער —
און פונדעסטוועגן קאָן מען זיין אַ „ממזר!"
מ׳קאָן זיין אַ ראַבאַי, וואָס האָט פון אַנדערע ראַבאַיס געיאַרשנט
די „סוירמענס" וואָס ער דאַרשנט.

און ווען ער ברענגט משלים פון מדרשים
ווינקט ער צו די נשים,
צי ס׳מאַכט אויף זיי אַן „אימפּרעשאָן״.
און כאָטש ער שפּריצט מיט פייער ניט צו פאַרלעשן,
און כאָטש צדיקים ער בענטשט און רשעים ער לעסטערט,
קען ער זיין אַ „בעסטערד״!
מ׳קאָן זיין אַ קנאַקער ביי קהל,
סיי אין גלות סיי אין ישראל,
און זיין באַרימט און אָנערקענט.
מ׳קאָן אפילו זיין אַ פּרעזידענט
פון אַ פּאַרטיי־ראַט,
און האָבן עלטערן וואָס האָבן געזעצליך געהייראַט,
און זיי האָבן געפּראַוועט שבע ברכות אַ וואָך צייט
נאָך דער האַכצייט.
מ׳קאָן אפילו האָבן אַ ברית־צעטל און אַ פּדיון הבן קאַרט
און זיין אַ בענקאַרט!

אַריינפיר

באַשלוס פון אַמעריקע׳ס מיליטערישער הויפּט־פירונג איז אָפּגעשאַפט געוואָרן דאָס באַנוצן טויבן־פּאָסט צו מיליטערישע צוועקן.
אַלע טויבן, וואָס „דינען״ אין אָנקל סעמ׳ס אַרמיי, ווערן „דעמאָביליזירט״ און פאַרקויפט דעם ציווילן פּובליקום צו פינף דאָלער אַ שטיק –

אַ שמועס צווישן צוויי טייבעלעך

פון יאסל דעם גרינעם

„ער״ זאָגט צו „איר״

ליב טייבעלע.
מיר זיינען אַקאָרשט געוואָרן מאַן און ווייבעלע
נעבן טויבנשלאָג אויפן דאַך.

מיר זײַנען נאָך בײדע וואַך,
כאָטש ס׳איז שוין טיפֿע נאַכט.
דו ווײסט, ווײבעלע, וואָס איך טראַכט?
כ׳טראַכט וועגן דער ביטערער מערכה
פֿון אונזער טויבנדיקער משפּחה:
אַמאָל האָבן מיר, טויבן, זיך געקושט תּאווה׳דיק.
מיר זײַנען געווען ס׳אויבערשטע פֿון שטויסל.
מענטשן האָבן אונדז געהאַלטן אויפֿן שויסל.
מ׳האָט אונדז געצערטלט, געגלעט.
יעדער פּאָעט
האָט אונדז באַזונגען, האָט אונדז באַלידלט.
ס׳האָט אונדז באַפֿידלט
יעדער קאָמפּאָזיטאָר.
הײַנט איז אונדז ביטער
און זויער.
ס׳גײט אונדז מיט דער פּוטער קאַפּויער.
מיר האָבן געדינט אַמעריקע געטרײַ און איבערגעגעבן.
מיר האָבן ריזיקירט מיטן לעבן
בײַ אונזערע מיליטערישע שליחותן.
איצט האָט מען זיך אויפֿגעהערט מיט אונדז צו יחוסן,
ווי מ׳האָט זיך גע׳יחוס׳ט מיט יאָרן צוריק.
מ׳פֿאַרקויפֿט אונדז צו פֿינף טאָלער אַ שטיק,
אַבי אונדז צו פּטרן פֿון מיליטער —
אַ פּאָר אַלטע הויזן קאָסט דאָך מער!
אַ פּאָר אַלטע הויזן פֿול מיט לעכער!
ווײנט מיט מיר, טויבן, אויף אַלע דעכער.
ס׳האָט זיך אויף אונדז אויסגעגאָסן גאָטס צאָרן.
ווײ־ווײ וואָס פֿון אונדז איז געוואָרן!

„זי״ זאָגט צו „אים״

ליב מאַנעלע, שטעל שוין אָפּ דײַן תּחינה, דײַן „צאינה וראינה״,
פֿלי שוין אַראָפּ פֿון דער אַנטענע,
פֿון דראָטל,
ביזט נעבעך עובר ובטל.

דו לעבסט מיטן אַמאָל און ניט מיטן היינט.
געזען אַ טויב? שטעלט זיך אַוועק און וויינט
און לאָזט אַ טרער,
ווייל ס׳מיליטער
באַזייטיגט אים.
דאָס צעווייטיגט אים
ס׳געמיט.
ער קאָן ניט פאַרגעסן ווי דיכטער פלעגן אים זינגען אַ ליד,
ווי מ׳פלעגט אונז, טויבן, פאַרליטעראַרישן.
הער דיך שוין אויף, מיין מאַן, צו באַנאַרישן,
אינמיטן ראָמאַנסירן, אינמיטן הרי את׳לען.
ביזט, כ׳לעבן, אַ גרויסער בטלן.
כ׳זאָג דיר באמונה שלמה,
אַז דו ביזט אַ טויב אַ בהמה,
אַז דו ביזט אַ טויב אַ פערד.
זעסט נאָר ווי ער איז פאַרטרערט
צוליב דער דעמאָביליזאַציע!
דאָס אַלץ, מיין טייבעלע, האָט געבראַכט די ציוויליזאַציע,
וואָס האָט די מענטשן „אַנטוויקלט״, „דערהויבן״.
ס׳מיליטער דאַרף היינט אַנדערע „טויבן״:
„טויבן״ וואָס גיסן מיט פייער, מיט פלאַמען
וואָס פאַר׳סמ׳ען
זקנים אין בעט און קינדער אין וויגל.
מ׳דאַרף היינט „טויבן״ מיט שטאָלענע פליגל,
מעכטיגע, גיגאַנטישע,
מ׳דאַרף נישט קיין טויבן ראָמאַנטישע,
קיין אידילישע,
קיין בעל־תפילה׳שע,
קיין דיכטערישע. —
מ׳דאַרף היינט „טויבן״ פאַרניכטערישע,
דונערדיגע, קנאַקעדיגע,
היראשימא׳דיגע, נאַגאָסאַקי׳דיגע!

דער „דיאַלאָג״ אין ירושלים

אין ירושלים איז פאָרגעקומען אַן עפנטליכער דיאַלאָג צווישן שרייבער פון ישראל מיט אידיש־ענגלישע שרייבער פון אַמעריקע. די לעצטע האָבן אינגאַנצן גרינג־געשעצט זייער ביסל אידישקייט. מיר ברייגגען דאָ אַ פראַגמענט פון אַזאַ דיאַלאָג. די פראַגן שטעלט אַ ישראל־שרייבער און די ענטפערס גיט אונזערס אַ „תכשיט״, אַן ענגליש־אידישער אַסימילירטער שרייבער.

– וואָס זאָגט איר וועגן אידן אין אייערע ווערק?
– פאַר מיר איז אַלץ איינס, אַ איד צי אַ טערק!

– ווי איז אייער שטעלונג צו „כל ישראל חברים״?
– פרעגט מיך בחרם!

– ווי געפעלט אייך משה רבנו?
– לא עלינו!

– און ווי געפעלט אייך פרץ, שלום עליכם?
– לא עליכם?

– וואָס זאָגט איר צו אברהם אבינו, צו יעקב אבינו?
– אין גייסטיגן לעבן זיינען זיי געווען גרינע,
פרימיטיווע.
זייער העכסטער אידיאַל איז געווען אַ ישיבה,
אַ „ברוך אתה״ און אַן „אָמן סלה״.
אין פראַגן סעקסועלע,
זיינען זיי געווען איגנאָראַנטן.
זייער תורה איז נישט אויסגעהאַלטן לויט קאַנטן
און נישט לויט פרוידן.
זיי האָבן חתונה געהאַט מיט כשרע מוידן,
וואָס האָבן געקאָכט פיש לכבוד שבת.
זייער העכסטער אידיאַל עולם־הבא איז,
אָבער איך וויל בעסער אַ פולע וואַזע
מיט עולם הזה!

כ׳האָב נישט ליב זיך אָנצועסן מיט אידישקייט,
מיט הבדלה׳שאַפט, מיט קידוש׳קייט,
אַז דער בויך זאָל זיין פול אַזש
מיטן „אידישן גולאַזש״.
אַזאַ אידישקייט איז אין מיינע אויגן אינגאַנצן מטושטש!
אין מיינע ביכער זיצן ביים קוש־טיש
אידישע בחורים מיט שיקסעס.
ברענענדיגע תאווה אין זייער בליק ס׳איז,
זייער יצר־הרע נישט אין סטרייק איז.
זי איז נישט קיין צדיקת
און ער איז קיין קדוש וטהור נישט.
זיי טוען אַלץ וואָס מ׳טאָר נישט.
זיי פירן זיך גרענישט ווילעזשדיג, באָהעמיש!
בקיצור, מיין גלויבן איז נישט בעל־שם׳יש
און נישט חב״ד׳יש.
נאָך מיין אידישקייט מעג מען זאָגן קדיש
דרבנן.
כ׳דאַרף נישט קיין וויס־בלויע פאָנען,
וואָס פלאַטערן אין לאַנד פון שרה־רבקה,
אין חיפה, אין תל אביב׳קע,
מיין אַלטניילאַנד
איז אין לאָנגאיילאַנד!

טענות פון אַ אידישן שרייבער

אויף אַן אַנקעטע אין ישראל האָבן אידישע יוגנטליכע געענטפערט, אַז זייערע באַליבטסטע שרייבער זיינען י. ל. פרץ, ביאַליק, שלום עליכם און שלום אש. אָט וואָס עס זאָגט דערצו אַ אידישער שרייבער, ניט פון די געהויבענע!

ישראלס יוגנט, וואָס טראָגט אַרויס אַזאַ פסק
האָט נעבעך נישט קיין געשמאַק
קיין ליטעראַרישן!

ווי קען זיך אַ יוגנט אַזוי באַנאַרישן ?
פאַרוואָס האָט זי עפּעס אַזאַ דרך ארץ
פאַר דעם י. ל. פּרץ ?
פאַרוואָס דערהויבט זי אים איבער אַלע דעכער ?
באשר, ר׳האָט אָנגעשריבן ,,אויב נישט נאָך העכער״
און ,,דאָס שטריימל״ ?
דערפאַר שפּרינגט מען פאַר אים קדוש דריי מאָל ?
און מיט וואָס איז ,,דאָס שטעטל״ פון שלום אַש
אַזאַ ליטעראַרישער נאַש
און ,,מאָטקע גנב״ אַזאַ צימעס ?
פאַרוואָס ווערט זיי נישט נמאס,
לא עליכם,
אָט דער שלום עליכם ?
פאַרוואָס שפּילט מען אַ מאַרש אַ הילכיגן
,,טוביה דעם מילכיקן״ ?
פאַרוואָס מאַכט מען עפּעס אַ תפילה, אַ ,,נעילה׳וקע״
פון זיין ,,כתריליווקע״ ?
פאַרוואָס שעצט מען ווי אַ גאָלדן רענדל
זיין ,,מנחם מענדל״,
וואָס שפּילט אויף דער בירזשע און ווערט בדיל הדל׳יג !
און וואָס איז, כ׳לעבן, די מציאה מיט דעם ביאַליק ?
פאַרוואָס ווערט זיין אומשטערבליכקייט גע׳חתמ׳עט
צוליבן ,,המתמיד״ ?
פאַרוואָס דאַרשנט מען וועגן די 4 ביים דרוש־טיש ?
פאַרוואָס איז מען פון זיי אַזוי מטושטש ?
פאַרוואָס איז מען פון זיי אַזוי שיכור ?
און צום סוף וויל איך צוגיין צום עיקר :
כ׳וויל אויפקלערן ישראלס יונגן עולם,
אַז מיר האָבן נישט קיין 4, נאָר 5 גדולים !
דער 5־טער גדול זיינען אַלע מבינים מבטיח —
בין א י ך !

מעג מען שמייסן שול־קינדער?

דער אַמעריקאַנער סופרים־קאורט האָט געפּאַסקנט,
אַז אין געוויסע סטעיטס מעגן לערער שמייסן
צעווילדעוועטע סקול־שילער.

וואָס זאָגט אַ געגנער פון שמייסן?

איך האַלט אַז דער פסק דין פון „סופרים קאָורט״ איז נאַריש.
אַ לערער טאָר נישט זיין באַרבאַריש.
ער טאָר נישט זיין קיין סאַטראַפּ.
ער טאָר זיינע שילער נישט געבן קיין קלאַפּ.
ער טאָר זיי נישט געבן חלילה וחס׳קע
קיין טראַסקע!
מעג דער תלמיד זיין אַ רוצח,
מוז מען אים באַהאַנדלען ווייך.
מעג ער זיין אַ חיה אויף צוויי פיס,
מוז מען אים באַהאַנדלען זיס שבזיס,
לאַקריץ שבלאַקריץ.
מ׳טאָר אים נישט געבן קיין פּאַטש, קיין באַק־קריץ!
מ׳טאָר דעם כלאָפּ
אפילו נישט אָננעמען פאַר אַ קנאָפּ.
אַ לערער דאַרף זיך לאָזן קריכן אויפן קאָפּ.
דעמאָלט איז ער אַן אמת׳ער פּעדאַגאָגישער „ספּעץ״.
אויב אַ תלמיד גיט אַ זעץ,
אַ כמאַל, אַ טערעבענץ,
איז עס אַ סימן פון אינטעליגענץ.
אויב ער קריכט אויף די גלייכע ווענט
איז ער נאָכמער אינטעליגענט,
איז ער נאָכמער געהויבן.
אויב דאָס קינד, זאָל לעבן, האַקט שויבן,
אויב די הויזן זיינע זיינען צעריסן, צעשטיקלט,
איז אַ סימן אַז ער איז גייסטיק אַנטוויקלט.
אויב ער האַלט אין איין ברעכן,

שטעכן,
וואַרפן,
איז אַ סימן אַז ער האָט אַ קאָפּ אַ שאַרפן,
אַז ער איז נישט פון די קינדער פאַרשלאָפענע, די שטילע.
ווער שמועסט אַז ער וואַרפט בענקלעך, איז ער גאָר אַן עילוי!
איז ער אַ גאון אַ ריזיקער!
וואַקסט ער אַ מאַטעמאַטיקער, אַ פיזיקער,
אַ שרייבער, אַ מאָלער, אַ שניצער!
בקיצור:
אויב דער לערער גיט אַ קנאַל
אַזאַ קומענדיקן טאָלסטאָי, אַזאַ קומענדיקן שאַגאַל,
אַזאַ קומענדיקן איינשטיין, אַזאַ קומענדיקן וואַן־גאָג,
איז ער נישט קיין פּעדאַגאָג!
מ׳טאָר אַזעלכע קומענדיקע גאונים
נישט דערלאַנגען אין די תחתונים!
מ׳טאָר אַזאַ קומענדיקן פּושקין, אַזאַ קומענדיקן דאַנטע —
נישט מאַכן קיין „מישקאַנטע״!

מיני־קליידלעך און נאַקעטע קני

איך זיץ אין סאָבוועי „עף״ און „די״,
אָדער אין „דזשי־דזשי״,
און זע אויף מיין באַנק און אויף די בענק וויזאַווי
אַ בחינמ׳דיגע שאָו פון נאַקעטע קני.
ווען מ׳זאָל אויסשטעלן אין אַ רייע די נאַקעטע קני
וואָס מ׳זעט דאָ־הי,
וואָלט די רייע דערגרייכט ביז סטרי.
ווען אַ חזן גלאָצט צו דער ווייבער־שולביים „אַף ברי״,
זעט ער דאָרט, באמונה שלי,
נאַקעטע קני.
ווען מ׳זעט אַ היפּי־פּאָרל אין מיטן בלי,
האָט די „זי״
נאַקעטע קני.

כ׳וואָלט נישט געגעבן קיין גאַראַנטי
צי זי האָט זיי געוואַשן ביינאַכט אָדער אינדערפרי.
מעג אַ רב זיין אַ רעפאָרמער דאָ־הי,
וואָס גיט שבת דעם סיגאַר אַ פּאַרצי,
אָדער אַ חסיד, וואָס דאַוונט לויט נוסח האר״י,
טראָגן זייערע רביצינס נאַקעטע קני.
מעג אַ מויד זיין אַ צעלאָזטע, אַ ברען און אַ ברי,
וואָס לאָזט זיך קושן אָן שום מי,
אָדער מעג זיך זיין אַ צנועה׳דיגע „זי״,
וואָס וואַרט אויפן „הרי את מקודשת לי״,
האָבןביידע נאַקעטע קני.
ווען אַ טוריסט קומט צופליען
אין לאַנד פון ציון,
אין לאַנד פון ר׳ חיסדאן, פון ר׳ חייאן,
זעט ער נאַקעטע בערג, נאַקעטע פעלזן און נאַקעטע קניען!

פריץ קרייזלער

פריץ קרייזלער, דער מוזיקאַלישער באַצויבערער,
דער פידעלס אויבער־הער,
דער מייסטער פון קאָנטשערטאָס, פון סאָנאַטן,
האָט געהאַט אַ אידישן טאַטן,
אָבער ער האָט פאַרלייקנט זיין טאַטנ׳ס אמונה!
ער האָט געשוואוירן ביי דער סטרונע,
ער האָט די פידל גענומען פאַר אַן עדות,
אַז ער האָט געהאַט אַ גוי׳שן טאַטן און גוי׳שע זיידעס,
גוי׳שע ברידער און גוי׳שע שוועסטער,
אַז ס׳איז גוי׳שע זיין גאַנצער אָרקעסטער,
פון ערשטן פידלער ביז׳ן לעצטן פויקער.
ער האָט זיך באַפרייט פון אידישן „הויקער״,
פון אידישן „וויי״, פון אידישן „אוי״.
ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גוי
פון דעם קאָפּ ביזן פּופּיק!

אָבער איך, יאָסל, בין שטאַרק מסופק
אין קרייזלער׳ס גוי׳שן שטאַם!
ווען קרייזלער האָט זיך צעשפּילט מיט פייער און פלאַם,
ווען פריץ האָט געשפּילט מיט דער אמת׳ער פריץ־היץ,
האָט מען דערפילט דעם אידישן ניצוץ!
טשייקאָווסקי, בראַמס, סאַראַסאַטע,
האָט ער געשפּילט ווי אַן „אתה
בחרתנו״,
מיט נשמה, מיט כוונה,
אַזוי ווי אַ בעל־תפילה וואָס זאָגט „על הניסים״, אָה!
ווען ער האָט געשפּילט פּיאַניסימאָ
אַ שטיקעלע מאָצאַרט, אַ שטיקעלע היידן,
האָט עס געהאַט טעם גן־עדן,
מיט לויתן, מיט יין־המשומר,
ווי ער האָט זיך אָנגעהערט פון זיין באָבן דער פרומער.
ווען ער האָט דערלאַנגט די „אַריע״ פון באַך
האָט עס געשמעקט מיט תנ״ך,
מיט חומש, מיט רש״י,
פונקט ווי ביי מישאַ, ווי ביי יאַשאַ.
ס׳איז געווען דער אמת׳ער מנגן ער.
אַזוי שפּילן קען נישט קיין גוי, קיין וואַגנער,
קיין שום „וויטנעס פון דזשעהאָוואַ׳ן״!
אַזוי אויסזינגען ברוכ׳ן, מענדלסאָן, בעטהאָווען,
אַזוי דערלאַנגען פּאַגאַניני׳ן,
קאָן בלויז אַן אייניקל פון אברהם אבינו׳ן!

פּילאָטן און סטיואַרדעסעס

אַ סענאַט־קאָמיטע האָט געטאָדעלט געוויסע פּילאָטן
וואָס ראָמאַנסירן אינמיטן פליען מיט סטיואַרדעסעס.

מען דאַרף דעם סענאַט זאָגן די גרעסטע שבח׳ן.
אויב אַ פליער איז עוסק אין יענע זיבן זאַכן,
אויב ער האַלט די סטיואַרדעס אויף די קניען

אין מיטן פליען,
אינמיטן שוועבן,
איז מען דאָך נישט זיכער מיטן לעבן!
אויב דער יצר־הרע איז ביי אים אַזוי שטאַרק,
קאָן ער דאָך, חלילה, אַריינפליען אין אַ באַרג!
אויב ביי די אָנגעצונדענע מאטאָרן
לאָזט ער דעם יצר־הרע זיך צע׳יצר־הרע׳ן
מיט אַ סטיואַרדעס וואָס איז שוואַרץ־אויגלדיג,
איז דאָך גאָרנישט פויגלדיג!
דאַרף מען אים שטעלן פאַרן געריכט!
הער אויס, דו פליער, וואָס מ׳זאָגט דיר:
אויב מ׳גיט דיר אַן עראָפּלאַן, פיר אים!
זיי נישט עוסק אין „שיר השירים״!
אויב דו ביזט מיט אַזאַ פרנסה פאַר׳פרנסה׳ט,
מוזטו זיין אַ צדיק, אַ חסיד!
אויב דו ביזט פון דער ערד אַזוי דערוויייטערט,
מוז דיין נשמה זיין געלייטערט,
אַזוי ווי אַ צדיק׳ס נשמה נאָך נעילה.
די סטיואַרדעס מוזטו באַטראַכטן מיט אויגן קילע,
נישט קיין צעהיצטע.
מעג זי אַפילו זיין ווי פון עלפנביין אַ צעשניצטע
מעג זי אַפילו זיין אַ בלאָנדער מלאך!
אויב דו הענגסט אין דער לופטן אַזאַ מהלך,
אונטער די בלאָע הימלען,
מוזטו דעם יצר־הרע לאָזן שימלען,
מעג די סטיואַרדעס זיין זיס שבזיס.
אויב מ׳פליט אין דער הויך דרייסיג טויזנט פיס,
טאָר מען נישט טראַכטן וועגן אירע פיס,
מעגן די פיס זיין געטאָקטע,
מעגן אירע האָר זיין געלאָקטע,
אָדער פאַרקעמט מיט אַן „עק פון אַ פערד!״
אַזעלכע זאַכן זיינען גוט אויף דער ערד
צווישן הייזער און בוימער און פויגעלשע נעסטן,
וואו מ׳פילט אונטער זיך אַ באָדן אַ פעסטן,

אָבער נישט אונטער׳ן הימל, וואו אַלץ פּוסט און הויל איז,
וואו מ׳העגנט אויף משקולות
און אונטער דיר בושעוועט דער ים,
מעג די סטיואַרדעס זיין אַ פלאַם שבפלאַם,
מוזטו, פליער, זיין אַ נזיר!
דו טאָרסט נישט באַזינגען די אויגן איר, די נאָז איר,
מעשה־פּאָעט!
אַז מ׳פירט אַ דזשעט
וואָס הויך איבער דער ערד גאַנץ היפש איז,
טאָר מען נישט אינזינען האָבן קיין טיפשות!

די עפּידעמיע פון לאַנגע האָר

אַ לעזער, אַ ליטוואַק, האָט צו מיר טענות, פארוואָס עס כאַפּן זיך מיר אַריין פון צייט־צו־צייט אַזוי־גערופענע „גאַליציאַנער״ גראַמען. וויל איך אים איבערבעטן און כ׳גיב אַ גאַנצן פעליטאָן מיט ליטווישע גראַמען.

מיט צוויי דורות צוריק אָדער צוריק מיט אַ דור,
ווער האָט געטראָגן לאַנגע האָר? —
אַ פּאָעט, אַ קונסט־מאָלער, אַ סקולפּטאָר;
אַ דיריזשאָר
פון אַ סימפאָנישן אָרקעסטער, פון אַ כאָר;
פון אַן אָפּערע דער ערשטער טענאָר;
אָדער אַ באַרימטער אַקטיאָר,
וואָס האָט געשפּילט אָן אַ סופלאָר
גאָגאָל׳ס „רעוויזאָר״ —
זיי אַלע האָבן געטראָגן לאַנגע האָר!
ווער נאָך האָט געטראָגן לאַנגע האָר?
אַ פילאָזאָף, אַ געלערנטער, אַ „גדול הדור״;
אַ רעוואָלוציאָנער, וואָס האָט געפּרעדיגט טעראָר;
אַ באַרימטער אַדוואָקאַט וואָס צעשמעטערט דעם פּראָקוראָר;
אַ שלום עליכם, וואָס האָט געשפּריצט מיט הומאָר,
אַ ציוניסטישער מגיד, אַן אידיאַליסט, אַ פאַנטאַזיאָר;

אַ ליטעראַרישער דראַמאַטורג,
אַ געגנער פון אַנשל שאָר;
אַן אַסטראַנאָם וואָס האָט געקענט יעדן מעטאָר;
אַ זאַמלער פון שפּריכווערטער און פון פאָלקלאָר;
אַ ראַבאַי וואָס האָט געפּרעדיגט וועגן „שור הבר";
אַ פייערדיגער פידלער פון אַ ציגיינערשן טאַבאָר;
אַ באַרימטער שפּאַנישער טאָרעאַדאָר;
אַ וועגעטאַריער וואָס האָט געלעבט מיט אַ פּאָמידאָר
אַ גאַנץ יאָר;
אַ פּאָפּ פון אַ מאָנאַסטיר, אַ צערקווע, אַ סאָבאָר —
זיי אַלע האָבן געטראָגן לאַנגע האָר!
אָבער ווער טראָגט היינט לאַנגע האָר?
אַ בחור וואָס קערט אויס אין אָפיס די פלאָר
טראָגט לאַנגע האָר!
אַ היפּי וואָס לעבט פון נדבות, פון שנאָר,
טראָגט לאַנגע האָר!
אַ גאַראַזש־באָי, וואָס פּיקסט דעם מאָטאָר,
טראָגט לאַנגע האָר!
אַ קלאָג איז צו די לאַנגע האָר,
וואָס עס טראָגט דער דעליווערע־באָי פון אַ סטאָר,
וואָס מ'לאָזט אים ניט אַריין אין קאָרידאָר!

די נייסטע רעקאָמענדאַציע פון אַמעריקאַנער דאָקטוירים

אַמעריקאַנער דאָקטוירים האָבן אַ פרישע סענסאַציע:
צוליב אינפלאַציע
הייסן זיי דעם מאָגן געבן אַ שטיקל וואַקאַציע
זיי הייסן פּראַווען תעניתים
און נישט געבן קיין קאַלטס און קיין הייס אים.
קיין פליייש און קיין ראָסל.
וואָס־זשע זאָגט דערצו יאָסל?
איך זאָג אַז אויב מ'פּאַסט בלויז איין מעסלעס,
אויב מ'האַלט זיך בלויז איין טאָג אָפּ פון דער פרעס,

איז נישט קיין גרויסער חסרון!
אָבער שלעכט איז ווען מ׳פאַסט גאַנצע יאָרן,
גאַנצע חדשים, גאַנצע וואָכן,
ווען ס׳איז נישטאָ וואָס צו קאָכן,
וואָס צו בראָטן,
ווען ס׳איז ליידיג הינטערן טלית־קטן,
ווען ס׳פנים פאַר הונגער געל און גרין איז!
ס׳זעלבע איז מיט מדינות!
מדינות וואָס פראַווען כסדר תעניתים,
מדינות וואָס האָבן צופיל דליתים,
וואָס דרייען זיך אַרום מיט אַ פוסטן „סטאָמעק״,
שטייען פאַר׳ן תהום־עק!
פון די לענדער וואו ס׳איז ליידיג דער מאָגן
קומען אַלע פלאָגן,
אַלע קלאָגן!
אויף אַ קבצנ׳יש לאַנד לייגן זיך אַלע לאַסטן.
אויב מענטשן פאַסטן
טשעפּעט זיי נישט צי זיי האָבן אַ הערשער אַ פאַרהאַסטן,
צי אַ ליבעראַלן,
געוויילט דורך פרייע וואַלן!
די גאַנצע פרייהייט איז ווערט אַ פּיאַטאַקל,
אויב מ׳מאַכט נישט קיין „שהכל״!
אויף דעמאָקראַטיע נישטאָ קיין קונה איז
אָן אַ „בורא מיני מזונות״!
לענדער גייען אין מלחמה
צוליב אַ „בורא פרי האדמה״!
די פרייהייט האָט נישט קיין שום רייץ
אָן אַ „בורא פרי העץ״!
פונקט ווי אַ פראַנצויז גייט נישט שלאָפן
אָן אַ „בורא פרי הגפן״,
אַזוי מוז אַ פויער, אַפילו ווען ער האָט נישט קיין פריץ,
מאַכן אַ „המוציא לחם מן הארץ״!

אַ מענטש־מאַלפּע פון קאַליפאָרניע

די פּרעסע שרייבט אַז אין קאַליפאָרניע לעבט אַ מענטש וואָס ווערט ביסלעכווייז פאַרוואַנדלט אין אַ מאַלפּע. וואָס זאָגט וועגן דעם אונזערס אַ חסידישער לעזער?

יאָסל קרוין, די זאַך איז גאָרנישט פּשוט.
ס׳איז סימבאָליש פאַר אַ וועלט וואָס איז פאַר׳רשע׳ט,
ס׳איז אַ הימלישער „עס־אָ־עס״!
מענטשן האָבן פאַרלוירן דעם הימלישן אַדרעס.
זיי האַלטן נישט פון כשרות, פון ברית־טיש.
זיי זיינען געוואָרן דאַרוויניסטיש.
קיין תפילה קומט נישט אויף זייערע ליפּן.
זיי גלויבן נישט אַז חוה שטאַמט פון אדמ׳ס ריפּן
ווען ער איז געשלאָפן אין גן עדן.
זיי גלויבן אַז אונזער ערשטע באָבע מיטן זיידן
האָבן געוואוינט אויף אַ פּאַלמע אָדער אַ בעריאָזע.
אַ מענטש, זאָגן זיי, איז אַזאַ יחסן ווי אַ קאָזע
אָדער אַן אַנדערע בהמה.
זיי גלויבן באמונה שלמה
אַז חזנים האָבן געיאַרשנט זייערע געזאַנגען
פון אוראַנגאָטאַנגען;
אַז סיי דער חכם, סיי דער תם פון מה נשתנה
שטאַמען ביידע פון אַן „אָבעזיאַנע״;
מעג אַ ווייבל זיך באַשפּריצן מיט אָדעקאָלאָנקע
שטאַמט זי אַלץ פון אַ „מאָנקי״;
מעג אפילו לעזן „מאָמאַס מאַן״ זי
שטאַמט זי אַלץ פון אַ „שימפּאַנזי״,
איז זי אַלץ דער מאַלפּע׳ס אַ יורש!
אויב אַזוי מעג דאָך אַ מענטש צוריקגיין צו זיין שורש,
צו זיין שטאַם.
וואָס־זשע מאַכט מען אַזאַ טאַראַראַם
ווען אַ מיטגליד פון אַ קאַליפאָרניער קהילה

ווערט צוריק אַ גאָרילע!
ווען עס ציט אים צוריק אין וואַלד!
וואָס־זשע מאַכט מען אַזאַ געוואַלד
ווען אַ מענטש גייט צוריק צו זיין אַמאָליגן באַשאַף
און ווערט צוריק אַן אַף!

אַ דיסקוסיע וועגן אינטעליגענץ

די פּראָפּעסאָרן פון פסיכאָלאָגיע, אַנאַסטאַזי און פאולי, זאָגן אַז קינדער פון פוילישע אידן און פון גאַליציאַנער אידן זיינען אינטעליגענטער ווי קינדער פון רוסישע און ליטווישע אידן.

פוילישער איד צו אַ רוסישן איד

וואָס זאָגט עטץ, קאַצאַפּעס, צו די פּראָפּעסאָרן?
ס׳זאָל שוין נישט געשען אַזאַ צאָרן!
זיי הויבן מיך, דעם פוילישן איד, ביז צום דאַך.
זיי זאָגן אַז דער גרעסטער קאָפּשטיק בין י אַ ך,
אַז מ׳רעדט וועגן אינטעליגענץ, מיינט מען מ ע ך,
און נישט ע נ ק!
בקיצור, מיט איין שאָס, מיט איין זבענק
האָט מען אויפגעריסן ענקער פעסטונג, ענקער פּאָזיציע!
די וויסנשאַפט זאָגט אַז אַ איד פון פוילן, פון גאַליציע
איז פון אַ הויכער ראַסע,
אַז ר׳איז אינטעליגענטער ווי אַ איד פון קיעוו, פון טשערקאַסע,
פון מינסק, וויטעבסק, ראָסטאָוו.
פוילישע אידן זיינען געמאַכט פון אַ בעסערן שטאָף.
בקיצור, כ׳בין ענק, קאַצאַפּעס, נישט מקנא —
פּראָשע פּאַנאַ!

רוסישער איד צום פוילישן איד

פּאַרדריי מיר נישט די קאָפּ, דו איטשע־מאיר!
דיין אינטעליגענץ איז ביי מיר נישט ווערט קיין צווייער,
קיין עמער מיט קוואַס!
וואָס האָט איר מעכאַדעש געווען אויף דער אידישער גאַס,

חוץ זיסע פיש?
דאָס אַלץ און מער נישט קיין קריש!
ווער זיינען דאָס דיינע אינטעליגענטן? סקאַזשי!
אפשר דיינע חסידים וואָס זשליאָקען מיט ברען און מיט ברי,
אַזוי ווי די אמת׳ע שיכורים,
אַ גאַנצן שמחת תורה און אַ גאַנצן פורים,
און טאַנצן מיט פאות צעפלאָשעט, מיט פאָלעס פאַרקאַטשעט?
טאַקאַיאַ קולטורא ניטשעוואָ ניע זנאַטשיט!
כאָטש דו שטאַמסט פון וואַרשע, קראָקע, לאָדזש, קעלץ,
ביזטו געגן מיר שמעלץ.
דיין אינטעליגענץ איז ביי מיר גאָרנישט ווערט. זי איז בפירוש איטשע־מאיר׳יש!

שלום־וואָרט פון יאָסל דעם גרינעם

פון דער מלחמה צווישן די רוסישע מיט „עכ׳עס״ און „יאַכ׳עס״,
האָב איך, יאָסל, נישט קיין נחת,
ניט פון רוסישן גאָספאָדינטשיק, ניט פון פוילישן שרה (סראָרע).
דעריבער וויל איך, יאָסל, מאַכן אַ פשרה,
כ׳וויל אָפשטעלן ס׳פייער!
ביי מיר זיינען אַלע אידן טייער,
מעגן זיי רעדן מיט אַ „קומעץ״ אָדער מיט אַ „קאָמעץ״.
ביי מיר איז קין שום איד נישט קיין חמץ,
כאָטש אַ פוילישער איד היציג איז און אַ ליטוואַק געלאַסן איז.
כ׳בין אפילו מתיר געמישטע חתונות:
אויב אַ „באַרישניע״ פון מינסק, צי פון פאָלטאַווע,
ברענט מיט ליבשאַפט און מיט תאווה
צו אַ בחור פון גריצע
און צו דעם פוילישן חתן ס׳ציט זי,
מעג זיך מיט אים גיין צו דער חופה מיט ליכטלעך און פענער — נישט בלויז מיטן פוילישן, נאָר אפילו מיט אַ רומענער!

אַ היפּי וועגן „דזשענערעישאָן־געפּ״

ליבער יאָסל, וואָס דו שרייבסט פאַר פאַרשטאָפּטע קעפּ,
דו פרעגסט מיך וואָס ס׳מיינט „דזשענערעישאָן־געפּ״?
גיב איך דיר דאַרויף אַן ענטפער אַ קלאָרן:
דאָס איז אונזער נייע תורה וועגן מענטשנ׳ס יאָרן!
אַ מענטש איז בלויז גלאַנציק
פון 12 ביז 20.
דאַמאָלס איז ער געניאַל,
איז ער אַ לאַסאַל,
אַ שאַגאַל.
דאַמאָלס איז יעדער באָי
אַ טאָלסטאָי!
פון 20 ביז 30
איז ער נאָך אַלץ שאַרף און בייסיק,
ענערגיש, פלייסיק,
פול מיט ברען און מיט ברי.
ער איז נאָך אַלץ אַ זשעני,
אַ ניוטאָן, אַ שפּינאָזע,
אַ לאָמבראָזע,
אַן אַריסטאָטל.
נאָך 30 ווערט דער מענטש אַן אידיאָטל!
דער שכל ווערט אים פאַרשטאָפּט,
פאַרקנאָפּט.
צו דרייסיג און איינס
האָט ער אַ קעפּעלע אַ קליינס.
ביי דרייסיג און צוויי
איז ער אַן אויסגעבלאָזן איי,
אַן אויסגעזונגענער סאָלאָוויי,
ער קען העכסטנס רוימען שניי.
צו דרייסיג און פיר
איז ער אַן איבעריגער פּאַסאַזשיר,
אַן אויסגעלאָשענער שענדעליר.

צו דרייסיג און זעקס
איז ער בלויז אַן „עקס",
וואָס איז געקומען אויף דער וועלט דורך סעקס.
ביי דרייסיג און זיבן
איז שוין זיין שכל לאַנג פאַרטריבן.
ביי דרייסיג און אַכט
איז אים דער קאָפּ אינגאַנצן פאַרמאַכט.
ער מעג שוין זאָגן „אַ גוטע נאַכט"
און פאַרלירן זיין אַדרעס
ער איז אַ לעבעדיגער מת.
ער פאַרשפּרייט בלויז אַ שלעכטן דופט
ער פאַרפּאָלושט בלויז די לופט
פון ניו יאָרק ביז מיסיסיפּי.
פון מיר מענדל היפּי!

אַ וואָרט צו די אַנטיסעמיטן!

צום יאָרטאָג פון די קדושים פון די געטאָס

אַנטיסעמיטן פון דער גאנצער וועלט, איר זאָגט אמת,
אַז צוליב אונז אידן די וועלט אין אַ קלעם איז.
מיר אידן זיינען זיך דערין מודה!
אייער זיידע, וואָס האָט געבושעוועט פון הודו
ביז כוש,
האָט עס שוין באַצייטנס געזען בחוש.
מיר מיינען אייער זיידע המן!
יאָ, מיר די אייניקלעך פון אברהמ'ען,
פירן זיך אויף מיאוס.
מיר טרעטן מיט די פיס
אַלץ וואָס איז הייליג.
אין אַלע צרות האָבן מיר אַ חלק:
מיר האָבן געגעבן די דייטשן, לא עלינו,
אַ מענדלסאָן-באַרטאָלדי, אַ היינריך היינע,

וואָס האָבן פֿאַראָרעמט די דייטשע קולטור,
די דייטשע מוזיק, די דייטשע ליטעראַטור,
דאָס דייטשע וואָרט, דעם דייטשן קלאַנג.
מ'האָט נאָך געהאַט אַ חוצפּה'דיגן פֿאַרלאַנג,
אַז דער פֿאַרדאַרבער פֿון דייטשן ליד,
דער „לאָרעליי"עדיגער" איד,
זאָל אויף אַ דענקמאָל אין קעלן אָם ריין שטיין!
מיר האָבן די דייטשן געגעבן אַן איינשטיין,
וואָס האָט פֿאַראָרעמט די דייטשע פֿיזיק!
אונזער שעדליכער איינפֿלוס איז גרויס און ריזיק,
איבערפֿולט מיט אים יעדער סעקטאָר איז.
מיר האָבן אַ חלק, וואָס די שוויץ־פּעקטאָריס
זיינען אָפּגעשאַפֿט געוואָרן אין אַמעריקע.
מיר האָבן אַ חלק אין די פּענסיעס פֿאַר 65־יעריגע
און אין נאָך אַזעלכע „גזירות".
מיר אידן זיינען פֿול מיט אַנדערע „עבירות",
מיט אַ סך אַנדערע „רציחות".
מיר זיינען זיך מודה, אַז מיר פֿירן אויס אַ מיאוס'ע שליחות,
מיר זיינען אינטערנאַציאָנאַלע שעדיגער:
סאַלק און סעיבין, אידישע מעדיקער,
פֿירן זיך אויף מיאוס שבמיאוס —
זיי ראַטעווען די קינדער פֿון פּאַראַליז,
זיי ראַטעווען די קינדער פֿון דער גאַנצער וועלט!
דאַרף מען ניט פֿאַרניכטן זייער געצעלט,
אַזוי ווי ס'וויל יעדער היטלער־מאַן, נאַסער־מאַן?
אונזערע פּראָפֿעסאָרן ערליך און וואַסערמאַן
האָבן געטאָן דער וועלט אַ טובה אַ בערישע:
זיי האָבן באַקעמפֿט קראַנקהייטן ווענערישע —
אַזעלכע פֿיינע קראַנקהייטן, אַ מעכאַיע!
מיר זיינען זיך מודה, אַז מיר האָבן אַרויסגעגעבן אַ נביא ישעיה,
וואָס האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ פֿינסטערן חלום:
אַז ס'זאָל הערשן אייביגער שלום,
אַז מ'זאָל מאַכן אַקעראייזנס פֿון טויטליכע וואָפֿן!
דאַרף מען נישט באַשטראָפֿן

אַזאַ שרעקליכן ישעיה?
מיר האָבן אויף זיך עבירות אַלטע און נייע:
מיר האָבן די געצענדינער געגעבן אַ גאָט,
מיר האָבן זיי געגעבן די 10 געבאָט
מיט דעם „לא תרצח״ דעם באַרבאַרישן,
דעם אַנטי־הומאַניטאַרישן!

אַ חסיד האָט געשריבן צו יאָסלען וועגן בילי ראָוז׳ס סקולפטורן־מוזעאום אין ירושלים

ליעבער געטאָסל
יאָסל!
דאָס חסידישע ירושלים האָט שוין פרישע צרות.
בילי ראָוז, אַ איד וואָס שלאָגט נישט קיין כפרות,
שטעלט אויף אין דער שטאָט פון נביא ישעיה׳ן
אַ מוזעאום פון סקולפטורן און שניצערייען.
ער וויל געבן ירושלים אַ נייעם תיקון.
ער וויל די שטאָט באַגליקן
מיט געשניצטע מענטשן, בהמות, פייגל.
ער שטעלט אַוועק אַ בראָנזענעם „עגל״
און ער הייסט פאַר׳ן קאַלב שפּרינגען קדוש,
כאָטש ר׳איז געשניצט אַבסטראַקט, מאָדיש,
און ער זעט גאָרנישט אויס קאַלב׳יש!
מ׳שטעלט אַוועק אַ חוה אָן אַ מלבוש
און פּאָעטן שרייבן פּאָעמעס און זינגען לידער
וועגן אירע גלידער
וואָס זיינען פול מיט שיינקייט, מיט עסטעטיק.
מ׳וויל דאָס אויג מאַכן זעטיק
מיט אַ נישט־פייגנבלאַטנדיגער חוה׳ן!
אויב בילי איז זיך צו דעם מתכוון,
זאָגן מיר אָט דעם בילי׳ן,
וואָס לייגט נישט קיין תפילין,

ניִשט אויפֿן קאָפּ, נישט אויף דער האַנט,
אַז מיר ווילן נישט זיין סחורה אין הייליגן לאַנד!
אין ירושלים ווילן מיר משניות׳ן און ש״ס׳ן,
אָבער נישט פּיקאַסאָ׳ן!
אין דער שטאָט פֿון די תחינות, פֿון די צענערענעס
וויל מען אַוועקשטעלן אַ ווענוס
אַ געשניצטע,
אַ געקריצטע,
וואָס טראָגט נישט אויף זיך קיין פֿאָדים
פֿון בגדים?
מיט אַזעלכע אַנטיקן
וויל ער געבן אַ תיקון
דער הייליגער שטאָט פֿון קעניג דוד?
מיר דאַנקען בילי׳ן פֿאַר׳ן גרויסן כבוד,
אָבער מיר ווילן נישט קיין מוזעאום וואו בילי גבאי איז.
מיר וועלן דעם בילי׳ן מאַכן שוואַרץ־שבת!
מיר ווילן נישט אין ירושלים קיין שום סקולפּטורן,
קיין שום געשניצטע פֿיגורן,
מעגן זיי אפֿילו זיין פֿון סער דזשעיקאָב עפּשטיין,
מעגן זיי אויף דער וואַנט הענגען, צי אויף די טרעפּ שטיין,
מעגן זיי זיין אויסגעקלאַפּט פֿון מעטאַלן
דורך זשאַק ליפּשיצ׳ן, דורך מאַרק שאַגאַל׳ן,
אָדער גראַווירט דורך אַ שניץ אין שטיין
פֿון אַנטאָקאָלסקי׳ן, צי פֿון גליצנשטיין!
מעגן זיי זיין פֿון רעמבראַנד׳ן, פֿון לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי׳ן —
וועלן מיר זיי אַלע לינטשען,
אָט די אַלע ווענוסעס די געשניצטע, די גראַווירטע!
ירושלים וועט נישט זיין קיין באַצירטע
מיט בילי ראָוז׳ס עבודה זרה׳ס!
רב בילי, זוך דיר נישט קיין צרות!

אַ בריוול פון מאַרס צו יאָסל דעם גרינעם

ליבער יאָסל, די פליענדיגע פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן
פון די פאַראייניגטע שטאַטן,
וואָס פליען אַרום אויסצופאָרשן די פּלאַנעטן
מיט מאַגנעטן
און מיט עלעקטראָנישע שטראַלן,
האָבן אייך געגעבן סיגנאַלן,
אַז אויפ׳ן מאַרס זיינען דאָ פעלזן אַ סך,
אָבער נישט קיין שום לעבעדיגע זאַך!
מיר, באַוואוינער פון מאַרס,
האַלטן אַז דאָס איז פּשוט אַ פאַרס!
אייערע מעכאַנישע „מלומדים״
ווייסן וועגן אונז ווי אַ האָן אין בני אָדם!
ביי אונז איז אַ וועלט אַ לעבעדיקע,
מיט באַשעפענישן גייענדיקע און שוועבעדיקע,
מיט טייכן פליסיקע,
מיט חיות, בהמות און אפילו מיט צוויפיסיקע,
וואָס אייערע אַפּאַראַטן האָבן נישט אַנטדעקט!
ביי אונז, מאַרס־מענטשן, איז אפילו דאָ אַ פּראָיעקט,
אַז אויב אייערע ערד־מענטשן קוקן נישט אויף קיין סכנה
און זיי לאָזן זיך צום מאַרס, צו דער לבנה,
זאָלן מיר טאָן אפשר פאַרקערט —
און זיך אַראָפּלאָזן צו אייך אויף דער ערד?

ענטפער פון יאָסל דעם גרינעם

ליבער מאַריסיאַנער!
איך, יאָסל, דער אַמעריקאַנער,
האָב דערהאַלטן אייער בריוול.
איך זע ווי ס׳קוועטשט אייך דער שטיוול,
כ׳זע ווי ס׳גייט אייך אויס די נשמה
זיך אַראָפּצולאָזן צו אונז אויף דער אדמה,
קיין שיקגאָ, לאָנדאָן, מאָסקווע, קוטנע.

כ׳זע אַז ס׳איז אייך אויבן קאַלעמוטנע
און איר טראָגט זיך אַרום מיט פאַנטאַזיעס, טרוימען
אַראָפּצולאָזן זיך צו אונז פון די הויכע רוימען,
אָן וויזעס און אָן פּעסער!
איר מיינט אַז אונטן איז בעסער,
און עס ציט אייך צו אונזערע ברעגעס,
קיין פּאַריז, וואַרשע, לאַס וועגאַס.
טאָ זאָג איך אייך: זייטס נישט קיין שמעגעגעס!
זיצט בעסער אויבן וואו אייער היים איז!
זייטס נישט קיין בהמות,
קיין פערד,
קריכט נישט אַראָפּ אויף דער ערד,
רייסט זיך נישט צו אונזערע ימים, טאָלן, בערגער.
אויב אייך אויבן איז שלעכט, איז אונז אונטן נאָך ערגער!
ס׳איז אונטן סכנות נפשות!
ס׳גייט זיך אונטן אָן אַ חלשות!

מיין תפילה

הימלישער רעגירער,
הימלישער פירער,
וואָס דו פירסט דיין אידיש פאָלק
פון „ערפּאָלג״ צו „ערפּאָלג״,
וואָס דו היטסט אונז אָפּ פון די הענט פון רשע!
איך האָב צו דיר אַ בקשה אַ שטומע:
הער אויף צו צערטלען דיין הייליגע אידישע אומה.
נעם ביי אונז צו דיין מתנה —
דעם טיטול „אתה בחרתנו״,
וואָס אונז געשאָנקען געוואָרן דורך דיין געטליכער קרוין איז,
מיר האָבן שוין גענוג צרות, גענוג חורבנות,
גענוג בזיונות
פון דעם טיטול גענאָסן!
ס׳וואָלט אונז גאָרנישט פאַרדראָסן

אויב דו וואָלסט אונז דעגראַדירט,
אויב דו וואָלסט מיט דעם טיטול באַצירט
אַנדערע פעלקער, אַנדערע אומות.
מיר וועלן נישט האָבן קיין טענות, קיין תרעומות,
מיר וועלן עס דיר צום שלעכטן נישט פאַרטייטשן
אויב דו וועסט דעם טיטול אָוועקשענקען די דייטשן,
דעם „פאָלק פון דענקער און דיכטער”,
דעם פאָלק מיט די נאָרדישע אַרישע געזיכטער!
זאָלן ז י י אונזער טעם דערשפירן!
זאָלן ז י י צו „שפוך חמתך” עפענען די טירן
און שעלטן די פעלקער וואָס האָבן זיי פאַרטיליגט, פאַרוויסט,
וואָס האָבן זייער לעבן פאַרמיאוסט!
זאָלן ז י י זיין דיינע „אתה בחרתנו'ס”
און דערפאַר צאָלן, ווי מיר, מיט מיליאָנען קרבנות!

צו ישראל'ס אַמבאַסאַדאָר („ציר”) פון אַרגענטינע, אריה לבבי

וועלכער האָט געהאָלפן כאַפּן אַדאָלף
אייכמאַנען, ימח שמו

ליבער ציר! די ממשלה פון בונאָס איירעס
האָט דיר געכאַפּט ביי עבירות
שווערע.
דו האָסט אַרגענטינע'ס ערע
„פאַרשוועכט”.
דו האָסט געכאַפּט היטלער'ס בלוטיגסטן קנעכט,
וואָס האָט זיך אין אַרגענטינע פאַר'נעסט'עט,
וואָס האָט דאָרט די לופט פאַרפּעסטעט,
און דו האָסט אים פון דאָרט משלח געווען.
יעצט ביזטו דער קרבן אויפ'ן מזבח געווען
פאַר דיין גלויבן דעם געטרייען.
אַרגענטינע קען דאָס „אומרעכט” נישט פאַרדייען

און זי האָט דיר געוויזן די טיר,
ליבער ציר!
זי איז אויסן געוועז דיך צו פאַרשעמען.
פאַר אונז אָבער ביזטו אַ ציר־נאָמן!
פאַר אונז ביזטו נישט בלויז אַ צ י ר, נאָר אַ ציר־ונג!
מיר אָקצעפטירן דיין פירונג,
וואָס איז פאַר אונז אַ שטאָלץ און אַ יחוס.
מיר דאַנקען דיר פאַר דיין שליחות,
דו נקמה־נעמער פאַר אונזער צער און צאָרן,
דו שענסטער אַמבאַסאַדאָר צווישן אַמבאַסאַדאָרן!
געבענטשט זאָל זיין „לעולמי עד" ער,
ישראל׳ס ליכטיגער אַמבאַסאַדאָר,
ישראל׳ס טייערער באָטשאַפטער,
וואָס אַז מ׳דאַרף, אַ סוד שאַפט ער,
אַ סוד וואָס וועט בלייבן פאַרהייליגט.
מיר דאַנקען אַלע וואָס האָבן זיך אין דעם סוד באַטייליגט,
טייערער לבבי!
פאַר אונז ביזטו אַ ווירדיג אייניקל פון נביא
זכריה,
טייערער אַריה!
ביי אַנדערע ביזטו „נישט געוואונטשן",
אָבער מיר שיקן דיר אונזערע וואונטשן!
ביי אַנדערע ביזטו אַ „פערסאָנאַ נאָן גראַטאַ",
אָבער מיר זאָגן דיר „ברוך אתה!"

דיסקוסיע צווישן צווי אידן

געווידמעט דעם יאָרצייט פון די קדושים פון די
געטאָס

ערשטער איד: — אַ איד צו זיין איז טייער.
צווייטער איד: — אַ איד צו זיין טויג אויפן פייער.
ערשטער איד: — אַ איד צו זיין איז גוט.

צווייטער איד: — אַ איד צו זיין קאָסט בלוט.

ערשטער איד: — אַ איד צו זיין אַ מעכאַיע איז.
צווייטער איד: — אַ איד צו זיין ניט כדאי איז.

ערשטער איד: — אַ איד צו זיין איז אַ גליק.
צווייטער איד: — אַ איד צו זיין אַיז אויפן האַלז אַ שטריק.

ערשטער איד: — אַ איד צו זיין אַיז אַ זיס געזאַנג.
צווייטער איד: — אַ איד צו זיין אַיז אַ ביטער געטראַנק.

ערשטער איד: — אַ איד צו זיין איז דער פעטסטער ביסן.
צווייטער איד: — אַ איד צו זיין? מ׳זאָל דערפון ניט וויסן!

ערשטער איד: — אַ איד צו זיין דערפרישט ווי טוי, ווי שניי.
צווייטער איד: — אַ איד צו זיין איז אָך און וויי.

ערשטער איד: — אַ איד צו זיין איז אַ געטליכער פלאַם.
צווייטער איד: — אַ איד צו זיין איז סם.

ערשטער איד: — אַ איד צו זיין איז גאָלד אַ גאַנצער הויפן.
צווייטער איד: — אַ איד צו זיין? מ׳דאַרף דערפון אַנטלויפן!

ערשטער איד: : — אַ איד צו זיין מיינט קעמפן פאַר יושר, פאַר רעכט.
צווייטער איד: — אַ איד צו זיין מיינט די גאַנצע וועלט באַפרייען און
אַליין בלייבן קנעכט.

ערשטער איד: — אַ איד צו זיין מיינט ברכות אומגעציילטע.
צווייטער איד: — אַ איד צו זיין מיינט וואונדן קיינמאָל ניט פאַרהיילטע.

ערשטער איד: — אַ איד צו זיין מיינט באַגליקט צו זיין מיט צען געבאָט.
צווייטער איד: — אַ איד צו זיין מיינט באַשענקען אַלע מיט געטער און
אַליין זיין אָן גאָט.

ערשטער איד: — אַ איד צו זיין מיינט „אתה בחרתנו״.
צווייטער איד: — אַ איד צו זיין מיינט „למה עזבתנו?״

ערשטער איד: — אַ איד צו זיין מיינט באַליבט צו זיין ביים הימלישן קעניג.
צווייטער איד: — אַ איד צו זיין מיינט אומצוקומען דורך סקילה־שריפה־הרג־וחנק.

אַ בריוול פון כרושטשעוו'ן, פאַרוואָס ער האָט אין יאָר 1963 פאַרבאָטן צו באַקן מצות

ליבער גענאָסל
יאָסל,
וואָס דו האַלסט פון קענעדי'ן און דו ביזט געטריי אים!
וואָס בין א י ך שולדיג אַז אידן זיינען אַרויס פון מצרים?
פון רעמסס, פון פיתום?
וואָס בין א י ך שולדיג אַז ס'זיינען דאַמאָלס געשען ניסים?
אַז געשפּאָלטן געוואָרן דער ים איז?
פאַרוואָס שיקט מען מיר טעלעגראַמעס
כ'זאָל באַזאָרגן מיינע אידן מיט מצה?
ווי קומט אַ לאַנד פון סאָציאַליסטישער פּראַצי
צו מצה?
מיט וואָס איז מצה
אַזאַ מאַצע?
די מצה וואָס עס הייסט עסן דער אידישער באַשעפער
האָט נישט קיין פעפער,
קיין זאַלץ,
קיין שמאַלץ,
בלויז אַביסל וואַסער געמישט מיט מעל.
ס'ברענט אין דער קעל,
אין מאָגן.
טאָ וואָס־זשע דאַרפן אידן זיך פּלאָגן
מיט מצה
וואָס פאַרשאַדט זיי?
איז דעם נישט בעסער פאַר די אידן פון ריגע, ווילנע, מעמל
צו עסן זעמל
אָדער „כליעב״?
דיינע אידן האָבן דאָך פאַרשטאָפּטע קעפּ,
„יעי באָגו!״
אויב זיי גלויבן וואָס מ'זאָגט אין דער סינאַגאָגע,
אַז זיי זיינען ביים ים געוואָרן ניצול,

זאָלן זיי עסן חלה, שטריצל!
איך, ניקיטאַ, וואָס פול מיט לענין־אָרדנס מיט לאַץ איז,
וועל פאַר זיי נישט באַקן קיין מצות
און פאַרשוועכן מיינע בעקערייען וואָס זיינען רויט!
ביי מיר קענען זיי עסן ברויט
און נאָך שטיין דערפאַר אין „אָטשערעד׳׳!
ס׳אַרט מיך נישט וואָס אַ איד אין קיעוו און אין סאָטשי רעדט,
כ׳הער ווי די קאַץ זיי!
איך וועל זיי נישט באַקן קיין מצה!
מצה האָבן זיי געקענט כמאַלינען
בלויז ביי סטאַלינ׳ען!

אַ בריוול פון דער לבנה

ליבער יאָסל, דיינע אַסטראָנאַטן
אין די האַלב־מיליאָנעדיקע כאַלאַטן,
האָבן טאַקע באַוויזן ניסים ונפלאות,
אָבער זיי האָבן נעבעך געמאַכט אַ טעות.
זיי האָבן אייך איבערגעגעבן די נייעס,
אַז ביי אונז זיינען נישטאָ קיין מענטשן, קיין חיות,
קיין שום לעבעדיקע זאַכן!
ס׳איז נישטאָ, כ׳לעבן, ווער ס׳זאָל לאַכן!
זיי האָבן געשטעלט אויף דער לבנה אַ פּאָר שריט,
אַ פּאָר טריט,
זיי האָבן אויף דער לבנה שפּאַצירט אַ ברעקעלע,
זיי האָבן אַוועקגעשטעלט אַ פענדל אויף אַ שטעקעלע,
האַלטן זיי זיך שוין פאַר עקספּערטן פון לבנה׳ניזם!
אָבער ווען ס׳וועט זיך אָנהויבן צו אונז אַ טוריזם,
וועט מען זען אַז ביי אונז זיינען פאַראַנען
נישט בלויז אויסגעלאָשענע וואולקאַנען,
נאָר אויך טייכן פליסיקע,
חיות, בהמות און אפילו צוויי־פיסיקע,
וואָס אייערע אַסטראָנאַטן האָבן נישט דערשמעקט.

ביי אונז, לבנה־מענטשן, איז אפילו דאַ אַ פּראָיעקט,
אַז אויב איר, ערד־מענטשן, קוקט נישט אויף קיין סכנה
און איר לאָזט זיך צו דער לבנה,
זאָלן מיר אפשר טאָן פאַרקערט
און זיך אַראָפּלאָזן צו אייך אויף דער ערד?

ענטפער פון יאָסל דעם גרינעם

ליבע מענטשן פון דער לבנה!
כ׳האָב איבערגעליינט מיט גרויס כוונה
אייער בריוול.
כ׳זע ווי ס׳קוועטשט אייך דער שטיוול,
כ׳זע ווי ס׳גייט אייך אויס די נשמה
זיך אַראָפּצולאָזן צו אונז אויף דער אדמה,
קיין שיקאַגאָ, לאָנדאָן, מאָסקווע, קוטנע.
כ׳זע אַז ס׳איז אייך קאַלעמוטנע
דאָרט אויבן.
עס זיינען אייך נמאס די אַש׳ן, די שטויבן,
וואָס טראָגן זיך פון אייערע וואולקאַנישע קראַטערן.
איר וואָלט שוין געוואָלט די לבנה פּטר׳ן
און אַראָפּקומען צו אונז מיט ויזעס און פּעסער.
איר מיינט אַז אונטן איז בעסער
און עס ציט אייך צו אונזערע ברעגעס,
קיין פּאַריז, וואַרשע, לאַס וועגאַס.
טאָ זאָג איך אייך: זייטס נישט קיין שמעגעגעס!
זיצט בעסער אויבן, וואו אייער היים איז.
זייטס נישט קיין בהמות,
קיין פערד,
קריכטס נישט אַראָפּ אויף דער ערד.
רייסט זיך נישט צו אונזסער ים׳ען, טאָלן, בערגער.
אויב אייך אויבן איז שלעכט, איז אונז אונטן נאָך ערגער!
ס׳איז אונטן סכנות נפשות!
ס׳גייט זיך אונטן אָן אַ חלשות!

פעליעטאָנען

ברוך הבא, מיין שכן ר׳ מענדל איז דאָ!

מיין שכן ר׳ מענדל איז גוט באַקאַנט צו מיינע לייענער פון „פאָרווערטס״. מען קען אים פאַר אַ איד וואָס שטעקט אַריין זיין נאָז אין אַלע געזעלשאַפטליכע טעפּ. ר׳ מענדל האָט פיינט צו פאַרשווייגן עוולה׳ס און האָט אַ פולן זאַק מיט גוטע עצות פאַר אַלע פעלקער און פאַר׳ן אידישן פאָלק אַוודאי און אַוודאי.

לעצטענס האָט זיך ר׳ מענדל באַוויזען ביי מיר אין שטוב און מיר האָבן געהאַט אַזאַ מין שמועסל:

ע ר: איך זעה, ר׳ יאָסל, אַז איר שרייבט כסדר וועגן רוסלאַנד, וועגן רומעניע, וועגן ישראל, וויל איך אַז איר זאָלט אַביסל אָפּלאָזן יענע לענדער און זיך נעמען צו יאַפּאַן.

א י ך: וואָס אינטערעסירט אונז אידן די יאַפּאַנישע מדינה?

ע ר: ס׳אינטערעסירט שוין יאָ, איר האָט מסתם געלייענט אין אייער אייגענעם „פאָרווערטס״, אַז צווישן גרויסע מאַסן יאַפּאַנער איז אַנטשטאַנען אַ באַוועגונג זיך מגייר צו זיין און אָנצונעמען דעם אידישן גלויבן. אַ שפּאָר ביסל יאַפּאַנער האָבן זיך שוין טאַקע מגייר געווען און זיי היטן אָפּ אידישקייט. אָבער דאָס איז בלויז אַן אָנהויב, אַ „פּאָטשאָנטעק״. גאַנצע מחנות יאַפּאַנער גרייטן זיך צו ווערן אברהם אבינו׳ס אַדאָפּטירטע אייניקלעך.

א י ך: איז דאָך גוט, ר׳ מענדל, וועט דאָך ס׳אידישע פאָלק ווערן פאַרגרעסערט.

ע ר: ס׳איז גוט, אָבער ס׳איז נישט גוט.

א י ך: אויב ס׳איז גוט, ווי קען זיין נישט גוט?

ע ר: גוט איז דערמיט וואָס ס׳אידישע פאָלק וועט ווערן גרעסער און שלעכט איז, וואָס די אידישע פרנסות, כ׳מיין די ריין־אידישע פרנסות, וועלן ווערן קלענער. ביז איצט האָבן אונז די יאַפּאַנער פאַרפלייצט מיט „וואָקי־טאָקיס״, מיט וועק־זייגערלעך, מיט טאַשן־זייגערלעך, מיט טעלעוויזיע־אַפּאַראַטלעך, מיט טעקסטיל־סחורות, מיט שטעק־שיך, מיט זיידענצייג, מיט רעגנשירמס און דאָס אַלץ פאַר האַלב־בחינם. די אַמעריקאַנער יוניאָנס האָבן געמאַכט געשרייען, אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. איצט וועלן קומען די ניי־געבאַקענע יאַפּאַנער אידן און וועלן אונז פאַרפלייצן מיט טליתים, קיטלען, סידורים, מחזורים, תחינות, חנוכה־לעמפּלעך, מגילה׳לעך, גראַגערס און אפילו מיט קידוש־וויין און מעד „מעיד אין דזשעפּען״. זיי וועלן דאָס אַלץ פאַרקויפן

בחצי־חינם און חלילה אומברענגען דעם גאַנצן עקספּאָרט פון מדינת ישראל קיין אַמעריקע און די אַנדערע לענדער. די אידישע יאַפּאַנער וועלן פאַרקויפן דריי פאַרטיגע סוכות פאַר אַ האַלבן דאָלער שוין מיט סכך. אויב מ׳וועט קויפן אַ פּאָר רש״י׳ס תפילין, וועלן זיי צוגעבן רבינו תם׳ס תפילין בחינם. די ישראל׳דיגע פּראָדוצענטן אין עקספּאָרטערן וועלן חלילה דאַרפן פאַרמאַכן זייערע וואַרשטאַטן פון חנוכה־לעמפּלעך און מזוזות און קושן די מזוזה.

א י ך: ס׳קען זיין, ר׳ מענדל, אַז איר זענט אפשר גערעכט, אָבער וואָס קען מען טאָן? אויב אין יאַפּאַנישן פאָלק איז אַריין אַ אידישער דיבוק, וועט מען אים אפילו מיט׳ן מיראָפּאָלער שופר ניט פאַריאָגן.

ע ר: אָבער איך האַלט אַז מען טאָר ניט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. מ׳מוז ראַטעווען די לאַגע באַציַיטנס און זעהן, אַז די יאַפּאַנער זאָלן זיך, חלילה, נישט מגייר זיין!

א י ך: אַדעראַבע, ווי אַזוי מאַכט מען דאָס, ר׳ מענדל?

ע ר: איך האַלט, אַז קיין אַנדערע עצה איז נישטאָ, נאָר מען דאַרף אַריינשיקן קיין יאַפּאַן אידישע שליחים, וואָס זאָלן פאַר׳מיאוס׳ן די אידן אין די אויגן פון די יאַפּאַנער...

א י ך: וועמען, מיינט איר, ר׳ מענדל, דאַרף מען אַהינשיקן?

ע ר: איך מיין, אַז מ׳דאַרף אַהינשיקן די סאַטמאַרער חסידים, וואָס מאָלן סוואַסטיקאַס אויף די ווענט פון שוהלן און פון אידישע רעדאַקציעס, וועט ביי די יאַפּאַנער פאַרגעהן דער אַפּעטיט צו ווערן אידן!...

אַ מיטעל צו ראַטעווען די אידישע שפּראַך, טעאַטער און ליטעראַטור

יאָרן לאַנג זיצן טייערע אידן, וואוילע אידן און זיי זוכן מיטלען צו ראַטעווען אונזער מאַמע־לשון, אונזער אידיש טעאַטער און אונזער אידישע ליטעראַטור, וואָס געפינען זיך, ווי מיר אַלע לידער ווייסן, ניט אין קיין געהויבענער לאַגע.

מיין שכן רב מענדל, וואָס איז באַקאַנט מיט זיינע קלוגע איינפאַלן און אויפטועך, זאָגט מיר, אַז ער איז געפאַלן אויף אַ פּלאַן, וואָס קאָן מאַכן אַן איבערקערעניש אין אידישן לעבן.

אויב מ׳וויל ראַטעווען די אידישע קולטור, זאָגט מענדל, איז נישטאָ קיין בעסערע עצה ווי מ׳זאָל אָרגאַניזירן אַ צוזאַמענפאָר פון באַרימטע אידישע

מעדיצין־דאָקטוירים, וואָס אינטערעסירן זיך מיט דער אידישער קולטור, און זיי זאָלן פאַרעפענטליכן אַן ערקלערונג, אַז ווער עס זיצט אין אידישן טעאַטער איז אין סכנה צו קריגן מערידן, ווער עס רעדט אידיש, איז אין געפאַר צו פאַרלירן די ציין און ווער ס'לעזט אַ אידיש ביכל, איז אויסגעזוצט צו ליידן פון שלאָפלאָזיקייט.

— וואָס רעדט איר? — זאָג איך צו מענדל'ען — דערמיט ווילט איר ראַטעווען די אידישע קולטור? פאַרקערט, דערמיט וועט איר דאָך פאַרטרייבן דעם עולם פון אידישקייט. אַז זיי וועלן דערזעהן אַ אידיש טעאַטער, אַ אידיש ביכעל אָדער דערהערן אַ אידיש וואָרט, וועלן זיי דאָך אַנטלויפן וואו דער פעפער וואַקסט!

— אויב אַזוי — זאָגט מענדל — קענט איר ניט די מענטשהייט. דוקא דערפאַר וואָס ס'איז אַ סכנה, וועט מען זיך דערצו צוכאַפּן ווי צו אַ געבראָטנס! אָט זיצן שוין יאָרן לאַנג גרויסע פּראָפעסאָרן און באַרימטע רעגירונגס דאָקטוירים און האַלטן אין איין אַרויסגעבן אָפיציעלע דעקלאַראַציעס, אַז פון רויכערן קאָן מען קריגן לונגען־קענסער, אַז טאַבאַק איז שעדליך פאַר'ן האַרץ און פאַר כ'וויס אַליין ניט וואָס. נו — העלפט עס עפּעס? ס'העלפט אַזוי ווי אַ טויטן באַנקעס! וואָס מער די דאָקטוירים סטראַשען, אַלץ מער רויכערט מען, אַלץ רייכער ווערן די טאַבאַק־פירמעס. טאָ פאַרוואָס־זשע, פרעג איך אייך, זאָל מען ניט אויספּרובירן ס'אייגענע מיטל צו הויבן די אידישע קולטור?

* * *

אַזוי זאָגט מיין שכן מענדל, אָבער איך האַלט אַז מ'וואָלט געדאַרפט געהן אַ סך ווייטער. מען דאַרף אפשר מענדל'ס פּלאַן אויספּרובירן ניט בלויז אויפ'ן אידישן קולטור־געביט, נאָר אויף אַ ברייטערן מאַסשטאַב אויך.

ביי היינטיקן טאָג זיינען פאַראַן אין אַמעריקע מיליאָנען איינזאַמע פרויען, סאַי עלטערע מיידלעך, סאַי גרושות, סאַי אלמנות, וואָס קענען ניט קריגן קיין מאַן.

לאָמיר־זשע אָרגאַניזירן אַ צוזאַמענפאָר פון דאָקטוירים און דער צוזאַמענפאָר זאָל זיך אַרויסזאָגן, אַז ס'בעסטע מיטל פאַר'ן געזונט פון מאַנסבילישן מין איז צו פאַרבלייבן אַן אַלטער בחור, ווייל דאָס פאַרהייראַטע לעבן מיינט פאַר'ן מאַן אַ זיכערער האַרץ־פעהלער. ס'איז זיכער אַז די אַלטע בחורים וועלן טאָן פונקט קאַפּויער.

ס'איז כמעט ווי זיכער, אַז נאָך אַזאַ ערקלערונג וועט ניט אַוועק קיין האַלב יאָר און אין גאַנץ אַמעריקע וועט ניט פאַרבלייבן קיין איין פאַרזעסן מיידל, קיין איין גרושה, קיין איין אלמנה. מ'וועט זיי אַלע אויסכאַפּן ווי מצה־וואַסער!

בקיצור, די סיגאַרעטן גיבן אונז אַ גוטע לעקציע און מ׳דאַרף, דעם ביישפּיל אויסנוצן אויף אַ סך געביטן פון לעבן.

ר׳ מענדל וועגן שבועות

מיין שכן ר׳ מענדל, וועלכן איך האָב שוין פריער פאָרגעשטעלט פאַר מיינע לייענער, איז אַ איד אַ שטיקל לץ. פאַר אַ חכמה פאַרקויפט ער זיין אייגענעם טאַטן אין סאַמע „פאַדהערסדעי״.

אַנומעלט טרעף איך ר׳ מענדל׳ען און פרעג אים:

– איר גרייט זיך עפּעס צו די שבועות׳דיגע מילכיגע קרעפּלעך?

– ווער טראַכט היינט וועגן מילכיגע קרעפּלעך? – זיפצט ר׳ מענדל – היינט מאַכן מענטשן איינער פון אַנדערן קרעפּל־פלייש אויף די מלחמה־פראָנטן.

– לאָזט אָפּ די פּאָליטיק, ר׳ מענדל – זאָג איך צו אים, אויב ניט וועט פון מיין שרייבעכץ אַרויסקומען אַ לייט־אַרטיקל, ניט קיין פעליעטאָן. זאָגט מיר בעסער אייער מיינונג וועגן מתן תורה. ווי מיינט איר, ר׳ מענדל, אידן האָבן טאַקע געדאַרפט מקבל זיין אויפ׳ן באַרג סיני די 10 געבאָט מיט די אַלע „לאַ׳ען״, אָדער זיי האָבן געדאַרפט זאָגן צו משה׳ן „לאַ מיט אַ ספּאָדיק״?

– איך האַלט – זאָגט ר׳ מענדל – אַז „מתן תורה״ איז ביים באַרג סיני אָרגאַניזירט געוואָרן ניט פּראַקטיש, ניט געשעפטסמעסיג.

אַז מ׳געהט, למשל, אַריין אין אַמעריקע, אָדער אין אַן אַנדער לאַנד, אין אַ מעבל־געשעפט, האָט דער קונה אַן אויסוואַל. וויל ער, קויפט ער מעבל פאַר דער גאַנצער דירה מיט אַמאָל, וויל ער קויפט ער בלויז אַ קאַוטש, אַ קאַפע־טישל, אָדער אַ לאָמפּ.

די ברירה איז ביים קונה אין דער האַנט.

אָט אַזוי האָט אויך געדאַרפט זיין ביי מתן־תורה. משה רבינו האָט געדאַרפט געבן די אידן די מעגליכקייט פון אַן אויסוואַל.

נעמט אַזאַ מענדל ווי איך בין, וואָלט איך אָנגענומען בלויז אַ טייל פון די 10 געבאָט. דעם „לא תגנוב״ וואָלט איך אָנגענומען. ביים „לא תרצח״ וואָלט איך געזאָגט „אָקעי״. אָבער ביים „לא תחמוד״ וואָלט איך געזאָגט „ניעט!״ וואָס איז? אַפילו בלויז גלוסטן טאָר מען אויך ניט?

אַנדערע אידן ווידער, וואָס האָבן „לאַנגע פינגער״, וואָלטן אפשר ניט איינגעהאַנדלט דעם „לא תגנוב״.

ווען משה רבינו וואָלט אַזוי געטאָן, וואָלט ער ניט געדאַרפט צעברעכן די

לוחות. איז דאָך אָבער משה ניט געווען קיין סוחר און האָט געזאָגט: „אָדער אַלץ אָדער גאָרניט!״ דעריבער האָט ער געמאַכט אַ תל פון די ביזנעס, און ער האָט געמוזט אָנקומען צו טעראָר. ער האָט געסטראַשעט אונזערע זיידעס, אַז אויב זיי וועלן ניט מקבל זיין די תורה, וועט ער זיי דערלאַנגען מיט׳ן באַרג אין קאָפּ אַריין!

ר׳ מענדל האָט טענות צו דער „הגדה של פסח״

פונקט חול המועד פסח האָט מיך מיין שכן ר׳ מענדל געכאַפּט אויף אַ שמועס, וועלכן איך גיב דאָ איבער כמעט וואָרט ביי וואָרט.

ע ר: גוט יום טוב ר׳ יאָסל. איצט, חול המועד פסח, וואָלט איך געוואָלט האָבן פאַר אייך אַ דין תורה מיט׳ן רעדאַקטאָר פון דער „הגדה של פסח״.

א י ך: וואָס פאַר אַ טענות האָט איר צום רעדאַקטאָר פון דער „הגדה״?

ע ר: איך האָב צו אים נישט איין טענה, נאָר עטלעכע טענות.

א י ך: דהיינו?

ע ר: קודם כל איז ער, נישט פאַר אייך געדאַכט, געווען אַ ליטעראַרישער פּלאַגיאַטאָר. ער האָט גענומען גאַנצע שטיקער פון דאַווענען, פון תהילים, האָט זיי אַריינגעשטעלט אין דער „הגדה״ און אפילו נישט אָנגעגעבן פונוואַנען ער האָט זיי גענומען.

א י ך: אמת איז עס טאַקע, אָבער מיר דאַכט זיך, אַז ער איז נישט אויסן געווען צו באַגיין אַ ליטעראַרישע גנבה. ער האָט זיך בלויז געוואָלט נוקם זיין אין די אַפּיקורסים. ער האָט געוואוסט, אַז די גרעסטע אַפּיקורסים, וואָס שמעקן נישט אַריין אין קיין שוהל, אפילו ראש השנה און יום כיפור — אפילו זיי, ווען עס קומט פסח, פּראַווען זיי דעם סדר מיט אַלע פּיטשעווקעס! איז געקומען דער רעדאַקטאָר פון דער „הגדה״ און האָט זיי אָפּגעטאָן אויף טערקיש: דו אַפּיקורס, דו ווילסט זיך פאַסמאַקעווען מיט די געשמאַקע קניידלעך? דו ווילסט זיך אָנטרינקען מיט די כרמל׳דיגע אַרבע כוסות? דו ווילסט זיך אָנעסן מיט פרישע געקאָכטע האַרטע אייער איינגעטונקען אין זאַלץ־וואַסער? מוזטו פריער אַריינכאַפּן אַ שטיק דאַווענען און אַ פּאָר קאַפּיטלעך תהילים!

ע ר: מילא, דאָס לייגט זיך אפשר אויף׳ן שכל. אָבער דאָס איז בלויז מיין ערשטע טענה צום רעדאַקטאָר פון דער הגדה. מיין צווייטע טענה איז אַ וויסנשאַפטליכע: פאַרוואָס האָט ער עפּעס פאַרוואַנדלט די „הגדה״ אין אַ מאַטעמאַטישן פאַקולטעט? פריער זאָגט ער אַז פרעה האָט אַריינגעכאַפּט 10

מכות. דערנאָך מאַכט ער פון די 10 מכות 50 און דערנאָך 250. ווי קומט עפּעס ח ש ב ו ן אין דער „הגדה" אַריין?

א י ך: דאָס איז אפשר אַן אָנצוהערעניש צו די אידן וואָס לעבן איבער זייער כוחות, אַז זיי זאָלן לעבן מיט ח ש ב ו ן, אויב נישט, וועלן זיי אויף דער עלטער, נאָכן, ריטאַיערן, האָבן מ כ ו ת!

ע ר: איצט, ר' יאָסל, האָב איך צום רעדאַקטאָר פון דער „הגדה" די סאַמע וויכטיגסטע טענה: פאַרוואָס האָט ער אַזוי פאַרשעמט דעם „שאינו יודע לשאול" און האָט אים אַוועקגעשטעלט דעם לעצטן? דעם „שאינו יודע לשאול" קומט דאָך דער אויבנאָן! ווען מ'קומט היינט אַריין אין די הויכע מקומות סיי אין וואַשינגטאָן, סיי אין ניו יאָרק, טרעפט מען אויף יעדן חכם 40 שאינו יודע לשאול'ס. אפילו אין די אידישע אינסטיטוציעס טרעפט מען אַ מנין שאינו יודע לשאול'ס אויף איין חכם. אין די קאָלעדזשעס און אוניווערזיטעטן, וואָס דאַרפן זיין צענטערס פון חכמה און וויסנשאַפט טרעפט מען גענוג פּראָפעסאָרן מיט לאַנגע האָר און קורצן שכל, וואָס פאַרשפּרייטן מער „שאינו יודע לשאוליזם" ווי חכמה, טאָ פאַרוואָס האָט מען געשטעלט אין דער „הגדה" דעם חכם פון אויבן און דעם שאינו יודע לשאול פון אונטן? וואו איז כ'לעבן דעמאָקראַטיע?

א י ך: איך מיין, ר' מענדל, אַז דער רעדאַקטאָר פון דער „הגדה" איז דאָ גאָרנישט שולדיג. ער האָט זיך געפירט ווי ביי פּובליסיטי: די סטאַרס פון טעאַטער שטעלן זיי פון אויבן און דעם אַנסאַמבל רעכענען זיי אויס לויט'ן אלף בית. מעג אַן אַקטיאָר זיין די גרעסטע קאַליקע, אויב זיין פאַמיליען-נאָמען הויבט זיך אָן מיט אַן אלף, שטייט ער אויבענאָן. אַזוי פירן זיך אויך די רעדאַקטאָרן פון דער אידישער פּרעסע ווען זיי רעכענען אויס זייערע שרייבערס. פאַרוואָס מיינט איר, ר' מענדל, האָבן זיי שטענדיג אויסגערעכנט שלום אַש'ן דעם ערשטן? ווייל „אַש" הויבט זיך אָן מיט אַן אלף! דאָס זעלבע איז מיט באַשעוויס'ן און מיט חיים ג ר אַ ד ע. זיי ראַטעוועט דאָס, וואָס זיי הויבן זיך אָן מיט אַ „בית" און מיט אַ „גימל", מיט די ערשטע אותיות פון אלף בית, דעריבער גיט מען זיי דעם אויבנאָן. ווען ס'איז געקומען אויסצורעכענען די „ארבעה בנים" ביים סדר, האָט מען זיי געשטעלט לויט'ן זעלביגן סדר, לויט'ן סדר פון אלף-בית. צו דעם, ר' מענדל, האָט קיינער נישט קיין עצה.

ע ר: אָבער איך, ר' יאָסל, האָב יאָ אַן עצה. איך האַלט אַז אין די נייע הגדות וואָס מ'וועט דרוקן, דאַרף מען נישט דרוקן „שאינו יודע לשאול", נאָר „אינו יודע לשאול", מיט אַן „אלף". און אויב זיין נאָמען וועט זיך אָנהויבן מיט אַן „אלף", וועט מען אים אַוועקשטעלן דעם ערשטן!

אַ שמועס מיט ר׳ מענדל׳ן ביים בויען אַ סוכה

מיין שכן מענדל איז אַ איד וואָס מ׳מעג עסן פון זיין פענדל. ער איז אַ איד צו גאָט און צו לייט, אַ איד אַ בן־תורה וואָס פאַרפעהלט נישט קיין מנחה, אַ איד וואָס זאָגט אַ גלייכווערטל און דוקא אָן אייגענס. בקיצור, כ׳האָב מיט אים זיך נישט צו שעהמען. הלוואי זאָלן אַלע אידן האָבן אַזעלכע שכנים!

טרעף איך צומאָרגענס נאָך יום כיפור מיין שכן ר׳ מענדל ווי ער אַרבעט מיט׳ן גאַנצן כוח ביים אַריינקלאַפּן אַ פלאָקן אין סוכה און כ׳לאָז זיך מיט אים אַריין אין אַ שמועס. אָט דעם שמועס גיב איך דאָ איבער, ממש ווי מ׳וואָלט אים אויפגעכאַפּט אויפ׳ן טעיפּ־רעקאָרדער:

א י ך: גוט מאָרגן ר׳ מענדל, אַ גוט יאָר. ווי האָט זיך עפּעס געפאַסט? ווי האָט זיך עפּעס געדאַוונט?

ע ר: כ׳וועל אייך זאָגן דעם אמת, ר׳ יאָסל, ס׳דאַוונען ווי ס׳דאַוונען, נאָר ווען ס׳איז געקומען צו די „על חטא׳ן" איז מיך באַפאַלן אַ שטיקל מורא.

א י ך: אַזויפיל האָט איר אָנגעזינדיגט, ר׳ מענדל?

ע ר: פאַרקערט, ס׳איז מיך באַפאַלן אַ פחד, ווייל כ׳האָב כמעט אינגאַנצן נישט געזינדיגט. כ׳האָב מיר געטראַכט אַז מיט׳ן גאַנצן „על חטא" מיינט מען נישט מיך, און איך קלאַפּ מיר אין האַרץ אַריין פאַר פרעמדע עבירות. מיין תפילה איז דעריבער אַ „תפילה לבטלה". אויב ס׳איז אַן עבירה ווען מ׳מאַכט אַ „ברכה לבטלה", איז דאָך נאָכמער עבירה צו דאַוונען אַ גאַנצע „תפילה לבטלה"!

א י ך: שייך צו זאָגן, ר׳ מענדל, אַז איר האָט אַ גאַנץ יאָר נישט געזינדיגט? אפשר האָבן זיך ביי אייך אין קיך אַמאָל אויסגעמישטביידע געפעסן?

ע ר: קענט איר נישט מיין ווייב, ר׳ יאָסל. מיינע איז אַזוי פרום, אַז פון מילכיגן געפעס ביז׳ן פליישיגן דאַרף מען ביי מיר אין קיטשן פאָרן אויף אַ בייסיקל.

א י ך: כ׳וויס, אפשר זענט איר געשטרויכלט געוואָרן און געגעסן אַ שטיקל פלייש וואָס איז נישט גלאַט־כשר? ס׳איז דאָך אַמעריקע!

ע ר: פאַר דעם בין איך פאַרזאָרגט. כ׳בין אויף אַזאַ שטרענגן דאַיעט, אַז כ׳לעב בלויז אויף מילך מיט רייז און סוויט קרים. בקיצור, ר׳ יאָסל דער יצר הרע ליגט ביי מיר 9 איילן אין דער אדמה. מיין טלית מוז מען יעדן נאָך יום כיפור געבן צום כינעזער אין לאָנדרי, אַזוי פאַרפלעקט ווערט ער פון טרערן.

שבת גיי איך נישט פאַרביי אַ גאַס וואו ס׳געפינט זיך אַ סאָבוועי־סטאַנציע, אַזוי ווייט בין איך פון חילול שבת. פון מיין מויל גייט נישט אַרויס קיין וואָרט ליגן, אַפילו ביים אויפגעבן אינקאַם־טעקס. איך וויל נישט זינדיגן אַפילו מיט די אויגן. אויב מ׳ווייזט אויף טשענעל 2 אַ טענצערין אין אַ מיני־דרעס, דריי איך איבער אויף טשענעל זיבן.

אי ך: אויב אַזוי, זאָגט־זשע אפשר נישט דעם „על חטא״!

ע ר: וואָס רעדט איר, כ׳וועל דורכלאָזן די שענסטע תפילה!...

אי ך: יאָ זאָגן „על חטא״ טויג נישט, נישט זאָגן טויג אויך נישט. טאָ וואָס־זשע פאַר אַן עצה איז פאַראַן, ר׳ מענדל?

ע ר: איך וואָלט געהאַט אַן עצה. איך טראַכט, אפשר דאַרף מען מיט׳ן „על חטא״ טאָן ס׳אייגענע וואָס מיט׳ן „ביעור חמץ״? פאַר ביעור־חמץ לייגט מען אויס אומישנע ברויט, כדי מ׳זאָל שפּעטער נישט מאַכן קיין „ברכה לבטלה״. אפשר דאַרף מען אַזאַ מין מנהג אויך איינפירן צו די ימים נוראים? פאַר די פאָרכטיגע טעג דאַרף מען אונז פרומע אידן, הייסן אַ קאַפּיטשקע אונטערזינדיגן, כדי ווען זיי וועלן זיך קלאַפּן „על חטא״, זאָל עס נישט זיין קיין „תפילה לבטלה״.

וואָס זאָגט ר׳ מענדל נאָך קיסינדזשער׳ס וויזיט אין מאָסקווע?

ווער מיין שכן ר׳ מענדל איז, ווייסט מען גאַנץ גוט.

ר׳ מענדל איז אַ איד אַ קאָפּ־מענטש, אַן אויפטוער, אַ גאון. ווען מען זעצט אים אַריין אין „טשעיז מאַנהעטן בענק״, וואָלט ער ראַקעפעלערן געמאַכט פאַר אַ גביר.

ווען מ׳זעצט ר׳ מענדל׳ען אַריין אין קאָלאָמביאַ אוניווערזיטעט, וואָלט דאָרט פאַרשוואונדן די הפקרות, די אַנאַרכיע. עס וואָלט געהערשט אַן אייזערנע דיסציפּלין: די פּראָפעסאָרן וואָלטן געפאָלגט אַלץ, וואָס די סטודענטן הייסן.

ווען מ׳שיקט ר׳ מענדלען קיין מאָסקווע, אַנשטאָט קיסינדזשער׳ן, און ר׳ מענדל זעהט, ווי אַלטע באָבעס קערן דאָרט די גאַסן מיט בעזימס, וואָלט ער דאָרט געקערט וועלטן.

איך גלויב, אַז איר האָט שוין אַ שטיקל באַגריף „הו איז הו״, ווער ס׳איז ר׳ מענדל. איך האָב אָבער פאַרגעסן צוצוגעבן, אַז די הויפּט מעלה פון דעם ר׳ מענדל איז, וואָס ער האָט אַ חוש פאַר הומאָר.

אנומעלטן הערט זיך אַ קלונג ביי מיין טיר. נאָכדעם ווי כ׳האָב דורכ׳ן

געהיימניספולען אויג פון דער טיר פעסטגעשטעלט, אַז ס׳איז ניט קיין האָלדאַפּניק, קיין בוירגלער, האָב איך ריזיקירט און געעפנט די טיר און כ׳האָב מקבל פנים געווען מיין שכן ר׳ מענדל מיט אַ סקאַצל קומט.

איך האָף, אַז מען וועט מיך ניט משפט׳ן פאַר פאַרעפנטליכן „קלאַסיפאַיד אינפאָרמעישאָן״, אויב איך וועל איבערגעבן אין מיין קאָלום מיין שמועס מיט ר׳ מענדל׳ען.

א י ך: וואָס זאָגט איר, ר׳ מענדל, צום וויזיט פון אונזער הענרי אין מאָסקווע?

ע ר: וואָס זאָל איך זאָגן? ס׳איז געווען אַזוי ווי אין חומש שטייט „בגפּו יבוא ובגפּו יצא״. פאַר רוסלאַנד פאַסט זיך אפשר בעסער צו זאָגן: „בגע־פּע־או יבוא ובגע־פּע־או יצא״. וואו ער איז געגאַנגען, איז מען אים נאָכגעגאַנגען. ניט בלויז אים, אפילו אונזערע טי־ווי זשורנאַליסטן האָט מען אויך געהיט.

א י ך: עפּעס רעדט איר, ר׳ מענדל, מיט גרינגעשעצונג וועגן הענרי׳ס היסטאָרישן וויזיט אין מאָסקווע. אָבער איר מוזט דאָך מודה זיין, ר׳ מענדל, אַז מ׳האָט דאָרט אויפגעטאָן וויכטיקע זאַכן. אָט האָבן מיר געמאַכט אַן אָפּמאַך וועגן אויסטויש פון קונסט!

ע ר: אַזאַ אָפּמאַך איז דאָך שוין פאַראַן! מיר טוישן זיך אויס מיט קלעזמאַרים. מאָסקווע פירט אַריין טשאַיקאָווסקי׳ן קיין ניו יאָרק, ניו יאָרק ווידער פירט צוריק אַרויס טשאַיקאָווסקי׳ן קיין מאָסקווע. זייערע קלעזמאַרים לייגן אונז אַוועק מיט טעכניק, לייגן אונזערע קלעזמאָרים אַוועק זייערע מיט טאָן. אָבער מיט בלויז טאָן, קאָן מען גאָרנישט טאָן. זיי שיקן אונז זייערס אַ „אידל מיט׳ן פידל״ שיקן מיר זיי צוריק אונזערס אַ „אידל מיט׳ן פידל״.

א י ך: איר רעדט בלויז וועגן אויסטויש מיט שפּילערס און וועגן די אנדערע אויסטוישן האָט איר פאַרגעסן?

ע ר: איר מיינט מסתם, ר׳ יאָסל, דעם אויסטויש מיט טענצערס? אויך די אייגענע מעשה: זיי שיקן אונז אַריין מאָיסעיעווס טענצערס, שיקן מיר זיי צוריק דעם סיטי־באַלעט. אויב מאָיסעיעווס כעוורע שפּרינגען ביז צו דער סטעליע, שפּרינגען אונזערע ביז צום דאַך און אפילו ביז צום „פידלער אויפ׳ן דאַך״. ווען מ׳וועט אַזוי שפּרינגען פון היינט ביז מאָרגן וועט מען דעם קלענסטן קריזיס ניט אַריבערשפּרינגען.

א י ך: איך זעה, ר׳ מענדל, אַז מיט קיסינדזשער׳ן זענט איר ניט באַגייסטערט. טאָ ווי זשע וואָלט געווען דער דין ווען מ׳שיקט אייך קיין מאָסקווע, וואָלט איר מער אויפגעטאָן?

ע ר: כ׳מיין אַז יאָ. קודם כל וואָלט איך געמאַכט אַן אַנאַליזע און די

אַנאַליזע וואָלט פעסטגעשטעלט, אַז פּאָליטיק מיט עקאָנאָמיע זיינען געקניפּט און געבונדן. ביידע גרויסמאַכטןליידן פון איין זאַך, פון דער אכילה. די צרה איז, וואָס אַמעריקע האָט צופיל צו עסן און סאָוועט־רוסלאַנד האָט צו ווייניג צו עסן. די באַפעלקערונג פון רוסלאַנד איז אָדער מילכיג אָדער פליישיג. זעלטן ביידע צוזאַמען. איצט, למשל, שרייבט די פּרעסע, אַז עס איז דאָרט דאָ גענוג מילך, אָבער פלייש איז דאָ קנאַפּ, און אַנשטאָט בהמה־פלייש עסט מען פלייש פון פייגל. הכלל ס׳איז דאָרט נישט פויגעלדיג. צוליב דער דאָזיקער לאַגע, וואָס ביי אונז איז דאָ צופיל און דאָרט צו־ווייניג, הויבט זיך דאָרט דער אימפּאָרט פון פּראָדוקטן און ביי אונז פאַלן די סטאַקס און מ׳האָט מורא פאַר אינפלאַציע, איך האָב אָבער דערצו אַ מיטל.

א י ך: וואָס איז אייער מיטל, ר׳ מענדל?

ע ר: מיין מיטל איז... אויסטויש!

א י ך: ווידער אויסטויש?

ע ר: אַוודאי אַן אויסטויש. אָבער נישט קיין אויסטויש מיט טענצערס און קלעזמאָרים, נאָר אַן אויסטויש פון פויערים, פון ערד־אַרבעטער. איך וואָלט געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט דעם ברעזשניעוו, אַז אַמעריקע זאָל אים שיקן אונזערע פאַרמערס און ער זאָל אונז שיקן זיינע קאָלכאָזניקעס. דאַמאָלס וועלן ביידע לענדער געהאָלפן ווערן מיט איין קלאַפּ: ביי זיי וועט וואַקסן מער און ביי אונז וועט וואַקסן ווייניגער און ביי ביידן וועט אַראָפּ אַן עול פון קאָפּ!

אַ שמועסל מיט ר׳ מענדלען וועגן דער וועלט־לאַגע

אָט איז אונזער שמועסל:

א י ך: וואָס הערט זיך עפּעס, רב מענדל?

ע ר: בנאמנות, ווי ס׳איז שוין ניטאָ קיין כוח אויסצוהאַלטן. איך שלאָף ניט גאַנצע נעכט.

א י ך: וואָס לאָזט אייך נישט שלאָפן, רב מענדל?

ע ר: ווי קאָן מען שלאָפן ווען מ׳איז קיין איין מינוט ניט זיכער מיט׳ן לעבן. מ׳קען מיט די אָנגעזאַמלטע אַטאָם־באָמבעס חרוב מאַכן די גאַנצע וועלט!

א י ך: וואָס־זשע קען מען טאָן דערצו? ס׳איז דאָך ניטאָ קיין עצה.

ע ר: איך האַלט, אַז ס׳איז יאָ דאָ אַן עצה. איידער צו לעבן אין אַזאַ שטענדיגער שרעק, איז גלייכער מיטאַמאָל צו מאַכן אַ סוף! איך האַלט, אַז מ׳דאַרף איינמאָל פאַר אַלעמאָל נעמען די באָמבעס און וואַרפן! איך אַליין

וואָלט זיך פריווויליג געמאָלדן מיט מיינע אייגענע הענט צו וואַרפן די באָמבעס!

א י ך: כ'האָב גאָרניט געוואוסט, אַז איר זענט אַזאַ ראַזבאָיניק, ר' מענדל! וואו וואָלט איר געוואָרפן די באָמבעס?

ע ר: ס'הייסט וואו? אין ים אַריין! אויב מ'וועט זיי ניט וואַרפן אין ים אַריין באַצייטנס, וועט מען זיי וואַרפן אונז אין קאָפּ אַריין!

א י ך: אויב איר זאָגט „אין ים אַריין", איז מיר אַראָפּ אַ שטיין פון האַרץ. אייער פּלאַן, רב מענדל, וואָלט מיר גאַנץ גוט געפעלן געוואָרן ווען אין מאָסקווע וואָלט זיך אויך געפונען אַ „ר' מענדל" וואָס וואָלט געטאָן מיט די סאָוועטישע באָמבעס דאָס וואָס איר ווילט טאָן מיט די אַמעריקאַנער באָמבעס און עס וואָלט גוט געווען ווען אין פּעקין וואָלט אויך געווען אַזאַ „ר' מענדל".

ע ר: פונוואַנען ווייסט איר אַז אין מאָסקווע געפינט זיך ניט אַזאַ „ר' מענדל"?

א י ך: אויב ס'געפינט זיך אין מאָסקווע אַזאַ „ר' מענדל" איז אייך אַלץ בעסער ווי אים. איר, אַז איר האָט אַ פּלאַן מיט באָמבעס, קומט איר צו אַ שרייבער פון „פאָרווערטס" און לעגט אים פאָר אייער פּלאַן. אָבער לאָמיר זעהן, אַז דער מאָסקווער „ר' מענדל" זאָל מיט זיין פּלאַן געהן צו דער „פּראַוודאַ"?!

וואָס איז פאָרגעקומען אין מאָסקווער קרעמל?

אנומלט קומט צו מיר אַריין מיין שכן ר' מענדל מיט אַ „ניו יאָרק טאַימס" אין האַנט און זאָגט: אָט דאָ איז באַשריבן ווי אַזוי ברעזשניעוו האָט אויפגענומען קיסינדזשער'ן אין מאָסקווע. איך האַלט אַז די „טאַימס" ווייסט גאָרנישט מיט גאָרנישט. איך ווייס בעסער וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען.

א י ך: אַדראַבע, לאָמיר הערן פון אייך!

ע ר: דאָס ערשטע איז פאָרגעקומען, ווי דער שטייגער איז, אַ באַנקעט. נאָכ'ן באַנקעט, ווען ביידע, סיי לעאָניד ברעזשניעוו, סיי הענרי קיסינדזשער, זענען שוין געווען גוט פאַרשניאַקעט האָט לעאָניד אריינגערופן הענרי'ן אין אַ חדר מיוחד, הינטער פעסט פאַרשלאָסענע טירן און צווישן זיי איז פאָרגעקומען אַזאַ מין שמועסל:

ל ע אָ נ י ד: איר פאַנימאַיעט דאָך אַליין, מיסטער הענרי, אַז איך האָב אייך ניט מטריח געווען אַזש פון וואַשינגטאָן בלויז כדי צו טרינקען וואָדקאַ און צו

עסן אַסטראַכאַנער איקרא. ווייסט איר, מאָלאַדאָי טשעלאָוויעק, צו וואָס איך האָב אייך פריגלאַשעט קיין מאָסקווע?

ה ע נ ר י: נאָ, סער!

ל ע אָ נ י ד: טאָ לאָזט־זשע אייך אָביאַסניאַיען ווי טשאָם דיעלאָ: איר האָט דאָך מסתם געהערט אַז ס'איז פאַראַן אַ מעגילע פון אַ יעווערעיקאַ עסטער. שטעהט דאָרט אין יענער קניגא, אַז דער צאַר אחשורוש האָט געמאַכט אַ ראָסקאָשני באַל אין זיין רעזידענץ שושן הבירה־בידזשאַן, פונקט ווי מיר האָבן דאָ געמאַכט פאַר אייך אין מאָסקווע. צום באַל האָט צאַר אחשורוש פריגלאַשעט ניט בלויז אַלע מיניסטאָרן און נאַטשאַלניקעס, נאָר אויך אַלע זאַגראַניטשנע אויסלענדער, ספּעציאַלנאָ כדי זיי צו ווייזן זיין גאַנצע באָגאַטסטווא און זאָלן זיי ציטערן פאַר זיין דוך. אַזוי טוען מיר אויך, מיסטער! מיר האָבן אַייך פריגלאַשעט, אַייך צו ווייזן אונזער גאַנצע וואָיענע באָגאַטסטווא, כדי איר, קאַפּיטאַליסטן, זאָלט אַייך היטן די ביינער און איר זאָלט פאַרלירן דעם חשק צו אונזער לאַנד. צאַר אחשורוש האָט אויפ'ן זעלבן באַל געהייסן קומען די צאַריצאַ ושתי, די פּערסישע יעקאַטערינאַ, אַ ניט־אָנגעטוענע, כדי אַלע זאָלן זעהן דעם נאַקעטן אמת. מיר, מיסטער הענרי, ווילן אַייך אויך ווייזן דעם נאַקעטן אמת: איר זעהט אָט דעם מאָדל פון אונזער נייעסטן קריגס־ראַקעט? מיר האָבן ערשט היינט איבער אים געמאַכט אַ שהחיינו. ער פליהט שנעלער ווי אַ בליץ און העכער ווי די לבנה! יעי באָגו! כ'בין אַייך ניט אויסן צו סטראַשען, נאָר אויב ער זאָל זיך באַווייזן איבער ניו יאָרק, איז קאַפּוט מיט וואָל־סטריט.

ה ע נ ר י: נעווערמאַינד, טאַוואַרישטש לעאָניד! אויב איר וועט אָנקוקן דעם מאָדל פון אונזער נייסטן קריגס־ראַקעט, וועט זיך ביי אַייך שאָקלען אַן אויג. די אַלע קונצן וואָס אייער ראַקעט באַווייזט, באַווייזט אונזערער טוואַיס עז מאָטש. ווען אונזער ראַקעט, „נאַק וואוד", זאָל זיך באַווייזן איבער מאָסקווע, וועט דאָס פייער דערגרייכן ביז טאַשקענט.

ל ע אָ נ י ד: ניע פוגאַי, מיסטער. גיב בעסער אַ בליק אויפ'ן מאָדעל פון יענעם וואַסער־באָמבעלע אונטער'ן גלאָז! איך מיין דיך ניט צו סטראַשען, מיסטער, נאָר, יעי באָגו, ווי אָט דאָס באָמבעלע קאָן אַוועקלייגן מיט איין קנאַק צוויי און פערציג מיליאָן קאַפּיטאַליסטן!

ה ע נ ר י: ניטאָ ווער ס'זאָל לאַכן! אויך מיר אַ באָמבע צום טיש! מיר האָבן אַ באָמבע וואָס קאָן מיט איין קלאַפּ אַוועקלייגן אַכט און זיבעציג מיליאָן קאָמוניסטן מיט אַזוי־גערופענע „אומפּאַרטייאישע קאָמוניסטן" אַריינגערעכנט. אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ, קאַמרעיד! מיר האָבן אַ באָמבעלע

וואָס קאָן אַוועקלייגן זעקס מיליאַרד מענטשן מיט איין מאָל!

ל ע אָ נ י ד: צו וואָס דאַרפט איר אַזאַ באָמבע? אויף דער וועלט זיינען דאָך מער ניטאָ ווי דריי מיליאַרד מענטשן?

ה ע נ ר י: וועט יעדער מענטש אומקומען צוויי מאָל!

ל ע אָ נ י ד: מעגסט מיר גלויבן, צוציק, אַז איך לאָך מיך אויס אַפילו פון דיין זעקס מיליאַרדיגע באָמבע אויך. איך האָב אַ וואַסער־באָמבע פון אַזאַ מורא'דיגער קראַפט, אַז די באָמבע קאָן ניט בלויז טויט־מאַכן לעבעדיגע, נאָר זי קען לעבעדיג מאַכן טויטע!

ה ע נ ר י: טאָ פאַרוואָס וואַרפסטו ניט די באָמבע?

ל ע אָ נ י ד: כ'האָב מורא צו וואַרפן, ווייל סטאַלין קאָן נאָך, חלילה, אויפשטעהן תחית המתים!

אַ גרינער וואָס האָט מזל צו משפחה

(הומאָרעסקע)

צו אַלעם דאַרף מען האָבן מזל, אפילו צו משפחה. אָט קומט אַ גרינער קיין אַמעריקע, האָט ער דאָ קיינעם נישט — נישט קיין קרוב, נישט קיין פריינט. ער איז עלענד ווי אַ שטיין. איז טאַקע אָך און וויי צו זיין לעבן.

קומט אַ צווייטער גרינער קיין אַמעריקע, האָט ער שוין יאָ דאָ משפחה. אָבער וואָס פאַר אַ משפחה? בלויז קבצנים, דלפנים — איז אויך אָך און וויי צו זיין לעבן!

אָבער מיר איז וואויל, מיר איז גוט. ווער קען זיך צו מיר גלייכן? אַז איך בין אַראָפּ פון שיף, האָב איך געהאַט אַן אוצר אין קעשענע: איך האָב געהאַט אַדרעסן צו דריי פעטערס!

אַזוי האָט מיר דערציילט אַ איד וואָס מיט יאָרן צוריק אָנגעקומען קיין אַמעריקע און באַלד צוגעגעבן: איר זענט דאָך אַ זשורנאַליסט, אויב איר ווילט קענט איר מיט מיר האָבן אַן אינטערוויאו ווי אַזוי די דריי פעטערס האָבן מיך באַהאַנדלט?

א י ך: אַדעראַבע, דערציילט!

ע ר: ווען איך בין אָנגעקומען צו מיין ערשטן פעטער, איז אין הויז געוואָרן לעבעדיק. מיין פעטער, דאַרפט איר וויסן, איז אַ איד, וואָס חוץ זיין שאָדן, אויף אונז ביידן געזאָגט געוואָרן!

א י ך: איז דאָך גוט.

ע ר: עס וואָלט טאַקע געווען גוט. וואָס קומט אָבער דערויס, אַז ער האָט פיינט שיפן! ווען איך האָב צו אים גערעדט וועגן אַ פּאָר טאָלער, איז ער געוואָרן אויס מענטש און געשריבן: אַן אומגליק אויף די שיפן! ווער האָט דאָס אויסגעטראַכט שיפן, ווער? יעדע שיף מיט גרינע ברענגט מיר אַ נייע משפחה. און יעדער וויל איך זאָל אים העלפן. די האַנט טוט דאָך מיר שוין ווי פון געבן! נאָך אַ גליק וואָס גיב נישט!...

א י ך: האָט איר דאָך דעם אמת'ן פעטער! ווי הייסט ער?

ע ר: ער הייסט אַז איך זאָל מער נישט קומען צו אים. מילא, אַז מען הייסט נישט קומען, איז נישט. בין איך אַוועק צו אַ צווייטן פעטער. זעהט איר, דער צווייטער פעטער איז שוין אַ גאַנץ אַנדער מענטש, אַ וואוילער מענטש. נאָר ער איז נעבעך אַ געשטראָפּטער: די הענט ציטערן ביי אים. דאָס הייסט, אַזוי ציטערן זיי נישט, נאָר אַז עס קומט צו געבן אַ פּאָר טאָלער, ציטערן זיי.

א י ך: האָט איר דאָך צוויי וואזשנע פעטערס! איר מעגט זיך מיט זיי רימען!

ע ר: אַוודאי מעג איך מיך מיט זיי רימען. זיי זיינען טאַקע צדיקים.

א י ך: אַזוי גאָר? צדיקים זיינען זיי?

ע ר: אַנטקעגן דעם דריטן פעטער, צו וועלכן כ'האָב שפּעטער אַריינגעטראַפן, זיינען די ערשטע צוויי צדיקים...

א י ך: וואָס קען שוין זיין ערגער פון די ערשטע צוויי?

ע ר: די ערשטע צוויי האָבן כאָטש מיט מיר גערעדט. דער דריטער פעטער אָבער איז געזעסן ווי אַ ליימענער גולם און געשוויגן.

א י ך: פאַרוואָס האָט ער עפּעס געשוויגן?

ע ר: אין אָנהויב האָב איך אַליין אויך ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס ער שווייגט. נאָר די מומע האָט מיר אויסגעטייטשט און געזאָגט:

– יאָסל, דאַרפסט נישט קיין פאַריבל האָבן אויף דיין פעטער. ער איז אַ גאַנץ גוטער מענטש, אַ דימענט זאָג איך דיר. נאָר איין חסרון האָט ער: ער איז נעבעך קאַרג. ער איז אַזוי קאַרג, אַז ער איז קאַרג אויף אַ וואָרט. וואָס ווייסטו וועגן זיין קאַרגשאַפט? ער איז אַזוי קאַרג, אַז איין „טי בעג" נוצט ער אַ גאַנץ יאָר, און אַז ס'קומט ערב פסח, הייסט ער מיר אויפשרייבן אויפ'ן „טי בעג" „כשר לפסח" און ער נוצט אים ביז שבועות! דו מיינסט אַז ער וואָלט דיר נישט געגעבן קיין געלט? ער האָט גענוג געלט – אויף דיר געזאָגט אַ צענטל. נאָר ער האָט עס נישט אין דער היים; ער האָט עס ליגן אין באַנק.

– קאָן ער דאָך מיר אויסשרייבן אַ טשעקל – זאָג איך דער מומען.

– ער וואָלט עס געטאָן – שטאַמלט די מומע, – נאָר ס׳איז אַ שאָד טינט.

* * *

אויסהערענדיג די שילדערונג פון דעם איד, האָק איך אים איבער און פרעג אים:

– איין זאַך איז מיר אַ וואונדער: אויב אייער פעטער איז אַזאַ קאַרגער, ווי אַזוי קאָן אייער מומע מיט אים לעבן?

– פאַרוואָס זאָל זי נישט קענען מיט אים לעבן? – ענטפערט דער דערציילער. – מיין מומע איז נאָך קאַרגער פונ׳ם פעטער.

– פונוואַנען ווייסט איר?

– כ׳האָב עס אַליין באַמערקט ווען איך בין געשטאַנען מיט איר אין קיטשן. אַלץ איז איר אַ שאָד, אַפילו געז איז איר אַ שאָד. ווען דער פעטער בעט איר אַ גלאָז טיי, שטעלט זי אַרויף אַ טשייניק וואַסער און זי אַליין הויבט באַלד אָן צו פייפן, כדי דער פעטער זאָל מיינען אַז דער טשייניק האָט שוין געקאָכט...

די גט־עפּידעמיע אין אַמעריקע

אָט וואָס מיין שכן אין מיאַמי אַ איד אַ לץ דערציילט מיר.

– איך בין געווען איינגעלאַדן דאָ אין מיאַמי ביטש אין אַ לוקסוס׳דיקן קאָנדעמיניום, וואָס האָט דריי „סווימינג־פּולס״, איין סווימינג־פּול מיט קאַלט וואַסער, איין סווימינג־פּול מיט וואַרעם וואַסער און איין סווימינג־פּול אינגאַנצן אָהן וואַסער (פאַר אַזעלכע וואָס קענען נישט שווימען).

אַרום די סווימינג־פּולס זענען ווייבער געלעגן אין די באָד־קאָסטיומען און געכאַפּט אַ שמועסל וועגן פאַמיליען־לעבן אין אַמעריקע.

רופט זיך אָפּ אַ ווייבל:

– וואָס עס טוט זיך היינט אָפּ אין דעם אַמעריקע מיט די גט׳ן, איז דאָך נישט אויסצוהאַלטן! יעדע דריי חתונות ענדיקן זיך מיט פיר גט׳ן. אָט האָט מיין שכנ׳טע דריי טעכטער, אַלע דריי האָבן אין די לעצטע פיר יאָר חתונה געהאַט. האָבן זיך אַלע דריי טעכטער שוין געג׳גט!

– פאַרוואָס האָבן זיי זיך געג׳גט? – פרעגן זיך די אַנדערע ווייבער –

– איין טאָכטער האָט זיך געג׳גט צוליב אַ „קראָס״. איר מאַן איז, נישט פאַר אונז געדאַכט, געוואָרן פאַרקאָכט אין דער באַוועגונג „דזשוס פאַר דזשיזעס״ און ער האָט זיך אָנגעטאָ אַ „קראָס״ אויפ׳ן האַלדז. האָט די טאָכטער דאָס נישט געוואָלט ליידן און זי האָט זיך געג׳גט.

– און פאַרוואָס האָט זיך גע׳גט די צווייטע טאָכטער? – פרעגן די אַנדערע ווייבער.
– אויך צוליב אַ „קראָס״! איר שוויגער האָט געוואוינט „אַקראָס״ דהי׳ סטריט פון איר אַפּאַרטמענט.
–פאַרוואָס־זשע האָט זיך די דריטע טאָכטער גע׳גט מיט איר מאַן? אויך צוליב אַ קראָס?
– ניין, צוליב אַ „דאָבל קראָס״!
– וואָס איז? זי האָט אים געכאַפּט אַרויסגיין פון אַ פרויענצימער?
– ניין, ער האָט זי געכאַפּט אַרויסגיין פון אַ מענער־צימער!...

ווי זעהן אויס אונזערע טרויער־אַקאַדעמיעס נאָך דעם חורבן־אייראָפּע?

אַזויפיל טרויריקע יאָרן און יאָרן זענען שוין אַוועק זייט דעם גרויזאַמען חורבן פון אייראָפּעאישן אידנטום און עס איז נאָך אַלץ, ביז איצט נישטאָ קיין איינהייטליכער יזכור־טאָג פאַר דער גאַנצער אידישער וועלט.

ווען די אַמאָליגע אידן וואָלטן זיך אַזוי געפירט ווי די היינטיגע אידן, וואָלטן מיר מן הסתם געהאַט דריי תשעה באב׳ס, פינף חנוכה׳ס א. א. וו.

דער רעזולטאַט פון אונזער צעשפּליטערונג איז, אַז גרויסע טיילן אידן זיינען פולשטענדיג דעזאָריענטירט צוליב די צוויי יזכור־דאַטעס און זיי היטן ניט אָפּ קיין איין דאַטע.

נישט בלויז איז נישטאָ קיין איינהייטליכער יזכור־טאָג, נאָר ס׳איז נאָך אַלץ ניט געשאַפן געוואָרן קיין איינהייטליכער נוסח ווי אַזוי צו פאַרהייליגן דעם אָנדענק פון אונזערע מיליאָנען קדושים.

די טרויער־אַקאַדעמיעס זיינען אָפטמאָל אַ פלאָץ וואו ניט באַרופענע רעדנערס זוכן פאַר זיך פובליסיטי און טרעסטן אַרויס מיט פוסטע דרשות. עס רייסן זיך דאָרט אויפצוטרעטן זינגער, דעקלאַמאַטאָרן און אַקטיאָרן, וואָס פּאַסן זיך צו אַזעלכע טרויער־מיטינגן ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט. מען מאַכט פון אונזער נאַציאָנאַלן טרויער אַ קאָנצערט, אָדער אַ טעאַטער־שפּיל.

דער איינציגער אויסנאַם, לויט מיין מיינונג, איז געווען דער גרויסער בונדישער גאַסן־מאַרש, וואָס איז פאָרגעקומען אין ניו יאָרק צום 20טן יאָרטאָג פון געטא־אויפשטאַנד. איך בין ניט קיין בונדיסט, אָבער אויף יענעם מאַרש בין

איך מיטגעגאַנגען, ווייל ער איז געווען אַ ווירדיגער אויסדרוק פון באַערן אונזערע קדושים, וואָס איך האָב פריעהר זעלטן ביי־געוואוינט.

צי איז ניט מעגליך זיך צוזאַמענצוקומען און אויסצואַרבעטן עפּעס אַן ענליכן אופן אָדער אַן אַנדער ווירדיגן נוסח פון אַ געדענק־טאָג נאָך די קדושים ?

דער דיכטער און עסייאיסט מלך ראַוויטש פּרעדיגט צו שאַפן איצט אַ נייעם תנ"ך. מיר זיינען שוין מוחל אַ נייעם תנ"ך, לאָמיר כאָטש שאַפן אַ נייעם איכה נאָך אונזער לעצטן און גרעסטן חורבן.

ר' גדליה האָט אַ מיטל צו ראַטעווען אַמעריקע

צוויי ריטאַיערטע אידן, טשאַרלי און גדליה, זיצען אין זייער „גאָלדן רינג־קלוב" ביי אַ גלעזל קאַווע מיט קעיק און רעדן וועגן פּאָליטיק, וועגן די הויכע פּרייזן, וועגן די „האָלדאַפּס" און „מאַגינגס". מ'רעדט אַזוי לאַנג ביז מ'קומט צו דער אומפאַרמיידליכער טעמע וועגן דעם אַמאָליגן לעבן און דעם היינטיגן לעבן, און דאָ גייט אַוועק אַזאַ שמועסל:

ט ש אַ ר ל י: איך פאַרשטיי נישט, גדליה קרוין, די מענטשן וואָס האַלטן אין איין בענטשן דעם „אַמאָל" און שעלטן דעם „היינט". וואָס לייגן זיי צו צום „היינט" און מיט וואָס איז אַזוי גוט געווען דער „אַמאָל" ? איך געדענק גוט די אַלטע גוטע צייטן, מ'שטיינס־געזאָגט, ווען מ'האָט אָפּגעפּינסטערט אין שאַפּ ס'גאַנצן לעבן. מ'איז אַריין אין שאַפּ כמעט אַ קינד און מ'איז דאָרט פאַרבליבן ביז דער מלאך המות האָט צוגעשיקט אַ „סובפּינאָ". אָבער היינט איז דאָך אַ מעכאַיע. נעם אַ שטייגער דיך און מיך און ס'גאַנצע ביסל אַלטוואַרג, וואָס זיצט דאָ אַרום די טישלעך אין אונזער „גאָלדן רינג־קלאָב". וואָס פעהלט אונז, כ'לעבן ? מ'טוט נישט אַריין קיין האַנט אין קאַלטן וואַסער. מ'שפּילט טשעקערס און שאַך און קאָרטן, מ'זינגט אַ לידל און מ'כאַפּט אַ טענצל, און אַ טעפּעלע קאַווע פעהלט אויך ניט אויס, און מיט פּרנסה איז אויך נישט צו פאַרזינדיגן. דעם דריטן טאָג פון יעדן חודש שיקט אָנקל סעם צו דאָס טשעקל אין שטוב אַריין. און דאָס טשעקל איז נישט געפרוירן. אויב די פּרייזן פון מילך מיט רייז וואַקסן, וואַקסט דאָס טשעקל צוזאַמען מיט דער רייז און מיט דער מילך. און דעיוויד דובינסקי לייגט אויך צו אַ האַנט. כאָטש ר' דעיוויד האָט שוין ריטאַיערט, אָבער זיינע טשעקלעך ריטאַיערן נישט. און אַז מיר פאָרן מיט'ן סאָבוועי, צאָלן מיר בלויז אַהין, צוריק צאָלט שוין דער סיטי האָל פון זיין אייגענער קעשענע.

ג ד ל י ה: פש... פש... פש...

ט ש אַ ר ל י: וואָס מאַכסטו עפּעס חוזק? ס׳איז אונז אפשר שלעכט? הלוואי איבער הונדערט און צוואַנציג יאָר זאָל מען אונז אויבן אַזוי באַהאַנדלען, ווי מען באַהאַנדלט אונז יעצט אונטן! וואָס שווייגסטו גדליה? וואָס האָסטו עפּעס אָנגענומען אַ פול מויל מיט קעיק און מיט קאַווע און דו שווייגסט? זאָג, גדליה, ס׳איז אפשר שלעכט?

ג ד ל י ה: ווער זאָגט, אַז עס איז שלעכט? ס׳איז טאַקע נישט שלעכט, אָבער ס׳האָט געקענט זיין נאָך בעסער, אַ סך בעסער!

ט ש אַ ר ל י: וואָס קען שוין זיין בעסער ווי יעצט, ווען מ׳שיקט אונז אַריין דעם טשעק פון „סאָשל סעקיוריטי״ אין שטוב אַריין?

ג ד ל י ה: „סאָשל סעקיוריטי״, פאַרשטייסטו מיך, איז גאַנץ גוט, נאָר מ׳פאַרטיילט עס אָהן יושר און אָהן שכל.

ט ש אַ ר ל י: דהיינו?

ג ד ל י ה: דהיינו? באַטראַכט אַליין וועסטו זעהן: מ׳נעמט מענטשן, אַזעלכע ווי איך, ווי דו, און מ׳לאָזט זיי האָרעווען און פראַצעווען ביז׳ן גרויען צאָפּ אַריין. ערשט ווען מ׳איז שוין אַ פינף און זעכציגער זאָגט מען אונז: גענוג געהאָרעוועט, גענוג געשוויצט, פון יעצט אָן דאַרפסטו מעהר נישט זאָרגן, מעגסט געניסן פון לעבן וויפל דו ווילסט! פאַרשטייסט, טשאַרלי? ווען מ׳האָט שוין נישט קיין כוח צו לעבן, הייסט מען געניסן פון לעבן! מ׳הייסט אונז לעבן אַ גוטן טאָג ווען דער יצר הרע געגעצט שוין. מ׳הייסט אונז ריטאַיערן ווען אונזער יצר הרע האָט שוין אויך ריטאַיערט און מיר זענען געבליבן בלויז, ווי איז צו אונז, מיט׳ן יצר טוב. דאַמאָלס, פאַרשטייסטו מיך, הייסט מען אונז הנאה האָבן פון דער וועלט און לעבן פון „סאָשל סעקיוריטי״.

ט ש אַ ר ל י: וואָס־זשע דען דאַרף מען, לויט דיין מיינונג, טאָן מיט׳ן „סאָשל סעקיוריטי״?

ג ד ל י ה: לויט מיין מיינונג, דאַרף דאָס געזעץ דורכגעפירט ווערן אינגאַנצן אַנדערש: באַלד ווי אַ מענטש ווערט געבוירן דאַרף ער קריגן „סאָשל סעקיוריטי״. אַנשטאָט „אַלד עידזש פּענשאָן״ דאַרף מען איינפירן „יאָנג עידזש פּענשאָן״. פון אַזאַ „יאָנג עידזש פּענשאָן״ זעהסטו, וואָלט ס׳יונגוואַרג אַ סך מער געגאָסן ווי מיר, אַלטוואַרג, געניסן פון אונזערע „פּענשאָן״. זיי וואָלטן נישט פאַרטאַכליעוועט די צייט מיט טשעקערס, מיט לעקטשערס, מיט דיסקוסיעס. מיט קאָרטן. אַנשטאָט צו שפּילן זיך, אַזוי ווי מיר, מיט פּאַפּירענע מלכה׳ס, וואָלטן זיי זיך געשפּילט מיט לעבעדיגע מלכה׳ס. אונזער געלט, וואָס מיר כאַפּן פון „אַלד עידזש פּענשאָן״, גייט אַוועק פאַר דאָקטוירים, עקסרעיס,

דענטיסטען, דראָגיסטן, פאַר ברילן, פאַר „הירינג עידס״, אָבער די פּאָר טאָלער וואָס די יוגנט וואָלט געכאַפּט פון „יאָנג עידזש פּענשאָן״, וואָלטן אַוועק פאַר „דעיטס״, פאַר סקי, פאַר ספּאָרט־קאַרס. בקיצור, טשאַרלי. איך האַלט, אַז ביז פינף און זעכציק יאָר דאַרף מען נישט טאָן קיין האַנט אין קאַלטן וואַסער. ערשט ווען דער מענטש ווערט אַלט פינף און זעכציק יאָר, דאַרף מען ביי אים צונעמען די „סאָשל סעקיוריטי״ און שיקן צו דער אַרבעט.

ט ש אַ ר ל י: דו נאַרעשער רעפאַרמאַטאָר וואָס דו ביסט! בטלן וואָס דו ביזט! ווען מ׳וואָלט יונגערהייט אַרומגעגאַנגען פוסט און פּאַסט און אָנגעהויבן אַרבעטן ערשט אויף דער עלטער, וואָלט דאָך געוואָרן אַ תל פון אונזער גאַנצער עקאָנאָמיע! וואָס קענען מיר, אַלטוואַרג, מ׳שטיינס געזאָגט, אויפטאָן? מיר וואָלטן דאָך נישט פּראָדוצירט אַפילו אַ צענטל פון דעם וואָס מען פּראָדוצירט יעצט! גאַנץ אַמעריקע וואָלט דאָך, חלילה, אַרומגעגאַנגען הונגעריג און דאָרשטיג און נאַקעט און באָרוועס!

ג ד ל י ה: אַ וואַזשנער עקאָנאָמיסט ביזטו, כ׳לעבן. פּונקט פאַרקערט! ווען מיין פּראָיעקט ווערט אָנגענומען וואָלט אַמעריקע געראַטעוועט געוואָרן! וואָס איז אונזער צרה? אַרבעטסלאָזיקייט! פון וואַנען נעמט זיך די אַרבעטסלאָזיקייט? פון איבערפּראָדוקציע? פון אָנאַרבעטן צען מאָל אַזוי פיל וויפל מ׳קען פאַרדייען. אָבער, אַז מ׳וועט אָנהויבן אַרבעטן ערשט אויף דער עלטער, ווען אַזעלכע צעלייגערס ווי טשאַרלי און גדליה וועלן זיין די באַלמעלאָכעס, פאַלט דאָך אינגאַנצן אַוועק די סכנה פון איבערפּראָדוקציע! דעמאָלט קאָן מען כ׳לעבן, איינפירן אויטאָמעישאָן און אויטאָ־כ׳וויס־אַליין־ניט־וואָס, און ס׳וועט פונדעסטוועגן נישט זיין קיין איין אַרבעטסלאָזער. אַנשטאָט דעפּרעשאָן וועט מען דאַמאָלס האָבן פּראָספּעריטי. יעצט פעהלן אויס 10 מיליאָן דזשאַבס, שפּעטער וועלן אויספעהלן 60 מיליאָן הענט. דו שטעלסט זיך פאָר, טשאַרלי, וואָס דעמאָלס וועט זיך אָפּטאָן אין די דעפּארטמענט סטאָרס? דריי ווייבער וועלן זיך רייסן איבער אַ פּאָר געדעמעדזשטע הויזן. צו קיין דאַמסקען בראַזיר וועט מען אינגאַנצן ניט קענען צוקומען. מיני־קליידלעך וועט מען פאַרקויפן צו מאַקסי־פּרייזן, פּונקט ווי מען צאָלט היינט אין טאָג אַריין פאַר אַ פּאַרציע הערעאָאין און האַשיש, אַזוי וועט מען דאַמאָלס באַצאָלן פאַר אַ פּאָר סעקאָנד־הענדיגע גאַטקעס. ביי מעיסיס׳ן וועלן 7 ווייבער פירן אַ קאַלטע מלחמה צוליב אַ פּאָר הייסע הויזן („האַט פּענטס״). ביי גימבעלס׳ן אין שויפענסטער וועט שטיין אַ פּלאַקאַט: „מאָרגן צוועלף בייטאָג וועט פּאָרקומען אַן אָוקשאָן אויף אַ פּאָר שיך!״

* * *

נאָכדעם ווי כ׳האָב זיך דערוואוסט פון דעם אלטיטשקן ר׳ גדליה׳ס פּראָיעקט, טראַכט איך בײַ זיך, אפשר איז ער טאַקע גערעכט? אפשר איז דער איצטיגער „עקאָנאָמישער אַדווײַזער״ אין ווײַסן הויז „דהי ראָנג מען עט דהי ראָנג פּלעיס״? אפשר דאַרף מען דאָרט אַרײַנזעצן ר׳ גדליה׳ן?

די פּרעסע האָט געבראַכט אַ מערקווירדיגע נײַעס: אַ האָלענדישער אוניווערזיטעט האָט געגעבן זײַנעם אַ קריסטליכן סטודענט דעם דיפּלאָם פון דאָקטאָר־פילאָסאָפיע פאַר אַ דיסערטאַציע וועגן „כעלעם, די שטאָט פון נאַראָנים״.

די טעמע „כעלעם״ האָט געלאָקט אָהן אַ שיעור שרײַבער און קינסטלער. אפילו שרײַבער פון „פאָרווערטס״־סטעף גופא האָבן ניט ווייניג אָנגעכעלעמט. אונזער אהרן צייטלין ז״ל, האָט אָנגעשריבן אַ פּיעסע „כעלעמער חכמים״ וואָס מאָריס שוואַרץ האָט אויפגעפירט; אין קאַנאַדאַ האָט מען אויפגעפירט אַ כעלעם־פּיעסע פון אונזער אברהם שולמאַן. ב. י. ביאַלאָסטאָצקי ע״ה האָט אָנגעשריבן אַ גאַנץ בוך מיט כעלעמער מעשיות.

איך האָב זיך באַגעגנט אין פּוילן און אין סאָוועט רוסלאַנד, אין ארץ ישראל און אין אַמעריקע מיט אַ סך כעלעמער און הלמאי זאָל איך זאָגן: עס איז זיך נישטאָ מיט זיי וואָס צו שעמען! כעלעם האָט אַרויסגעגעבן אַ וועלט־באַרימטע פידל־ווירטואָזין אידאַ הענדל, זי וואוינט איצט אין מאָנטרעאַל, צוזאַמען מיט איר פאָטער אַ קונסט־מאָלער. כעלעם האָט אַרויסגעגעבן פײַנע שרײַבער, וויסנשאַפטלייט און פּאָליטיקער און זייער „נאַרישקייט״ אויף אַ סך ניו־יאָרקער „חכמים״ געזאָגט געוואָרן. ווען מען לאָזט אַזאַ פּאָליטיקער אַרײַן אין ווײַסן הויז וואָלט ער צו דער וואָטערגעיט־טפּשות ניט דערלאָזט.

איך גופא האָב אַמאָל געהאַט אַ באַגעגעניש מיט כעלעמער אין דער שטאָט כעלעם גופא, קען איך עס ביז הײַנט ניט פאַרגעסן.

דאָס איז געווען מיט העכער פערציג יאָר צוריק. איך בין דעמאָלט אַלס זשורנאַליסט פון וואַרשעווער „הײַנט״, געפאָרן קיין כעלעם מיט אַ דעלעגאַציע פון וואַרשעווער זשורנאַליסטן צו דער דערעפענונג פון דער אייזנבאַן־דירעקציע, וואָס איז אַריבער־געטראָגן געוואָרן פון לובלין קיין כעלעם. מיט דער דעלעגאַציע זײַנען דעמאָלט מיטגעפאָרן די קאָלעגן־שרײַבער מאַרק טורקאָוו פון „מאָמענט״, איצט אין בוענאָס איירעס; לעאָן לענעמאַן פון „ראַדיאָ״, איצט פּאַריזער „פאָרווערטס״־קאָרעספּאָדענט; שמואל ראָטשטיין פון אגודה׳שן „טאָגבלאַט״, איצט סדרה־שרײַבער אין „פאָרווערטס״. ווי איר זעהט, איז דער „פאָרווערטס״ דעמאָלט געווען אין כעלעם גוט פאַרטראָטן!

צוריקפאָרנדיק פון כעלעם, קיין וואַרשע, ווען איך בין שוין געווען ביים באַן־וואָקזאַל, בין איך צוגעגאַנגען צו אַ גרופּע כעלעמער אידן. איך האָב זיך פאַר זיי פאָרגעשטעלט, אַז איך בין אַ וואַרשעווער, פון וואַרשעווער „היינט״ און האָב זיי געקיביצט;

– ליבע כעלעמער אידן – האָב איך זיי געזאָגט – איך האָב זיך אַ גאַנצן טאָג אַרומגעדרייט אין כעלעם און האָב געזוכט נאַראָנים, אָבער אָהן דערפאָלג. כעלעמער אידן וואָס איך האָב באַגעגנט, האָבן גאָר שאַרפע קעפּ און זיינען גע׳ממזר׳ט־קלוג. זאָגט מיר דעם אמת: צי איז טאַקע אין גאַנץ כעלעם נישטאָ קיין איין נאַר אפילו?

דערויף האָט איינער פון דעם גרופּקעלע אידן מיר איראָניש געענטפערט:

– סך־הכל איז אין גאַנץ כעלעם דאָ איין נאַר, איז ער אַ וואַרשעווער!...

אַלע איבעריגע כעלעמער האָבן אַפּלאָדירט.

אָבער נישט אַלע כעלעמער האָבן זיך צופרידענגשטעלט מיט אַ וויציגן אַריינזאָג. אַנדערע האָבן זיך געבייזערט אויף אַן אמת.

מיר האָבן אין „היינט״ געהאַט אַ קאָלעגע, דעם פּאָפּולערן זינגער פון אידישע פאָלקסלידער, מוזיקאַלישן רעצענזענט און פעליעטאָניסט, מנחם קיפּניס. ווען קיפּניס פלעגט מיט זיין פרוי, די זינגערין זמרה זעליגפעלד, קומען אויף קאָנצערטן קיין כעלעם האָט מען קיפּניס׳ן אָפּגעגעבן אַ סך כבוד, סיי אַלס פיינעם זינגער, סיי אַלס וויציגן שרייבער.

מיטאַמאָל האָט קיפּניס פאַרלאָרן דעם חן אין כעלעם און איז דאָרט אויפגענומען געוואָרן מיט ניט קיין גרויסן ענטוזיאַזם.

וואָס איז געשעהן?

געשעהן איז אָט וואָס:

עס האָט זיך איינמאָל קיפּניס׳ן פאַרגלוסט אָנצושרייבן אין „היינט״ אַ לאַנגע סעריע כעלעמער מעשיות, אַלטע און נייע.

פון וואַנען האָט ער גענומען נייע כעלעמער מעשיות?

ער האָט פּשוט גענומען, ער זאָל עס מיר מוחל זיין, פאָלקס־וויצן וועגן נאַראָנים, און וואו ערגעס אַ נאַר, אַ שוטה, אַ איד אַ בהמה, האָט ער אים אַריינגעשטופּט קיין כעלעם!

אַ סך כעלעמער אידן זיינען דערפאַר ברוגז געוואָרן אויף קיפּניס׳ן. זיי האָבן געזאָגט: „על הראשונים אנו מצטערים״, מיר האָבן גענוג חרפּות פון די אַלטע נאַראָנים, באַגליקסטו אונז מיט נייע?!

דעם גרעסטן כעס אויף קיפּניס׳ן האָט געטראָגן אַ יונגער כעלעמער איד מיט׳ן נאָמען משה לערער. ער אַליין איז געווען אַ באַגייסטערטער זאַמלער פון

אידישע פאָלקסווערטלעך. פאָלקלאָר איז געווען זיין געביט און זיין לופט, מיט וועלכער ער האָט געאָטעמט. ווען עס איז אָבער געקומען צו כעלעמער אידן איז ער געשטאַנען פאַר אַ נסיון: פון איין זייט איז ער געווען גליקליך צו פאַקן ערגעץ אַן אומבאַקאַנטע כעלעמער מעשה; פון דער אַנדער זייט האָט ער געליטן יסורים וואָס זיין געבורט־שטאָט ווערט אויסגעלאַכט.

אָט דער משה לערער, וועמען זלמן רייזין האָט שפּעטער געבראַכט קיין ווילנע און אים באַשעפטיגט אין איוואָ־אַרכיוו, איז ממש דערגאַנגען קיפּניס׳ן די יאָרן. ער האָט וויסנשאַפטליך באַוויזן, אַז קיפּניס האָט געפעלשט היסטאָריע, אָדער בעסער געזאָגט, געאָגראַפיע. ער האָט גענומען נאַראָנים פון אַנדערע שטעט און האָט זיי באַזעצט אין כעלעם!...

אין וואַרשעווער ליטעראַטן־פאַראיין האָט זיך צוליב דעם געטאָן חושך און דער סעקרעטאַר פון פאַראיין, דער גייסטרייכער דיכטער און עסייאיסט מלך ראַוויטש, האָט ניט איינמאָל געמוזט באַרויאיגן די צדדים.

פון וואַנען האָט זיך גענומען די לעגענדע וועגן די „חכמי כעלעם״?

וועגן דעם זיינען פאַראַן פאַרשיידענע סברות, השערות און דרינגענישן. צו די אַלע דרינגענישן וויל איך צוגעבן מיינע אַן אייגענע השערה.

מיין השערה איז, אַז שולדיג אין דעם גאַנצן „בלבול״ איז ניט קיין אַנדערער ווי אַ „בחור הזעצער״.

עפּעס אַ איד אַ מחבר האָט מן הסתם פאַרצייטנס אָפּגעדרוקט אַ לשון קודש׳דיג ספר׳ל, אין וועלכן ער האָט געבראַכט דעם ציטאַט „לא לחכמים לחם״ (חכמים האָבן ניט קיין ברויט). איז אין יענעם ספר אַריין אַ דרוק־פעלער. דער בחור הזעצער האָט אין וואָרט „לחם״ פאַרטוישט די אותיות און אַנשטאָט „לחם״ איז געווען געדרוקט — „חלם״. האָבן אידן געלייענט „לא לחכמים חלם״ — כעלעם איז ניט פאַר קיין חכמים...

דאָס איז מיין השערה. אויב עמיצער האָט אָבער אַ בעסערע השערה, אדרבא!

אידישע אַפּיקורסים פאַר די הייליגע טעג

דער פריידענקער פישל איז נישט גלאַט אַ פריידענקער, נאָר אַן איבערצייגטער, פּרינציפּיעלער אַפּיקורוס. ער זאָגט אויף זיך אַליין אַ חכמה אַז קליינער־הייט האָט ער געדאַווענט און געווען אַ „ברוך אתה׳איסט״, אָבער שפּעטער איז ער געוואָרן אַן „אַטעאיסט״. פישל פירט שוין יאָרן־לאַנג אַ

קאַלטע מלחמה מיט׳ן רבונו של עולם און וויל נישט שליסן מיט אים קיין וואָפנשטילשטאַנד אַפילו ראש השנה און יום כיפור. אַפילו ווען אַ פישל אין וואַסער ציטערט, ציטערט נישט פישל אויף דער יבשה.

מאַכט זיך אַ מעשה אַז אונזער פישל ווערט שווער קראַנק אַ פּאָר טעג פאַר ראש השנה און נישט אויף קיין קאַטאָוועס. פישל פיהלט, אַז זיינע טעג זיינען געציילטע און ער שיקט רופן זיין בעסטן פריינד טשאַרלי. טשאַרלי איז נישט קיין קלענערער פריידענקער פון פישלען און אפשר נאָך אַ גרעסערער.

– הער מיך אויס. טשאַרלי, – הויבט פישל אָן צו זיפצן:

– דו זעהסט דאָך אַז איך האַלט שמאָל, אַז איך גיי חלילה אַ גאַנג. זאָג מיר דעם אמת: ס׳איז דאָ אַ יענע וועלט, צי נישט? ס׳האַרץ איז מיר עפּעס אומרואיק: אפשר איז יאָ דאָ אַ יענע וועלט, מיט אַ גיהנום און אַ גן־עדן, וועט דאָך מיר דאָרט נישט פעהלן קיין צרות. קיין האַניק וועל איך דאָך אויף יענער וועלט נישט לעקן. ווי מיינסטו, טשאַרלי, ס׳איז דאָ אַ יענע וועלט, צי ס׳איז נישטאָ?

– פאַרדריי נישט קיין קאָפּ מיט אַ „יענער וועלט״? אַז איך זאָג דיר אַז עס איז נישטאָ קיין „יענע וועלט״, מעגסטו מיר גלויבן – ענטפערט טשאַרלי.

– פון וואַנען ביזטו אַזוי זיכער? – ס׳איז דען שוין עמיצער צוריקגעקומען פון דאָרט און געזאָגט אַז ס׳איז נישטאָ?

– און ס׳איז דען שוין עמיצער צוריקגעקומען פון דאָרט און געזאָגט אַז ס׳איז יאָ דאָ? פונקט ווי מיין ווייב ווייסט נישט וואָס ס׳טוט זיך אין טאָפּ, אַזוי ווייסן מיר נישט וואָס ס׳טוט זיך אין הימל.

פישל האָט זיך אָבער אַלץ נישט געוואָלט באַרויקן. טרערן האָבן זיך געגאָסן פון זיינע אויגן. ער האָט געקרעכצעט און געזאָגט:

– איך פיהל, טשאַרלי, אַז דו ביזט אויך נישט זיכער אין דעם וואָס דו זאָגסט. דו זאָגסט עס בלויז כדי מיך צו באַרויקן. זאָג מיר טשאַרלי דעם אמת: דו ביזט טאַקע זיכער אַז ס׳איז נישטאָ קיין „יענע וועלט״? גיב מיר די האַנט דאַרויף.

טשאַרלי האָט אים געגעבן די האַנט און מיט איבערצייגונג האָט ער אויסגערופן:

– הער מיך אויס, טייערער פישל, עס גייט דאָך איצט צו ראש השנה און יום כיפור, הלוואי זאָל איך אַזוי זוכה זיין צו אַ כתיבה וחתימה טובה און צו אַ גוט קוויטל, ווי איך בין זיכער אַז עס איז נישטאָ קיין „יענע וועלט״.

– אויב אַזוי קען איך שוין רואיק שטאַרבן – האָט פישל לייכטער אָפּגעאָטעמט – נאָר פונדעסטוועגן האָב איך צו דיר אַ בקשה: פאָר אַראָפּ אויף

איסט סאַיד און קויף מיר אַ טלית. לאָמיך שטאַרבן נישט ווי סתם אַן אַפּיקורוס. זאָל מען מיך איינוויקלען אין אַ טלית. גערעכט איז געווען יענער חסיד וואָס האָט געזאָגט, אַז ביי אידן זיינען קיין אַפּיקורסים אינגאַנצן נישטאָ. עס איז בלויז אַ חילוק אין צייט: אַ רעליגיעזער איד טראָגט אַ טלית ביים לעבן און אַן אַפּיקורוס טראָגט אַ טלית נאָכ׳ן טויט.

* * *

גאָט האָט געהאָלפן און פישל איז נישט געשטאָרבן. אַ פּאָר פּאָרציעס פּענעסילין האָבן אים צוריקגעשטעלט אויף די פיס.

ערב ראש השנה האָבן זיךביידע אַפּיקורסים באַגעגנט און זיך אַרומגעכאַפּט.

— זעהסטו שוין, פישל, האָט טשאַרלי טריאומפירט. — זעהסטו אַז דו ביזט געבליבן לעבן. ווער האָט דיר געהאָלפן? גאָט האָט דיר געהאָלפן? פּענעסילין האָט דיר געהאָלפן! אָט האָסטו דעם בעסטן באַוויז, אַז נישט די געטליכקייט פירט די וועלט, נאָר די וויסנשאַפט פירט די וועלט! קום אַריין אין אַ באַר, לאָמיר טרינקען לחיים פאַר דער וויסנשאַפט. ווען נישט די וויסנשאַפט וואָלסטו שוין נישט געלעבט!

— און איך וואָלט שוין געוואוסט אויף פּעוונע צי ס׳איז דאָ אַ יענע וועלט, צי ס׳איז נישטאָ — האָט פישל געשמייכלט און טשאַרלי האָט אים איבערגעריסען.

— לאָז שוין אָפּ מיט „יענער וועלט״. נישט בלויז קיין „יענע וועלט״ איז נישטאָ, נאָר קיין „די וועלט״ איז אויך נישטאָ. ס׳איז דאָ אַ גרויסער רוסישער פילאָזאָף „גרישאַ נאָפּליעוואַט״, זאָגט ער, אַז די גאַנצע וועלט איז אַ חלום, אַ טשעפּוכאַ. מיר חלומ׳ען אַז מיר לעבן, מיר חלומ׳ען אַז מיר האָבן חתונה, אַז מיר האָבן קינדער.

— אַ בייזער חלום זאָל מיר אויסגיין צו דיין קאָפּ — האַקט אים פישל איבער. לאָמיר גיין!

און ביידע אַפּקורסים האָבן זיך צעשיידט און האָבן זיך געוואונשן... אַ כתיבה וחתימה טובה!

און איינער האָט נאָכגעשריגן דעם צווייטן:

— „אָמן, גם אתם!״

אידישע אַפּיקורסים...!

* * *

אין אַ האַלבע שעה אַרום האָבן זיי געדאַוונט אין צוויי באַזונדערע שוהלן. אָבער זיי זיינען אין די שוהלן נישט געווען אַליין. אין יעדער שוהל האָבן זיי

געטראָפן נאָך עטליכע ראַדיקאַלן, וואָס האָבן אויף דער עלטער תשובה געטאָן...

אַזעלכע געוועזענע וועלטלעכע אידן זעהט מען ביי אונז אַ סך צווישן די ריטאַיערטע אידן וואָס האָבן זיך דאָ הי באַזעצט.

זיי האָבן ריטאַיערט פון זייערע דזשאָבס און פון זייער וועלטליכקייט.

גבאים פון שוהלען זאָגן, אַז אַזעלכע געוועזענע אַפּקורסים דערקענט מען לויט פיר סימנים: זיי שטעהן צום לענגסטן שמונה־עשרה. זיי וויינען צום שטאַרקסטן ביים „ונתנה תוקף״. זיי קומען צום דאַוונען די ערשטע און גייען אַוועק די לעצטע.

אַ וויזיט ביי אַ אידישיסטישן דאָקטאָר

ס׳איז שווער צו גלויבן, אָבער עס איז אַ פאַקט: אין ברוקלין, אין דער געגנט פון באָראָ־פּאַרק, איז נאָך היינט דאָ אַ דאָקטאָר, אַ פאַרברענטער אידישיסט. ווען מ׳זאָל אים באַגילטן, רעדט ער נישט אַנדערש צו זיינע פּאַציענטן ווי אידיש.

מיר גיבן דאָ איבער ווי עס זעהט אויס אַ וויזיט פון אַ פּאַציענט ביים דערמאָנטן דאָקטאָר:

ד אָ ק ט אָ ר: גוט מאָרגן, ליבע פרוי, זעצט אייך נעבן מיין שרייב טיש, זאָגט מיר קודם כל וואָס דערקוטשעט אייך.

פּ אַ צ י ע נ ט ק ע: איר מיינט מסתם וואָס עס באַדערט מיך? איך האָב טראָובל.

ד אָ ק ט אָ ר: איר האָט נישט קיין טראָובל, נאָר צרות. מיט וואָס האָט איר צרות?

פּ אַ צ י ע נ ט ק ע: מיט׳ן סטאָמעק.

ד אָ ק ט אָ ר: איר האָט ניט קיין סטאָמעק!

פּ אַ צ י ע נ ט ק ע: ס׳הייסט, איך האָב נישט קיין סטאָמעק? ווי אַזוי קען אַ מענטש לעבן אָהן אַ סטאָמעק?

ד אָ ק ט אָ ר: איר האָט נישט קיין סטאָמעק, נאָר אַ מאָגן! איז וואָס איז מיט אייער מאָגן?

פּ אַ צ י ע נ ט ק ע: ער איז, נישט פאַר אייך געדאַכט, קאַנסטיפּעיטעד.

ד אָ ק ט אָ ר: איר מיינט, אַז ער איז פאַרשטאָפּט?

פּ אַ צ י ע נ ט ק ע: אַ מאָגן קען זיין פאַרשטאָפּט? פאַרשטאָפּט קען זיין אַ

קוימען, אַ סאַמאַוואַר, אַ פּרימוס־מאַשינקע. אָבער איך בין קאַנסטיפּעיטעד! וואָס טוט מען דערצו, דאָק?

ד אָ ק ט אָ ר: רופט מיך נישט „דאָק", ווייל „דאָק" איז אַ קאַטשקע! איר מיינט צו זאָגן „דאָקטאָר".

פּ אַ צ י ע נ ט ק ע: זאָל זיין דאָקטאָר. איר ווילט מיך אפשר שטעלן אויף אַ דאַיעט?

ד אָ ק ט אָ ר: נישט אַ דאַיעט, נאָר אַ דיעטע. א שטרענגע דיעטע. איר טאָרט נישט עסן אַכט טעג צייט קיין רינדערן־פליייש, רויט פליייש, נאָר עוף.

פּ אַ צ י ע נ ט: אפשר קענט איר מיר געבן אַ דעי עוף?...

ד אָ ק ט אָ ר: חלילה! איר דאַרפט זיין אויף אַזאַ שטרענגער דיעטע, אַז איר טאָרט אפילו נישט עסן קיין רוי גרינצייג!

פּ אַ צ י ע נ ט: גרינצייג־שמינצייג, אָבער ו ע ד ז ש ט ע י ב ל ס מעג איך עסן? איז שוין גוט!

ווי מען רעקלאַמירט אַמעריקאַנער חזנים

ווען איך לייען פאַר די ימים נוראים די אַנאָנסן וועגן אַמריקאַנער חזנים האָב איך דעם איינדרוק אַז איך לייען רעקלאַמעס פון קינדער־גאַרטנס. אַ וועלט מיט חזנים רופן זיך ביי אונז מיט קינדערישע נעמען: „יאַנקעלע", „כאַצקעלע", „מענדעלע", „שלמה'לע", „גדליה'לע".

עס איז רעכט, אַז דער רעקלאַמירטער „כאַצקעלע" איז שוין אַ זיידע, אָדער גאָר אַן עלטער־זיידע, אָדער ווען עס קומט צום דאַוונען פאַר'ן עמוד, ווערט ער אַ בעיבי. כאָטש גיב אים מיט אין שוהל אַריין אַ באַטל צו זויגן.

מיר דאַכט זיך אַז ווען איך וואָלט, אַנשטאָט אַ צייטונג־שרייבער, געוואָרן אַ חזן, וואָלט איך יעצט, מן הסתם, אויך געהייסן, יאָסעלע־שימעלע גאָלדשטיין.

וואָס איז טאַקע די מעשה, וואָס אַזויפיל חזנים פּיעשטשען זיך ווי קליינע קינדער?

עס נעמט זיך מסתם דערפון וואָס די מערהייט חזנים זענען קליינערהייט געווען סאָליסטלעך אין שוהל־כאָרען און מען האָט זיי דעמאָלט גערופן מיט קינדערישע נעמען. שפּעטער, ווען אַזאַ „לייבעלע" ווערט שוין אַ דערוואַקסענער „לייב", פאַרבלייבט ער שוין אויף שטענדיג אַ „לייבעלע", כאָטש ער האָט שוין נישט קיין כוח צו ברומען, פונקט ווי זיין חבר בערעלע

פאַרבלייבט אַ „בערעלע״, כאָטש ער איז שוין אַן אַלטער מידער בער און ער האָט שוין נישט קיין כוח צו קרעכצען.

חזנים מיט קינדערישע נעמען געפינט מען הויפטזעכלעך צווישן פוילישע, גאַליציאַנישע, רומענישע, וואָלינישע און אוקראַנישע חזנים, אָבער זעהר ווינציג צווישן ליטווישע חזנים. ליטווישע אידן זענען האַרטע אידן ווי וועלטשענע ניס און דעמבענע ביימער. זיי האָבן פיינט זיך צו פיעשטשען און זיי מאַכן חוזק פון די צעפיעשטשעטע חזנים.

אַ ליטווישער איד האָט אַמאָל געהערט אַ צעפיעשטשעטען חזן „מאָטעלע״ דערלאַנגען אַ צעקאַליעטשעטע עברי, איז ער צו אים צוגעגאַנגען און אים געזאָגט:

— „מאָטעלע, דו ביסט אַ גרויסער אַמאָרעצל״...

אַן אַנדער ליטוואַק, איז נאָך נעילה צוגעגאַנגען צו אַ פוילישן חזן און געהאַט צו אים אַ טענה:

— „איטשעלע, הער זיך איינעט וואָס איך וועל דיר זאָגן. אַנשטאָט צו זאָגן זיבן מאָל „אַדוישעם הוא עלויקים״, זאָגסטו „אַדוישעם היא עלויקים״, קומט דאָך אויס אַז דער ריבעינע שעל עילאָם איז חלילה אַ אידענע, אַ זשענשטשינע!״...

סליחות אַמאָל און סליחות יעצט

אַמאָליגע צייטן, אין דער אַלטער היים, האָט דער שאַמעס אין מיטן דער נאַכט געזעצט אין די לאָדנס אַריין און געוועקט אידן אַז זיי זאָלן אויפשטיין צו סליחות.

אין אַמעריקע וועקט ניט דער שאַמעס, אָדער ווי מ׳רופט אים דאָ, דער „סעקסטאָן״, צו סליחות. מ׳דאַרף דאָ דעם סעקסטאָן אַליין אויפוועקן צו סליחות.

מען רופט דאָ צו סליחות ניט דורך קלאַפּן אין לאָדן, נאָר דורך אַדווערטייזמענטס אין די צייטונגען, און דורך אילוסטרירטע פלאַקאַטן אין די שאָופענסטערס פון גראָסעריס, דעליקאַטעסן־סטאָרס. אויף די פלאַקאַטן ווערן די ראַבאַיס און די חזנים געפיקטשעט מיט הויכע יאַרמלקעס און מיני־טלית׳לעך. די טלית׳לעך זיינען קלענער פון די יאַרמלקעס.

מען רעקלאַמירט די סליחות ווי מען רעקלאַמירט קאַרס, אָרענדזש־דזשוס און פּאַרפומען.

ס׳איז ניט אויסגעשלאָסן אַז אין קורצן וועלן די גרויסע רעקלאַמע פירמעס אויף מעדיסאָן עוועניו עפענען ספּעציעלע דעפּאַרטמענטס צו ימים נוראים פאַר סליחות און חזנים און אין „טי־ווי" וועלן זיך באַווייזן אַזעלכע מיני קאָמוירשלס:

„זאָג סליחות אין די טעמפּלס פון די יונאַיטעד סינאַגאָגס. אונזערע סליחות גייען דירעקט אין הימל אַריין ביי די פרענדלי סקאַיס אָוו יונאַיטעד".

* * *

„אַז דו קויפסט אַ טיקעט אין אונזער טעמפּל קריגסטו אַ שיינעם און שטאַרקן טלית. דהי וואָן טלית טו העוו איף יו יוז איט מאָהר דען וואָנס!"

* * *

„ליסן טו אַוער ראַבאַי׳ס סוירמענס ענד סליפּ־סליפּ־סליפּ!"

* * *

„ווען אונזער חזן זינגט דעם „המלך" הי לוקס לאַיק עי קינג".

* * *

„איף יו דאָנט פּרעי אין אַוער טעמפּל, יור וואַיף העז נאָ רעספּעקט פאַר יו!"

* * *

„אונזער חזנ׳ס בענטשן גשם איז גוט טו דהי לעסט דראַפּ!"

* * *

„אַוער טעמפּל פּראָמיסעס יו עי כתיבה וחתימה טובה, אָר יור מאָני בעק!"

„קאָלעקשאָנס" וואָס מ׳מאַכט אין שוהלען

אַלץ ענדערט זיך אין דער אידישער וועלט. די פאָרם פון צדקה־געבן האָט זיך אויך געענדערט.

איך געדענק ווען כ׳פלעג ערב יום כיפור קומען מנחה דאַוונען אין וואָרקער שטיבל, וואָס האָט זיך געפונען אין לאָדזשער באַלוט, אויף דער פּעפּער־גאַס, זיינען אויף אַ גרויסן טיש געשטאַנען אַ וועלט מיט טעלערס, נישט חלילה מיט עסנוואַרג, נאָר מיט אויפגעשריבענע צעטעלעך, און אין יעדן טעלער האָט מען אַריינגעוואָרפן צדקה.

עס זיינען דאָרט געשטאַנען מער „טעלערס" ווי אין דער גרעסטער באַנק אין אַמעריקע.

בלויז פאַר קראַנקע אַליין זיינען געווען אַ שפּאָר ביסל טעלערס. ס'איז געווען אַ טעלער פאַר „ביקור חולים", „לינת החולים", „תומכי חולים", „משמרת החולים".

פאַרהוילן פון פרעמדע אויגן האָבן די דאַוונערס אין די טעלערס אַריינגעוואָרפן קופּערנע מטבעות און אַמאָל אויך זילבערנע מטבעות. דאָס וואָס מען רופט ביי אונז אָן „טשעינדזש".

אין אַמעריקע האָט זיך אַלץ „געטשעינדזשעט". דאָ ווייסט מען כמעט נישט פון „מתן בסתר", פון שטילער צדקה.

אויב אַ איד גיט ביי אונז צדקה, האָט ער ליב דאָס צו טאָן צו „כל נדרי" אין אַ שוהל.

500 אידן מוזן זיין עדות ווי מיסטער טשאַרלי גיט 500 דאָלער צדקה.

און ער גיט נאָכנישט, מיסטער טשאַרלי! ער „פּלעדזשט" בלויז, ער איז מבטיח, אַז ער וועט מערטשעשעם געבן.

אָפט פּאַסירט אַז מ'זאָגט צו אַ זאַק מיט געלט און ווען ס'קומט צו געבן, ווערט פון זאַק אַ זעקעלע.

עס פאַרשווינדט איין ציפער. פון די צוגעזאָגטע 500 דאָלער פעהלט די לעצטע נול.

מיין פריינד, אַ געניטער גבאי פון גבאים־לאַנד, וואָס איז שוין גראָה געוואָרן פון די שוהל־קאָלעקשאָנס, האַלט קנאַפּ פון די „פּי־פּי", פון די „פּלעדזש־פילאַנטראָפּן" ווי ער רופט זיי אָן. ער זאָגט אַז דער בעסטער מנדר (מענאַדער) איז דער וואָס זאָגט „נאַדיר!"

אַ סך „פּלעדזשניקעס", זאָגט ער, זענען געגליכן צו משיח'ן: מ'איז מבטיח אַז ער קומט און מ'זעהט אים נישט.

דער גבאי מיינער איז אפשר גערעכט. אין „ונתנה תוקף" פון מחזור, שטעהט „ותשובה ותפלה וצדקה מעבירין את רוע הגזרה!" (מיט תשובה, תפילה און צדקה קאָן מען אָפּשרייען די שלעכטע גזרה). עס שטעהט אָבער נישט „תשובה, תפילה והבטחה מעבירין את רוע הגזרה!"

אַ ברירה האָט מען: מען מוז זיין פרום!

אַמעריקע איז אַ מאָדנע לאַנד. דאָ קומען פאָר זאַכן וועגן וועלכע מען האָט קיינמאָל ניט גע'חלום'ט.

אין דער אַלטער היים האָבן פריידענקערישע קינדער גאַנץ אָפט געמוזט

דאַווענען, אָפּהיטן שבת, הערן שופר בלאָזן, פאַסטן יום כיפּור, צוליב זייערע עלטערן. דאָ, אין אַמעריקע, געהען פיל פריידענקערישע עלטערן דאַווענען ראש השנה, יום כיפּור און היטן אָפּ אידישקייט צוליב די קינדער.

מיר אַלע זעהען דאָס אין אונזערע אייגענע קרייזן.

איך קום אַריין צו אַלטע באַקאַנטע, וועלכע האָבן אין דער אַלטער היים איבערגעריסן מיט'ן רבונו של עולם און פון אים ניט געוואָלט וויסן. דאָ, אין אַמעריקע, זיינען יענע פּרינציפּיעלע פאַרביסענע אַפּיקורסים געוואָרן שוהל־געהער, ליכט־צינדערס און קידוש־מאַכערס, כאָטש גיי און טו זיי אָן אַ שטריימל מיט אַ גאַרטל און שיק זיי אין מקוה אַריין.

ווען מ'וואָלט די אַפּיקורסים געזאָגט מיט יאָרן צוריק, אַז זיי וועלן האָבן אַזאַ „מיאוסן סוף", אַז זיי וועלן פאַסטן יום כיפּור און שלאָגן כפּרות, וואָלטן זיי געלאַכט אין די פויסטן אַריין. איצט לאַכן זיי גאָרנישט. צי זיי ווילן יאָ, צי זיי ווילן ניט, מוזן זיי הערן שופר־בלאָזן, זיי מוזן טאַנצן מיט דער הקפה, זיי מוזן צינדן חנוכה־ליכט און זיי מוזן פורים הערן די מגילה־ליינען.

אַזעלכע עלטערן זיינען נעבאַך „קרבנות" פון זייערע קינדער.

קינדער ווייסן ניט פון קיין חכמות. אַמעריקאַנער אידישע קינדער זעהען ווי זייערע קריסטלעכע קאָלעגען מיט זייערע טאַטעס און מאַמעס געהען אין טשוירטש — ווילן זיי יום־טוב געהן אין שוהל, אין סינאַגאָגע. באין ברירה פּאַקן די עלטערן איין זייער פריידענקערישקייט אין נאַפטאַלין און זיי שלעפּן פון נאַפטאַלין אַרויס דעם טלית מיט דער יאַרמעלקע און פירן די קינדער דאַווענען, כאָטש אין דער אמת'ן פירן די קינדער די טאַטעס דאַווענען.

אין דער שוהל שטעהט דאָס זונדעלע איבער'ן טאַטן ווי אַ פּאָליסמאַן און „נעמט קעיר" אויפ'ן טאַטן. ער „וואַטשט" אַז דער טאַטע זאָל ניט פאַרפעלן קיין קדושה, אָדער דורכלאָזן אַ בלעטל אין מחזור.

דאָס זיינען אַלץ לייכטערע פאַלן, וואָס קומען פאָר בלויז יום־טוב. ס'זיינען פאַראַנען נאָך ערגערע „צרות", פון וועלכע די עלטערן האָבן צו זינגען און צו זאָגן אַ גאַנץ יאָר.

פון אַזאַ „פּעקל" האָט מיר דערציילט אַ פריינד, אַ פּועלי־ציוניסט, וואָס איז גאַנץ ווייט פון פרומקייט.

— כ'האָב געוואָלט, זאָגט ער, אַז מיין זונדעלע זאָל זיין היימיש מיט אידישקייט, האָב איך אים אַריינגעגעבן אין אַן עכט־אָרטאָדאָקסישער ישיבה. כ'האָב בלויז געוואָלט אַז ער זאָל קענען אַ פּרשה חומש, אַ ביסל לשון קודש, אַ שטיקל גמרא. נו, נו, האָב איך מיר איינגעקויפט מפטיר! דער בחור דערגעהט אונז פשוט די יאָרן און לאָזט אונז נישט לעבן, ניט מיך, ניט מיין ווייב. ער איז

געוואָרן אַ גאַנצער צדיק, אַ שטיק בעלזער חסיד און האַלט אין איין דאַווענען, אין איין וואַשן זיך די הענט און אין איין בענטשן. פרומע אידן זיינען יוצא מיט הונדערט ברכות אַ טאָג, מיין תכשיט מאַכט אפשר דריי הונדערט ברכות אַ טאָג. אַ גאַנצן טאָג האַלט ער אין איין זאָגן און זאָגן. ער האַלט ניט פון הרב מרדכי קאַפּלאַנ׳ס פאַרקירצטן סידור. פאַרקערט, אפילו דער גרעבסטער סידור איז פאַר אים צו דין. ער וואָלט כאָטש געוואָלט אַ סידור אין דרייסיג בענדער, גרעסער ווי די „ענסאַיקלאָפּידיא בריטאַניקאַ״.

— דאָס איז נאָך ניט אַלץ — זיפצט דער פּאָטער ווייטער — מיין צדיק פּייניגט אונז אָהן דין און אָהן משפט. שבת לאָזט ער אונז ניט רויכערן און ניט פאָרן אפילו צוויי סטאַנציעס סאָבוועי. אין קיך איז ער דער משגיח איבער מילכיגס און פליישיגס און ניט־ווי ניט־ווען צעברעכט ער אַ פאַרדעכטיגטן טעלער, אָדער וואַרפט אַרויס אַ פאַרמישטן לעפל. אָט די אַלע צרות, קרעכצט מיין באַקאַנטער, האָב איך מיר אָנגעמאַכט מיט מיינע אייגענע הענט.

האָב איך מיר אַזוי אויסגעהערט דעם טאַטנ׳ס זיפצן, וואָס האָבן אַזש געשניטן ביים האַרץ, און איך האָב אים באַרואיקט.

— ס׳ איז טאַקע ניט גוט — האָב איך אים געזאָגט — איר ליידט פון אים גרויסע צרות. אָבער איין זאַך קען איך אייך פאַרזיכערן: קיין מלחמות אויף דער גאַס צוליב מיידלעך וועט ער ניט פירן. מיט באָמבעס וועט ער זיך ניט אַרומשלעפן. און אויב ער וועט אַמאָל אפשר פאַרפאַלן ווערן פון שטוב אויפדערנאַכט, וועט איר אים ניט דאַרפן זוכן צווישן דער פאַרדעכטיגער יוגנט פון אייער געגנט. העכסטנס, וועט איר אים דאַרפן זוכן ערגץ אין ליובאַוויטשער בית המדרש אָדער אין אַן אַנדער חסידים־שטיבל.

מאָנאָלאָג פון אַ חזן

וואָס קוקט איר מיך אָן? איר דערקענט מיך נישט? איך בין דאָך משה בליצטראָפּ, דער אַמאָליגער קאָמיקער פון אידישן טעאַטער.

פאַרוואָס איך בין אַראָפּ פון דער בינע?

הלוואי וואָלט איך נישט געווען אַרויף! איך בין אַזוי לאַנג געשטאָרבן אין פּיעסן אויף דער בינע, אַז כ׳האָב געזען אַז כ׳וועל שטאַרבן אויף אַן אמת — פון הונגער, בין איך אַוועק פון שאָו־ביזנעס און בין אַריין אין שוהל־ביזנעס. כ׳בין געוואָרן אַ חזן.

משה אוישער האָט געמעגט און משה בליצטראָפּ טאָר נישט?

האָב איך מיר געלאָזט וואַקסן אַ בערדל, אַזוי ווי אויף „סעמעלע׳ס בר־מצוה״ און זיך אַוועקגעשטעלט צום עמוד. נאָר יעדעס מאָל נעם איך מיר מיט אין שוהל אַריין אַ פלעשעלע קלעפּעכץ. עס דאַכט זיך מיר אַלץ אַז ס׳בערדעלע פליט מיר אַוועק, אַזוי ווי ס׳האָט זיך מיר, נישט היינט געדאַכט, געטראָפן ביים שפּילן „שמענדריק״.

אידן, עס איז מיר נאָך קיינמאָל נישט גוט געווען אַזוי ווי יעצט.

– איך דאַרף ניט קיין סופלאָר און טאָמער כאַפּ איך אַ בולבע, האָט נאָך אסור נישט געטראָפן, אַז אַ דאַוונער אָדער אַ גבאי זאָל מיך כאַפּן ביי דער האַנט. זיי זענען אַזעלכע „למדנים״ ווי איך!

איך דאַרף זיך נישט גרימירן. איך דאַרף נישט מאַכן קיין רויטע נאָז, מיט גרינע באַקן, מיט געלע ברעמען. בלויז יום כיפור מאַך איך מיר בלויע ליפּען, מ׳זאָל מיינען אַז כ׳פּאַסט...

אין אידישן טעאַטער האָב איך שטענדיג געהאַט צרות מיט׳ן רעפּערטואַר. אָט פאַלט דורך אַ פּיעסע, שטעלט מען באַלד אַ צווייטע, מיט פרישע ראָלן, מיט פרישע פּראָבן. אָבער אויף מיין איצטיגן דזשאַב קאָן שוין אַזאַ זאַך נישט טרעפן. ס׳געהט שטענדיג די זעלבע פּיעסע.

אין טעאַטער האָב איך געציטערט טאָמער פאַרפעהל איך אַ וואָרט. באַלד האָט דער עולם געטופּעט מיט די פיס. אָבער אין שוהל, להבדיל אַז כ׳פאַרפעהל אַפילו אַ גאַנץ זייטל, זענען נאָך די דאַווענערס צופרידן, ווייל זיי האָבן ווענינגער צו זאָגן.

און וויפיל איז דאָס ווערט, אַז איך בין פּטור געוואָרן פון די רעצענזענטן. אַז אַ רעצענזענט האָט נישט געקענט זידלען די אַקטיאָרן האָט ער אויסגעלאָזט דעם כעס צו דער פּיעסע. וואָס קאָן ער יעצט זאָגן, אַז די פּיעסע געפעלט אים נישט? אַז מיין „רבונו של עולם״ געפעלט אים נישט? קאָן ער מיך לאָדן צום „ונתנה תוקף״! אדרבא, לאָז זיך אַ רעצענזענט צו מיר טשעפּען, וועל איך אים מאַכן אַן „אל מלא רחמים״, אַז ער וועט מיך האָבן צו געדענקען!

און פּובליסיטי איז גאָרנישט? ווער האָט געהאַט דעם גרויסן עלעקטרישן סאַין פאַר׳ן אַריינגאַנג צום טעאַטער? דער סטאַר! געברענט האָט בלויז דער סטאַר און די אַקטיאָרן האָבן געצאַנקט ווי אַ ליכטל. אַז מען האָט מיך שוין אַמאָל אין אַ יאָר אַדווערטאַיזט מיט אַ פּיקטשע, איז די פּיקטשע געווען אַזוי גרויס ווי אַ דאַימל און מען האָט געמוזט גלויבן אויפ׳ן וואָרט, אַז כ׳האָב אַ נאָז מיט אויערן. היינט איז מיין פּיקטשע פאַר דער שוהל אַזוי גרויס אַזוי ווי מאָריס שוואָרצ׳ס פּיקטשע פאַר דער פּרעמיערע פון „יאָשקע קאַלב״. אַז מען עפנט

אויף אַ „פּאָרוועררטס״, זענט מען פּרעזידענט פאַרד׳ן פון פאָרנט און מיך פון הינטן.

אַמאָל, אַז מען פלעגט אַדווערטאַיזן ס׳טעאַטער האָט מען דעם סטאַר אַדווערטאַיזט מיט טאַימס סקווער בוכשטאַבן און מיך מיט רש״י־כתב. היינט אַדווערטאַיזט מען מיך אַזוי ווי אַלע חזנים: „דער וועלט׳ס גרעסטער חזן!״.

אַמאָל האָט דער סטאַר צוגענומען די גאַנצע פּראָזע און מיר האָט מען איבערגלאָזט די שטומע סצענעס. אויב איך האָב נישט וואָס צו טאָן אין דער פּיעסע, האָט מען מיך געהייסן אַרויסקומען באַלד אין אָנהויב פון צווייטן אַקט און זאָגן „גוט שבת״. היינט באַלאַנגט די גאַנצע פּראָזע צו מיר, און אַז כ׳וויל נעם איך מיר אַ רעיז: כ׳זאָג „יוצר״ אויך. איך זאָג די פּראָזע, איך זינג די לידלעך, און אַז ס׳קומט שמחת תורה, כאַפּ איך מיר אַ טענצל אויך.

אַמאָל האָב איך געהאַט געברענטע צרות פון די סטאַרס. ווער שמועסט ווען דער סטאַר האָט נאָך געהאַט אַ ווייב אויך, האָב איך שוין אינגאַנצן נישט געקענט קומען צום פּסוק, האָט זי שוין פאַרנומען די גאַנצע בינע. יעדע צווייטע ווערטער פּראָזע אירע איז באַגלייט געוואָרן הינטער די קוליסן דורך אַ פידעלע, וואָס האָט געשפּילט צוועלף מינוט מיט אַ סמיטשיק אַריבער.

ביי חזנות איז דאָך אַ מעכאַיע. איר האָט שוין געהערט אַז אויב אַ חזן האָט אַ ווייב, זאָל ער זי אַוועקשטעלן ביים עמוד און נאָך דערצו מיט אַ דעקאָלטירטען פון פאָרנט. העכסטנס פאַרשטופּט ער זי אין דער ווייבער־שוהל און פאַרדעקט זי מיט אַ פלאַכטע אָדער מיט אַ ליילעך.

איך זאָג אייך נאָכאַמאָל: עס איז אַ מעכאַיע צו זיין אַ חזן. מיט פּרנסה איז מען פאַרזאָרגט. אַלע אידן ווילן זיך אויסבעטן אַ גוט יאָר און איך זאָל פאַר זיי לויפן בעטן. אַז אַ איד קומט קויפן אַ טיקעט פאַר די הייליגע טעג, זאָגט אים דער גבאי: „ווי פּראַמיס יו אַ כתיבה וחתימה טובה, אָר יור מאָני בעק!״...

מילא ראש השנה און יום כיפור איז דאָך ביי מיר אָפּגערעדט, אַרבעט איך דאָך אָווערטאַים. אָבער אַ גאַנץ יאָר איז אויך ניט צו פאַרזינדיקן. אַמאָל האָב איך געמוזט אַרבעטן אַ גאַנצע וואָך, איך זאָל קוים האָבן אויף איין שבת. איצט אַז איך אַרבעט איין שבת, האָב איך אויף אַ גאַנצע וואָך. היינט וואו איז אַ ברית׳ל? דאָס גיט אויך פּרנסה. אויב נישט קיין גאַנצע פּרנסה, איז אַ שטיקעלע. ווער שמוטעסט ווען ס׳מאַכט זיך צוויי ברית׳ן אין איין טאָג, האָב איך דאָך גאַנץ גוט אָפּגעשניטן! לאַנג נעמט עס נישט, כ׳מאַך עס בקיצור!

און וואו איז אַ בר־מצוה׳לע, אַ חופּה׳לע? און אַ מת׳ל גייט אויך נישט צו־פוס! אַז איך פיר אַ חתן־כלה צו דער חופּה, זעה איך באַלד צוויי מתים!...

בקיצור, מיר איז גוט, מיר איז וואויל, כ׳בין אַ חזן!

אַ גרינער אַפּיקורס דאַוונט אין אַן אַמעריקאַנער שוהל

מענדל איז אַ גרינער מיט דער פלאָמבע. ערשט נישט לאַנג האָט אים זיין אַמעריקאַנער פעטער געבראַכט פון בעלגיע קיין אַמעריקע. דערווייל איז ער ביים פעטער אויף קעסט, ביז ער וועט זיך איינאָרדענען אין אָנקל סעם׳ס מדינה און דאָ קענען מאַכן אַ לעבן.

מענדל איז אַהער געקומען אָנהויב חודש אלול. אַז עס האָט זיך דערנענטערט ראש השנה האָט דער פעטער געקויפט מענדלען אַ טלית און אים מיטגענומען אין שוהל אַריין.

מענדל, וועלכער איז אַ פּרינציפּיעלער פריידענקער, האָט אין דער שוהל געפילט אַ ביטערן טעם. ווען ער האָט געעפנט דעם „פאַנאַטישן מחזור" איז אים פינסטער געוואָרן אין די אויגן. אַ געניאַלער געדאַנק איז אים באַלד געקומען אין קאָפּ אַריין און ער האָט זיך געטראַכט: אויב עס איז אים שוין יאָ באַשערט „אָפּצופינסטערן" אין שוהל אַ גאַנצן ראש השנה און אַ גאַנצן יום כיפור זאָל ער כאָטש האָבן אַ פּראַקטישן נוצן דערפון: אַזוי ווי דער מחזור איז מיט אַן ענגלישער איבערזעצונג, וועט ער פלייסיג שטודירן די ענגלישע תפילות און אַזוי אַרום וועט ער אפשר נאַשן די ענגלישע שפּראַך. דורך די דריי טעג יום טוב וועט ער זיך אויסגרינען מער ווי אַנדערע גרינע אין דריי חדשים.

דעם חזן מיט׳ן כאָר האָט מענדל געהערט מיט איין אויער, דאַקעגן האָט ער געשלונגען די ענגלישע תפילות ווי הייסע קרעפּלעך. דער גרעסטער חסיד פיהלט נישט אַזאַ זיסן טעם ווען ער דאַוונט צום „אדון עולם" ווי מענדל פריידענקער האָט געפילט ווען ער האָט געדאַוונט צום „לאָרד אָוו דהי יוניווערז".

ביז ראש השנה האָט מענדל געקענט בלויז דריי ווערטער ענגליש: „אַבעטשע" „קאַרפּעטנער" און „סופּעטענדער", וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט פון זיין מומע. יום כיפור נאָך נעילה דאַקעגן איז ער אַהיימגעגאַנגען פון שוהל אָנגעשטאָפּט מיט אַ מחזור׳דיקן ענגליש אַזוי ווי אַ מילגרוים מיט קערעלעך.

באַלד צומאָרגנס נאָך יום כיפור האָט ער כמעט אויפגעהערט צו „יוזען" אידיש און ער האָט „געטרייט" צו רעדן בלויז ענגליש, מחזור׳דיקן ענגליש.

ווען די מומע האָט אים געשיקט איינקויפן פּראָדוקטן, איז ער אַריין אין „בעיקערי" און געזאָגט צו דער פאַרקויפערין:

—אָה, מאַי לאָרד, גיוו ברעד טו יור סלעיוו!"

ווען ער איז פון דאָרט אַריין אין אַ גראָסערי, האָט ער אויסגערופן צום גראָסערימאַן:

— „אָה, היר מאַי וואָיס, פולפיל מאַי דיזאַיר, ענד גיוו מי מילק!״

וועלנדיק איינלאַדן צו זיך אַ פריינד, וועלכן ער האָט באַקענט אין שוהל, האָט ער דעם פריינד טעלעפאָנירט:

— „פליז, וויזיט מי וויטה דהי וויזיטעישאָן אָוו סאַלוועישאָן!״

באַלד נאָך יום כיפור האָט מען מענדל׳ס פעטער גערופן צום טעלעפאָן. עס האָט גערעדט דער פּאָליס־קאָמישאָנער פון נאָהענטסטן פּאָליס פּריסינקט און ער האָט געפרעגט מיט אַן אַלאַרמינדיקן טאָן:

— מיסטער, האָט איר אַ נעפיו וואָס הייסט מענדל?

— יע — האָט דער פעטער מיט שרעק געענטפערט — וואָס איז געשעהן?

— אייער נעפיו מענדל — האָט דער פּאָליסמאַן דערקלערט — איז אַ געפערליכער פאַרברעכער. מיר האָבן אים געשמידט אין קייטן! ווי קומט איר צו געבן אַזאַ פאַרברעכער אַ דאַך איבער׳ן קאָפּ און אים נאָך ברענגען קיין אַמעריקע? ווייניג פאַרברעכער האָבן מיר אין אַמעריקע אָהן אים? אייער נעפיו איז אַריבער די גאַס אינמיטן די „רעד לאַיטס״ און אונזער אַ פּאָליסמאַן האָט עס באַמערקט. ווען דער פּאָליסמאַן האָט אים אָפּגעשטעלט, האָט זיך אייער נעפיו מענדל געקלאַפּט אין האַרצן אַריין און ער איז באַלד אַרויס מיט אַ „קאָנפעשאָן״. ער האָט געזאָגט: „אַי העוו סטאָלן, אַי העוו קאָמיטעס וואַיאָלענס, אַי העוו קאָמיטעד מוירדער!״ דער פויגל שטייט דאָ מיט מיר ביים טעלעפאָן, רעדט מיט אים מיסטער!

— מענדל! — האָט דער פעטער אַ פאַרצווייפלטער געפרעגט — וואָס איז געשעהן?

— וואָס האָט געזאָלט געשעהן? — האָט זיך מענדל פאַרענטפערט. — ווען דער פּאָליסמאַן האָט מיך פאַרהאַלטן, האָב איך זיך דערשראָקן און געזאָגט ווידוי. איך האָב זיך געקלאַפּט אין האַרצן אַריין און געזאָגט אויף ענגליש: אָשמנו, בגדנו, גזלנו, חמסנו״, אַזוי ווי עס שטייט אין ענגלישן מחזור!...

מיין ביטערער סוף אין אַ סאָוועטישן צירק

דאָס האָט מיט מיר פּאַסירט אין סאָוועט־רוסלאַנד וואו איך האָב גע׳גלות׳ט בעת דער 2־טער וועלט־מלחמה. דאָרט בין איך געווען אַ מענטש מיט אַ סך פּרנסות: כ׳בין געווען אַ פילם־סטאַר, אַן אויפזועהער אין אַ טאַנץ־זאַל, אַן „אָבראַניק (שומר) אין אַ רוסישן טעאַטער, אַ מאַגאַזינער פון אַמעריקאַנער מלבושים, אַ „לערער״ אין אַ רוסישער שולע. ווי פלעגט מען זינגען אין אידישן טעאַטער: „אַ סך מלאכות און...״ אַ געווויסע צייט האָב איך געאַרבעט אין אַ צירק.

דער צירק וואו איך האָב געאַרבעט איז געשטאַנען אין איינער פון די הייסעסטע שטעט אין סאָוועטישן מיטל־אַזיע, אין אָריענטאַלישן אשכאבאד, וואָס ליגט אַ קאַצענשפּרונג פון דער פּערסישער גרעניץ. אשכאבאד האָט אַ געמויערטע שטענדיקע צירק־געביידע אויף סוואָבאָדאָ גאַס. דער צירק איז געשטאַנען לעדיג אין אָקטאָבער, 1941, ווען דער פּליטים־טעאַטער פון דזשיגאַן און שומאַכער, מיט וועלכן איך האָב מיטגעוואַנדערט, איז אַהין געקומען. דער צירק איז גראַד דאַמאָלס אַרומגעפאָרן אויף גאַסטראָלן.

ווען אונזער פּיפיגער מעאַטערדירעקטאָר, דער אָדעסער איד אומאַנסקי, אַ קרוב פון׳ם אַמאָליגן סאָוועטישן אַמבאַסאַדאָר אין וואַשינגטאָן, האָט געזעהן, אַז דער אשכאבאדער צירק שטעהט לעדיג, איז אים איינגעפאַלן, אַז אונזער טעאַטער, וואָס איז דאַמאָלס געווען אויף גרויסע צרות, קאָן פון דעם לעדיגן צירק שעפּן פּרנסה. יעדן אָוונט, האָט ער באַשלאָסן, וועלן אונזערע אַקטיאָרן און זינגער דאָרט געבן אַ קורצן קאָנצערט אויף אַ צעבראָכענעם רוסיש. נאָר דער פאָרשטעלונג וועט אונזער אייגענער טעאַטער־אָרקעסטער פון ביאַליסטאָקער און גראָדנער אידישע מוזיקאַנטן שפּילן טאַנץ־מוזיק אָן דאָס גאַנצע פּובליקום וועט טאַנצן אויף דער אַרענאַ פון צירק.

די איינציגע שטערונג איז בלויז געווען אַ טעכנישע: אַ צירק־אַרענאַ באַשטעהט פון אַ זאַמדיגן באָדן. ווי־זשע קאָן מען טאַנצן אויף זאַמד? האָט מען גענומען סטאָליאַרעס און מ׳האָט דעם זאַמד באַדעקט מיט געהובליעוועטע ברעטער און ס׳איז געגאַנגען אַ גאַנג. נאָך יעדער פאָרשטעלונג האָט זיך דער גאַנצער עולם צעלאָזט מיט די אמת׳ע וואַלסן, פאָקסטראָטן, קאָזאַטשאָקס, און די נייע הילצערנע פּאָדלאָגע האָט זיך אַזש געהויבן פון די פּאָלקאָס און קאַמאַרינסקעס.

מיין אַרבעט אין צירק איז געווען אויפצופּאַסן ביי די טענץ און היטן די אָרדנונג. מ׳האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז ווען איין טאַנצענדיקער שייגעץ וועט זיך צעקריגן מיט אַ צווייטן שייגעץ צוליב אַ שיקסע, זאָל איך זיך אַריינמישן און מאַכן שלום.

פאַרשטייט זיך, אַז יעדעס מאָל ווען ס׳איז געקומען דערצו, אַז איך זאָל דערפילען מיין מיסיע און מאַכן שלום, בין איך פאַרשוואונדן פון צירק, ווייל ווען איך וואָלט דאַמאָלס געפּרואווט צו מאַכן שלום. וואָלט איך היינט ניט געזעסן אין רעדאַקציע פון „פאָרווערטס״, נאָר ערגעץ אין אַ הקדש פאַר קאַליקעס.

דאָס טאַנץ־געשעפט איז אַוועק גאַנץ נישקאָשע, אָבער אויף האָטעל געלט פאַר׳ן טעאַטער־פערסאָנאַל האָט אַלץ ניט געסטייעט און דער האָטעל „דאָם סאָוועטאָוו״ האָט אונז ניט אַריינגעלאָזט שלאָפן. דאָ איז אונזער פיפיגער דירעקטאָר ווידער געפאַלן אויף אַ פּלאַן: אַזוי ווי די גרויסע רונדיקע אַרענאַ פון צירק איז, ווי אין אַלע צירקן, געווען אַרומגענומען מיט אַ הילצערנער באַריערע, באַדעקט מיט פּלוש פון אויבן, האָט ער גע׳פּסק׳נט, אַז יעדן בינאַכט קענען מיר זיך גאַנץ פיין אויסציען אויף, דער באַריערע און דאָרט האָבן זיסע חלומות.

אַזוי איז טאַקע געווען. מיר אַלע טעאַטער־מענטשן זיינען געשלאָפן אין „געשעפט״. יעדע נאַכט האָט זיך די גאַנצע מחנה פון אַ מאַן דרייסיג, מענער און פרויען, אויסגעצויגן אויף דער באַריערע אַרום דער צירק־אַרענאַ, האַלב הונגעריקע, און געכראָפּעט. ס׳האָבן זיך צונויפגעפלאָכטן הענט מיט אַקסלען, קעפּ מיט פיס, און ניט איינער האָט געזויגן די פינגער פון צווייטנס פיס און ס׳האָט זיך אים גע׳חלומ׳ט, אַז ער עסט אַ סטעיק.

זיינען מיר אַזוי אָפּגעשלאָפן אין אשכאַבאַדער צירק אַ צוויי וואָכן, ביז איינמאָל אינמיטן נאַכט איז אין צירק געוואָרן אַ גרויסע טרעוואָגע וואָס האָט אַלעמען אויפגעוועקט פון שלאָף און געשטעלט אויף די פיס. אין אָנהויב האָבן מיר געמיינט, אַז ס׳ברענט, אָבער באַלד האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די אַקראָבאַטן, קלאַונס און דרעסירער פון אשכאַבאַדער צירק זיינען אינמיטן נאַכט צוריקגעקומען פון זייערע גאַסטראָלן. ווען זיי זיינען אַריין אין צירק און געזעהן דעם „חורבן״, ווי אידישע אַקטיאָרן האָבן דעם צירק פאַרוואַנדלט אין אַ טעאַטער, זיינען זיי אַריין ממש אין אַ היסטעריע.

דער הויפּט־קלאָון פון צירק, אַ הויכער, דאַרער רוס, האָט זיך באַלד אַוועקגעשטעלט אינמיטן דער אַרענאַ און געהאַלטן אַ רעדע מיט אַזאַ ברען און פלאַם, ווי ער וואָלט געשלונגען פייער און שווערדן פאַר׳ן צירק־פּובליקום.

— מיט וועלכן רעכט — האָט ער געשריבן — האָט איר, בראַדיאַגעס, זיך אַריינגעריסן אין אונזער הייליגטום, אין אונזער צירק, און אים פאַרשוועכט און פאַרפּאַטשקעט מיט טעאַטער־שפּיל, מיט טענץ? איבער אונזערע קערפּערס וועט איר דאָ שפּילן טעאַטער! אויף אונזער צירק־אַרענאַ וועט קיין ברעטער־פּאָדלאָגע ניט ליגן! זאַמד איז דאָ געווען און זאַמד וועט זיין ווייטער! מיר זיינען דאָ אַהער ניט געקומען צו אונזער לוויה! אונזער אַרענאַ וועט מער ניט פאַרשוועכט ווערן דורך מענשליכע טענץ. פערד, העלפאַנטן, בערן און מאַלפּעס האָבן דאָ געטאַנצט און וועלן ווייטער טאַנצן!

אַזוי, אומגעפער, האָט געקלונגען דעם קלאַונ׳ס רעדע, וואָס איז געווען באַגלייט מיט די בייזע בליקן פון זיינע חברים אַקראָבאַטן, דרעסירער און זשאָנגליאָרען.

מיר פון טעאַטער־סטעף האָבן זיך אָנגעקוקט איינער דעם צווייטן האַלב פאַרשלאָפענע און האָבן פאַרשטאַנען דעם צער פון די צירק־אַקטיאָרן. אַקטיאָרן פאַרשטעהען זיך געגענזייטיג, מעגן זיי זיין פון אַנדערע מינים. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז מיר האָבן פאַרשוועכט ניט בלויז דעם כבוד פון די קלאַונס, אַקראָבאַטן און דרעסירער, נאָר מיר האָבן אויך פאַרשעמט זייערע פיר־פיסיגע ליבלינגען: די פערד, לייבן, בערן און מאַלפּעס. ניט אָפּרעדנדיק זיך פריער, האָבן מיר אַביסעלע שפּעטער פאַרלאָזט די געלעגערס אויף דער צירק אַרענאַ און מיט פּעקלעך און טשעמאַדאַנעס אין די הענט אַוועקגעוואַנדערט אין ווייטערדיקן גלות און פאַרלאָזט דעם צירק אויף אייביק.

אַ דרשה נאָך נעילה „אָנלי אין אַמעריקאַ״

מ׳זאָגט אַז אין מאַנכע סינאַגאָגעס און טעמפּלען אין די גרויסע שטעט אין אַמעריקע איז איינגעפירט געוואָרן אַ נייער מנהג: יעדן ערב יום כיפור אָוונט, נאָך „כל נדרי״, שטעלט זיך דער שוהל־פּרעזידענט אַוועק און האַלט אַ קורץ דרשה׳לע, אַזוי צו זאָגן:

„לעידיס ענד דזשענטלמען. איך מאַך באַקאַנט, אַז איבעראַיאָר יום כיפור וועט מען אָנהויבן זאָגן „כל נדרי״ אין דערזעלבער צייט ווי היינט. פּליז, פאַרשפּעטיקט ני׳ט. טענקיו!״

דאָס רעדט ער צו די דאַוועניערס און דאַוועניערינס, וואָס קומען אין שוהל אַריין בלויז איין מאָל אין יאָר, צו „כל נדרי״.

אַזעלכע דאַוועניערס זענען דאָ ביי אונז אַ שפּאָר ביסל.

עס זענען ביי אונז פאַראַן אַ סך אַ סך מער „כל נדרי־אידן" ווי „כל מקדש־אידן", דאָס הייסט, ווי אַזעלכע אידן וואָס דאַווענען יעדן פרייטאָג צו נאַכטס אין שוהל, און ווען זיי קומען אַהיים פון שוהל זאָגן זיי צום ווייב מיט די קינדער „שלום עליכם, עליכם שלום".

באַמערקונג צום יונגן דור אַמעריקאַנער אידן, צו דער „יאָנג דזשענערעישאָן":

דאָס איז נישט דערזעלבער שלום עליכם, וואָס האָט געמאַכט די שאָו „פידל אַן דהי רוף". די ליריקס וואָס יענער שלום עליכם האָט געשריבן הייסן נישט „מעטשמעיקער, מעיק מי עי מעטש", נאָר „לכה דודי לקראת כלה".

זיי הייסן נישט „סאַנראַיס, סאַנסעט", נאָר „השמש יבוא ויפנה" (פון נעילה).

זיי הייסן נישט „איף איי וואוד בי ריטש", נאָר „מי יעני ומי יעשר" (פון „ונתנה תוקף").

זיי הייסן נישט „לחיים טו לאַיף", נאָר „חיים של פרנסה, חיים של שלום!" (פון ראש חודש־בענטשן).

מ'האָט פאַרבאָטן די דאַווענערס צו רעדן אין מאָסקווער שוהל

די פרעסע האָט געמאָלדן אַז דער מאָסקווער רב האָט צוזאַמענגערופן די דאַווענערס פון דער מאָסקווער גרויסער שוהל און זיי שטרענג געוואָרנט נישט צו רעדן מיט אויסלענדישע טוריסטן וואָס באַזוכן די שוהל.

ווער ס'האָט אָבער געלעבט אַ לענגערע צייט אין סאָוועט רוסלאַנד, ווייסט אַז די סאָוועטישע מענטשן גיבן זיך אַן עצה אין דער שווערסטער סיטואַציע.

כאָטש מען טאָר נישט רעדן אין שוהל וועט זיך ערגעץ דאָרט געפינען אַ דורכגעטריבענער דאַווענער איד, וואָס וועט זיך דורכשמועסן גאַנץ געמיטליך מיט אַ טוריסט אויף אַזאַ אופן אַז עס זאָל נישט פאַלן אויף אים קיין שום פאַרדאַכט, אַז ער טוט אַזאַ „שרעקליכע זאַך".

ווי אַזוי וועט ער עס מאַכן? ער וועט עס מאַכן גאַנץ איינפאַך. ווען דער טוריסט וועט רעדן צום דאַווענער, וועט דער דאַווענער נישט אַרויסנעמען די אויגן פון סידור און ער וועט אים ענטפערן מיט פסוקים פון דאַווענען.

איך קאָן זיך פאָרשטעלן ווי אַזאַ שמועס וועט אויסזעהן און איך וויל דאָ מאַכן אַ שטיקל פרואוו איבערצוגעבן אַ מוסטער פון אַזאַ שמועסל.

איך האָף, אַז אפילו מיינע לעזער וואָס פאַרשטייען נישט קיין לשון־קודש

וועלן די לשון־קודש׳דיקע ענטפערס יאָ פאַרשטיין, ווייל זיי זיינען גענומען פון סידור, און ווער פון אונז אויב אפילו ער דאַוונט נישט איצט,האָט נישט אַמאָל געדאַוונט?

אָט איז אַזאַ שמועסל, ווי איך שטעל עס מיר פאָר:

ט ו ר י ס ט: וואָס זענט איר אַלע געווען ביי סטאַלינ׳ען?

ד אַ ו ו ע נ ע ר: עבדים היינו.

ט ו ר י ס ט: כ׳זעה אומעטום אָטשערעדן. ווער שטייט אַלץ אין אָטשערעד?

ד אַ ו ו ע נ ע ר: בחורים וגם בתולות, זקנים עם נערים.

ט ו ר י ס ט: ווען דו אַשטייגער שטייסט אין אטשערעד, ווען קומסטו אַריין אין קראָם?

ד אַ ו ו ע נ ע ר: אחרי ככלות הכל.

ט ו ר י ס ט: דו רעדסט אַמאָל מיט אויסלענדישט טוריסטן?

ד אַ ו ו ע נ ע ר: אתה הוא ראשון ואתה הוא אחרון.

ט ו ר י ס ט: די סאָוועטישע פרעסע האָט עפּעס אַ ווערט?

ד אַ ו ו ע נ ע ר: אשר יצר.

ט ו ר י ס ט: דו ביסט יעצט אַרומגעוויקלט מיט אַ טלית. ווי זעהט אויס דיין אָנצוג, דיינע הויזן?

ד אַ ו ו ע נ ע ר: נקבים נקבים, חלולים חלולים.

ט ו ר י ס ט: ווען דאָס רוסישע פאָלק געהט צום וואַהל־קאַסטן, וואָס טוען זיי דאָרט?

ד אַ ו ו ע נ ע ר: ואָמר כל העם אָמן.

ט ו ר י ס ט: ביי אַנדערע סאָוועטישע פעלקער, חוץ אידן, האָט מען אויך פאַרמאַכט די שקאָלעס?

ד אַ ו ו ע נ ע ר: לא עשה כן לכל גוי.

ט ו ר י ס ט: וואָס זאָגט ברעזשניעוו וועגן זיך?

ד אַ ו ו ע נ ע ר: עושה שלום ובורא את הכל.

ט ו ר י ס ט: לויט דיין הולך זעה איך אַז דו טוסט מסתם אָן אַ פריש העמד איין מאָל אין אַ יובל. אַ גרויסע „שישקע״ טוט אויך אַזוי?

ד אַ ו ו ע נ ע ר: מחדש בכל יום תמיד.

ט ו ר י ס ט: ס׳איז נאָך אַלץ ביי אייך דאָ ענקאַוועדע?

ד אַ ו ו ע נ ע ר: מלא כל הארץ כבודו.

ט ו ר י ס ט: ווי איז געזינטער פאַר אַ סאָוועטישן איד — צו געהן דאַוונען אָדער צו זיצן אינדערהיים?

ד אַ ו ו ע נ ע ר: אשרי יושבי ביתך.

ט ו ר י ס ט: ווי מיינסטו, אַ סאָוועטישער איד מעג געהן אין אַ האָטעל אַריין באַזוכן אַ טוריסט?

ד אַ ו ו ע נ ע ר: אשרי האיש אשר לא הלך.

געזאָלין און כשר פלייש זענען
די טייערסטע פּראָדוקטן

מיט וועמען מען רעדט, באַקלאָגט ער זיך אויפ'ן יקרות. אַלץ איז בראַנד טייער. דער גרעסטער יקרות איז היינט אויף אויל, ברענשטאָף, געזאָלין. מען מעג דעם פראָדוקט דרייסט אָנרופן נישט געזאָלין נאָר „גזל'ין", פון וואָרט „גזלה, גזלן".

מילא אַז געזאָלין און אויל זענען טייער איז נישט קיין וואונדער. דער מלך פייזאַל, דער „אויל מלך נאמן", קאָנקורירט מיט לענינ'ען. לענין האָט איינגעפירט „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט", האָט פייזאַל איינגעפירט „דיקטאַטור פון פעטראָלעאום".

דער חידוש איז בלויז וואָס דער צווייט־טייערסטער פראָדוקט נאָך געזאָלין איז איצט כשר פלייש.

איך פערזענלעך האַלט אַז עס איז זיך נישטאָ וואָס צו חידוש'ן דאַרויף וואָס כשר פלייש איז אַזוי טייער. עס איז אַן אַלטער כלל, אַז אידישקייט קאָסט נישט ביליג. אויב מען וויל זיין אַ איד, מוז מען זיין גרייט צו גיין אויף קידוש השם און אויף „קידוש הקעשענע".

אַזוי איז געווען אַמאָל אין דער אַלטער היים און אַזוי איז איצט אין אַמעריקע.

יעדעס מאָל ווען איך דערמאָן זיך באָריס טאָמאַשעווסקי'ס באַרימטן קופּלעט פון „פינטעלע איד", אַז „אַ איד צו זיין איז טייער, אַ איד צו זיין איז גוט!" טראַכט איך ביי זיך: צי עס איז גוט צו זיין אַ איד, בין איך שטאַרק מסופק, אָבער אַז עס איז ט י י ע ר, דאָס איז נעבעך אמת! אוי איז עס טייער! עס קאָסט מער צו זיין אַ איד אין באָראָ־פּאַרק ווי צו זיין אַ גוי אויף פּאַרק־עווניו!

אידישקייט קומט נישט אָן גרינג און עס פאַלט נישט אַראָפּ פון הימל. בלויז איין מאָל איז עס אַראָפּגעפאַלן פון הימל, דאָס איז געווען ביי מתן תורה האָבן אידן געכאַפּט די תורה ווי הייסע לאָקשן און זיי האָבן זיך דערנאָך פערציג יאָר

לאַנג געמוזט דערנערן אין מדבר מיט וואַיטאַמין, איך מיין מיט „וויטא־מן״, וואָס איז אויך געפאַלן פון הימל בחינם.

די דאַמאָלסדיגע מציאות האָבן שפעטער אַריינגעטריבן אין אַ סך געלט. פון דעמאָלט אָן מוז מען פאַר אידישקייט באַצאָלן זעהר טייער. וויל אַ קינד לערנען אַ ביסעלע אידישקייט, כאָטש אויפ'ן שפיץ־מעסער, מוז מען באַצאָלן רבי־געלט. וויל מען עסן כשר, מוז מען באַצאָלן קישקע־געלט. וויל מען, נאָך הונדערט און צוואַנציג יאָר, קומען צו קבר־ישראל, מוז מען באַצאָלן קבורה־געלט.

איך האָב מורא אַז ווען משיח וועט קומען וועט מען דעם שור הבר מיט דעם לויתן אויך נישט געבן בחינם. ס'וועלן זיך שוין געפינען אידן וואָס וועלן „נעמען קעיר״ דאַרויף. אויב נישט וועלן זיי אויפ'ן שור הבר נישט געבן קיין הכשרים, פונקט ווי זיי פאָדערן היינט פון ישראל „גיור כהלכה״, וועלן זיי דעמאָלט פאָדערן „שור הבר כהלכה״.

יאָ רבותי, די העכסטע שטופע פון כשרות ווערט אָנגערופן „גלאַט־כשר״, אָבער עס איז נישט אַזוי „גלאַט״ ווי מען מיינט...

ווי זעהט אויס דער ליבער פורים אין אַמעריקע?

אַלץ דאַרף האָבן אין אַמעריקע מזל, אַפילו אַ אידישער יום־טוב.

גראָד מיט טרויערדיקע אידישע ימים־טובים האָבן אַמעריקאַנער אידן מער שמחה ווי מיט די פרעהליכע ימים טובים. ראש השנה, יום כיפור דערקענט מען דאָ גיכער אין די גאַסן ווי פסח, ווי שבועות, ווי פורים. מעג דער טרויעריגער יום כיפור אויספאַלן מאָנטאָג, אָדער דאָנערשטאָג, איז דאַמאָלס פוסט אין די אידישע גאַסן און פול אין די שוהלן. אפילו אין דער לופט וועט איר אין די אידישע געגנטן דערפיהלן דעם יום־כיפור. איר וועט אָבער דאָ ניט דערפיהלן אין דער לופט דעם פורים, פסח, שבועות.

מיר דאַכט זיך, אַז ס'איז פאַראַן דערפאַר אַ שטיקל פסיכאָלאָגישע סיבה.

דער סוקסעס פון די וויינענדיקע ימים־טובים איז ביי אונז אפשר דערפאַר ווייל מען מוז אויף אַזעלכע ימים טובים וואַרטן אַזש אַ גאַנץ יאָר. וויל אַ איד, אַ קנאַפער דאַוועוער, הערן שופר בלאָזן, מוז ער וואַרטן ביז ראש השנה. וויל ער ליקווידירן די עבירות, מוז ער וואַרטן ביז יום כיפור. וויל אַ ווייבל זיך לייטיש אויסוויינען, מוז זי אַוודאי וואַרטן ביז יום כיפור. אַ גאַנץ יאָר קאָן זי זיך אויסוויינען בלויז אויפ'ן שפיץ מעסער. יום כיפור וויינט זי האָלסעיל.

די טרויעריגע ימים טובים זיינען זעלטענע געסט און זעלטענע געסט זיינען מער אָנגעלעגט.

אַז ס׳קומט אָבער אַ פרעהליכער יום־טוב, איז ער ניט קיין שום איבערראַשונג. קיין נייעס ברענגט ער ניט. ער קומט אַן אויסגעוועפטער, אַן אָפּגעדאַווענטער.

נעמט אַ שטייגער דעם פרעהליכן יום טוב פסח. מיט וואָס קאָן ער איבערראַשן אָנקל סעמ׳ס אידן? מיט מצות? מצות עסט מען דאָ אַ גאַנץ יאָר, פונקט ווי פּאָמפּערניקל, ווי בייגל, ווי ביאַליסטאָקער פלעצלעך.

ווען אַן אַמעריקאַנער איד מאַכט ביים סדר די ברכה „על אכילת מצה״, דאַכט זיך אים, אַז ער מאַכט אַ „ברכה לבטלה״, אַן אומזיסטע ברכה, ווייל ערשט מיט אַ טאָג פריער האָט ער געגעסן מצה און אַ טאָג נאָך פסח וועט ער ווידער עסן מצה.

ס׳אייגענע איז מיט קניידלעך. וואו נאָר אַ באַנקעט, אַ בר־מצוה, אַ חתונה, באָדט זיך דאָרט אין דער יויך אַ קניידל. דער קלענסטער באָל קאָן זיך ניט באַגעהן אָהן „מצה־באָל״. דערפאַר האָבן די פסח׳דיקע קניידלעך ניט קיין פסח׳דיקן טעם. צווישן קניידלעך מיט קניידלעך עסט מען ווידער קניידלעך.

נאָך אַ נס וואָס מרור איז ביטער, אַז ניט וואָלט מען עס דאָ אויך געשלונגען אַ גאַנץ יאָר, פונקט ווי מען שלינגט אַ גאַנץ יאָר שבועות׳דיקע בלינצעס וואָס שווימען אַרום אין סמעטענע.

די אייגענע מעשה איז מיט פורים. ווען דער פורים קומט אין אָנקל סעמ׳ס לאַנד אַריין, איז ער שוין אַן אָפּגענוצטער פורים, אַ „געיוזטער פורים״.

מיט וואָס, כ׳לעבן, איז דער פורים אַ יחסן?

שלח־מנות טראָגט מען דאָ אַ גאַנץ יאָר. אדרבא, לאָמיר זעהן, טרעט דאָ איבער עמיצענס אַ שוועל אָהן אַ באַקס קענדי אין האַנט? אויב איר קומט מיט אַ ליידיגער האַנט, האָט עס ניט קיין האַנט און קיין פוס.

אויף המן־טאַשן ווידער דאַרף מען דאָ אויך ניט וואַרטן ביז דער מגילה. אויך דאָס שלינגט מען אַ גאַנץ יאָר. צו אַ וואָכעדיג גלאָז טיי דערלאַנגט אייך די באַלעבאָסטע אַ המן־טאַש מיט מאָן און זי מאָנט. אַז איר זאָלט נאָך עסן.

פון קרעפּלעך איז שוין אָפּגערעדט. אפילו אַ קבצן, וואָס לעבט פון „וועלפעיר״ שעמט זיך שוין דאָס צו עסן.

אפשר וואָלט מען געקענט הנאה האָבן פון גראַגער, מאַכט מען מיט׳ן גראַגער אַ שהחיינו ניי־יאָר ביינאַכט אויף די „פּאַרטיס״ און אַז ס׳קומט צו דער מגילה איז ער שוין אַן אָפּגעגראַגערטער.

בקיצור, די פרייליכע ימים־טובים ליידן ביי אונז פון איבערפּראָדוקציע.

ראש השנה און יום כיפור האָבן ביי אונז מער חשיבות, ווייל זיי זיינען ימים־טובים פון „זאָגן". פורים, פסח, שבועות זיינען אָבער מער ימים־טובים פון מ אָ ג ן ווי פון ז אָ ג ן . און דעם מאָגן קען מען ביי אונז ניט איבערראַשן. אין דער טיפעניש פון אונזער מאָגן איז שטענדיק יום־טוב אינדערוואָכן.

דעריבער מאַכט מען ביי אונז ניט קיין צימעס מיט'ן פסח'דיקן צימעס און מ'רוישט ניט צופיל מיט'ן גראַגער.

ס'איז אויף אונז מקוים געוואָרן דאָס שפּריכוואָרט „אַ גאַנץ יאָר שיכור און פּורים ניכטער".

חנוכה האָבן די ליובאַוויטשער ישיבה בחורים אַ לייכטע אַרבעט

פון חנוכה האַלטן אידן אין אַמעריקע גאָר שטאַרק. אפשר מער ווי פון אַנדערע ימים טובים.

סוכות לויפן אַרום איבער די גאַסן פון ניו יאָרק ליובאַוויטשער ישיבה בחורים און וואו עס גייט ערגעץ דורך אַ מענטש, וואָס האָט נאָר אַ שטיקל סימן פון אַ אידישער נאָז, שטופּן זיי אים אַריין מיט כוח אין די הענט אַריין אַ לולב מיט אַן אתרוג.

חנוכה דאַרפן די ליובאַוויטשער ישיבה בחורים נישט אַרומלויפן אין גאַס און שטופּן די דורכגייענדיקע אידן לאַטקעס אין מויל אַריין. אידן עסן לאַטקעס אָן צוואַנג, אינגאַנצן „דאָברעוואָלנע", פרייוויליג.

פון אַזאַ מצווה זאָגט זיך אפילו דער פאַרביסענסטער ראַדיקאַל נישט אָפּ.

איך האָב חנוכה אַליין געזעהן אַ לאַטקע סצענע אין הויז וואו איך האָב געוואוינט אין ברוקלין, וואָס באַשטעטיגט דאָס אויבנגעזאָגטע.

אין יענעם הויז האָט געוואוינט אַ וועלטלעכער איד אַ ראַדיקאַל, אַן אַפּיקורס, אַ גוט שטעהענדיקער מעמבער פון אַ ראַדיקאַלער יוניאָן. אָבער זיין ווייב איז, נישט פאַר אים געדאַכט געוואָרן געכאַפּט אויף רעליגיע. וואָס עלטער זי איז געוואָרן אַלץ פרומער איז זי געוואָרן. איר מאַן פלעגט זאָגן, אַז אַנשטאָט זיך צו דערהויבן דאַרוויניסטיש, ווערט זי וואָס אַמאָל מער „פאַנאַטיש".

איין מאָל, אין מיטן חנוכה, איז צווישן דעם פּאָרפאָלק פאָרגעקומען אַזאַ מין שמועסל:

ע ר: ווייסטו וואָס, ווייבעלע מיינס, אַזוי ווי עס איז איצט חנוכה ביי אידן,

וואָלט געווען אַ יושר אַז דו זאָלסט פּרעגלען אַ פּאָר לאַטקעס. די נשמה גייט מיר אויס נאָך אַ לאַטקע, געפּרעגלט אויף בוימל.

ז י: אויב דו ווילסט עסן לאַטקעס, מילא, וועל איך דיר מאַכן, אָבער פּריער מוזטו בענטשן חנוכה־ליכט.

ע ר: מילא, וואָס זאָל איך טאָן? איך בין דאָך ביי דיר אין גלות. איך האָב דאָך נישט קיין ברירה, וועל איך דיר צוליב טאָן און איך וועל אָנצינדן דאָס ערשטע חנוכה־ליכטל. אָבער קיין ברכה וועל איך נישט מאַכן איבער דעם ליכטל.

ז י: טויג נישט. איך וויל דו זאָלסט מאַכן אַ ברכה און זינגען „על הניסים" אויך. ערשט דערנאָך ועסטו זיך אַוועקזעצן ביים טיש און זיך פּאַסמאַקעווען מיט די הייסע לאַטקעס!

ווער עס האָט אויסגעפירט, דאָס פאַרשטייט איר דאָך אַליין, ליבע לעזער, איר אַליין האָט דאָך אויך ווייבער, ווייסט איר דאָך ווער עס פירט אויס!

אַ וויכוח וועגן חנוכה צווישן שרייבער

מיט מיינעם אַ חסידישן שרייבער־קאָלעגע האָב איך זיך געהאַט צוזאַמענגעטראָפן אויף אַלאַטקעס־פּאַרטי שבת חנוכה נאָך הבדלה אין ברוקלין.

אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט האָט זיך צווישן אונז ביידן אָנגעהויבן אַ שטיקל אַמפּערניז וועגן חנוכה. איך האָב געזאָגט, אַז דער הויפּט־נס פון חנוכה איז דער נצחון פון די מאַקאַבייער. מיין חסידישער קאָלעגע האָט זיך פעסט געקלאַמערט ביי ס'זייניגע, אַז דער הויפּט־נס פון חנוכה איז דער מיטן קריגעלע בוימל.

— אויב אַזוי — האָב איך זיך אָנגערופן — זיינען מיטן קריגעלע בוימל געשען צוויי ניסים: דער ערשטער נס, וואָס דאָס קאַפּעטשקעלע בוימל האָט געסטייעט אויף אַכט טעג און דער צווייטער נס, וואָס דער בוימל האָט געסטייעט בלויז אויף אַכט טעג און ניט, חלילה, אויף אַכט חדשים.

— דו קענסט זיך פאָרשטעלן — האָב איך געקיביצט מיין חסידישן קאָלעגע — וואָס היינט וואָלט זיך אָפּגעטאָן ווען דער נס וואָלט געווען אַ גרעסערער? אָנשטאָט צינדן ליכטלעך אַכט טעג, וואָלט מען געמוזט צינדן אַכט חדשים! פּסח צום סדר וואָלט נאָך אַלץ געברענט דער חנוכה־לאָמפּ, און אפילו שבועות ביי די מילכיקע קרעפּלעך אויך!

דעם לעצטן טאָג חנוכה וואָלט מען געמוזט צינדן אַרום 240 ליכטלעך! אָנשטאָט די 44 ליכטלעך וואָס מען נוצט היינט אויס אַ גאַנצן חנוכה, שוין

צוזאַמען מיט די שאַמאָסים, וואָלטן געמוזט פּאַרנוצט ווערן אַן ערך דרייסיק טויזנט ליכטלעך!

די ליכט־פאַבריקאַנטן וואָלטן געגאַנגען אין גאָלד. די קבצנים וואָלטן געמוזט אָנקומען נאָך ליכטלעך צו דער „פעדערעישאָן אָוו דזשואיש פילאַנטראָפּיס״!

חדשים דורכאַנאַנד וואָלט אין די אידישע דירות געווען אַ סוואָנד, אַ טשאַד פון די געפּרעגלטע לאַטקעס.

בייקאָרבאָנאַיט סאָדאַ וואָלט מען געקויפט אויפן פּוד! הײנט־זשע די קאָרטן? די הענט וואָלטן דאָך ווי געטאָן פון שפּילן.

— דאָס ערגסטע — האָב איך צוגעגעבן — וואָלט געווען מיט די חנוכה־אַרטיקלען, וואָס איך שרייב אין מיין צייטונג! היינט בין איך יוצא מיט איין אַרטיקל, אָבער ווען איך וואָלט געדאַרפט שרייבן אַכט חדשים וועגן חנוכה, וואָלט דאָך מיר דער קאָפּ איינגעדאַרט געוואָרן פון בלויז טראַכטן, פון קלערן. וואָס וואָלט איך דעמאָלט געטאָן?

— דו וואָלסט דעמאָלט געטאָן דאָס אייגענע וואָס דו טוסט היינט — האָט דער חסידישער שרייבער געענטפערט — דו וואָלסט איבערגעדרוקט יעדעס יאָר די זעלבע חנוכה־אַרטיקלען וואָס דו האָסט געדרוקט פאַראַיאָרן!...

דער זונטאָג ווען מען האָט ליב דעם טאַטן

פאַראַן מענטשן, וואָס האַלטן קנאַפּ סיי פון טאָג סיי פון טאַטן, סיי פון טאָג סיי פון דער מאַמען.

אַזאַ ליבע, זאָגן זיי, איז אַ „קאַזיאָנע ליבע״. זי איז גאָרנישט ווערט. פאַרצייטנס, זאָגן זיי, האָט מען נישט געדאַרפט קיין טאָג פון טאַטן און פון דער מאַמען, ווייל קינדער האָבן ליב געהאַט די עלטערן צוועלף חדשים אין יאָר. אין אַן איבער־יאָר האָט מען זיי ליב געהאַט דרייצן חדשים. אָבער אַז מען מוז ערשט באַשטימען אַ ספּעציעלן טאָג ווען ליב צו האָבן דעם טאַטן, איז עס אַ „נעכטיקער טאָג״.

אַזוי טראַכטן די פּעסימיסטן.

מיר דאַכט זיך אַז די פּעסימיסטן איבערטרייבן שטאַרק מיט זייער פּעסימיזם. דער קריזיס צווישן קינדער און עלטערן איז נישט געבוירן אין אונזערע טעג. ער איז אַזוי אַלט ווי די וועלט.

דער איינציקער מענטש וואָס האָט געלעבט בשלום מיט זיין טאַטן איז

מסתם געווען אדם הראשון, ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין טאַטן. דעריבער האָט ער אויסגעלאָזט זיין גאַנצן כעס צו זיין ווייב חוה. ער האָט זי גערופן „שלאַנג" און זי האָט געוויינט, אַז זי האָט ביי אים ס׳גיהנום, און אַז דאָס עפּעלע פאַלט נישט ווייט פון בוים...

ערשט נאָכדעם ווי אדם און חוה זיינען געוואָרן טאַטע־מאַמע איז אַנטשטאַנען דאָס פּראָבלעם פון עלטערן מיט קינדער און עס האַלט שוין אַזוי אָן טויזנטער יאָרן, לויט חומש־רש״י.

נעמט אַ שטייגער די עשרת הדברות, די צען געבאָט, וואָס מען האָט געגעבן אויפן באַרג סיני.

ווען משה רבינו האָט אויפן באַרג פּראָקלאַמירט „כבד את אביך ואת אמך", דו זאָלסט שעצן דיין פאָטער און מוטער, האָט ער באַלד געמוזט צוגעבן „למען יאריכון ימיך", כדי דו זאָלסט לאַנג לעבן.

עטץ פאַרשטייט מיך? פאַר כיבוד אב האָט משה רבינו געמוזט צוזאָגן באַלדיקן לוין, אין דעם פאָרם פון אַ לאַנג לעבן. ער האָט געמוזט מבטיח זיין נישט בלויז עולם הבא, נאָר עולם הזה אויך!

דאָס איז דער בעסטער סימן, אַז שוין דעמאָלט ביי מתן תורה, איז עס נישט געווען קיין וואַזשנע סחורה. מען האָט געמוזט אַריינגאָרן די קונים מיט אַ טריק. מען האָט געמוזט באַנוצן קאָמערטשעסקע מיטלען, צוזאָגן סטעלערל פון הימל און צוגעבן בחינם „סטעמפּס". כדי די סחורה זאָל נישט בלייבן ליגן אַ פאַרלעגענע אויפ׳ן באַרג סיני, האָט משה רבינו געמוזט מאַכן אַ „סעיל"...

„דער טאָג פון טאַטן"

פונקט ווי ס׳זיינען פאַראַן פאַרשיידענע דאַוונערס, אָנהויבנדיק פון אַזעלכע וואָס דאַוונען דריי מאָל אַ טאָג, ביז אַזעלכע וואָס כאַפּן זיך אַריין אין שוהל בלויז צו כל נדרי, פונקט אַזוי זיינען פאַראַן פאַרשיידענע מינים קינדער.

פאַראַן „מיטוואָכדיקע קינדער", ס׳הייסט קינדער וואָס קומען צו די עלטערן אפילו אין אַ פּראָסטן מיטוואָך. דאָס זיינען די בעסטע קינדער.

פאַראַן שבת־זונטאָג׳דיקע קינדער — קינדער וואָס קומען צו די עלטערן בלויז שבת אָדער זונטאָג.

פאַראַן יום טוב׳דיקע קינדער — וואָס קומען צו די עלטערן בלויז פון יום טוב צו יום טוב.

פאַראַן אויך מאַי־קינדער און דזשון־קינדער — קינדער וואָס דערמאָנען זיך

אין זייערע עלטערן בלויז דעם צווייטן זונטאָג פון חודש מאי און דעם דריטן זונטאָג פון חודש יוני.

פאַראַן אַזעלכע זין, נעבעך, וואָס אַ גאַנץ יאָר ליגט זיי דער טאַטע אין דער פּיאַטע. זיי זיינען צופיל ביזי פאַר אַזעלכע סענטימענטן. בלויז ווען עס קומט „פאַדהער׳ס דעי״, דעמאָלט ווערט אַזאַ זון סענטימענטאַל, נאָסטאַלגעוואַטע און קאָכעדיג ווי אַ זידיגער סאַמאָוואַר. ער לויפט צום טאַטן ווי אַ חסיד צום רבי׳ן. מיטן זעלבן ברען ווי דער חסיד דערלאַנגט דעם רבי׳ן אַ פּדיון, נעמט דער זון אַרויס דאָס טשעק-ביכל און דערלאַנגט דעם טאַטן אַ פּדיון. נאָכן „פּדיון הבן״, נאָך דער מתנה, איז דער זון מכבד דעם טאַטן מיט אַ „גוד טאַים״ און ס׳טוט זיך עפּעס!

דאָס האַלט אַזוי אָן דעם גאַנצן טאָג.

צומאָרגנס, מאָנטאָג, איז שוין דער זון אינגאַנצן „אויסגעזונטאָגט״. דאָס שיכרות פון עלטערן-ליבע איז שוין אינגאַנצן אויסגעוועפּט און עס בלייבט אפילו ניט איבער קיין „הענגאָווער״.

זונטאָג כאַפּט דער טאַטע אַריין די גאַנצע פּאָרציע קינדער-ליבע און עס בלייבט אפילו ניט קיין שיריים אויף מאָנטאָג.

דאָס פּאַסירט ניט בלויז מיט זין, וואָס בלויז מיט די צוויי זונטאָג-וויזיטן, מיט דעם מאַיאָון זונטאָג און מיט דעם דזשון-זונטאָג, ווילן זיי יוצא זיין פאַר אַ גאַנץ יאָר.

פאַראַן, לא עלינו, אַ מין טאָכטער, וואָס בלויז מיט 2 זונטאָג-וויזיטן, מיט דעם מאַיאָוען-זונטאָג און מיט דעם דזשון-זונטאָג, וויל זי יוצא זיין פאַר אַ גאַנץ יאָר.

אַ גאַנץ יאָר איז זי אַזוי פאַר׳הדסה׳וועט, אַזוי פאַר׳לעדיס אָקזילערי׳ט און אַזוי פאַרקאַנאַסטעט, אַז זי איז יוצא מיט בלויז „קאָלן״ טאַטע-מאַמע דורכן טעלעפאָן. מ׳הערט פון איר בלויז אַ „בת-קול״.

איך האָף, אַז מיינע לעזער און לעזערינס האָבן גוטע קינדער מיטוואָכ׳דיקע קינדער. די עלטערן דאַקעגן, וואָס זיינען געבענטשט מיט „מאַי און דזשון-קינדער״, ווינטש איך זיי, אַז די קינדער זאָלן תשובה טאָן. זאָלן זיך די קינדער באַדיי ווייניגער מוסר-נפש זיין אין טאָג פון טאַטן און אין טאָג פון מאַמען, אבי זיי זאָלן געדענקען זייערע עלטערן אַ גאַנץ יאָר.

ס׳איז בעסער קינדער אָהן מתנות, ווי מתנות אָהן קינדער!

דריי טאַטעס וועגן „טאָג פון טאַטן״

וואָס איז דאָ צו לייקענען, אַמעריקאַנער קינדער היטן געטריי אָפּ דעם „טאָג פון טאַטן״. זיי רופן אים „אבינו מלכנו״ מיט אַזאַ כוונה ווי זיי זאָגן „אבינו מלכנו״ יום כיפור אין מחזור.

אפילו יונגע מאָדישע נישט פאַרהייראַטע קינדער, וואָס האָבן אַוועקגעמופט פון דער היים און האָבן מקיים געווען דעם פסוק „על כן יעזוב איש את אביו ואת אמו״, דערמאָנען זיך דעם טאַטנ׳ס אַדרעס און קומען „פאַדערסדעיעווען״ מיט׳ן טאַטן...

איך האָב אויסגענוצט דעם יום־טוב־טאָג און האָב אָפּגעשטעלט אַ פּאָר שכנים פון מיין בלאָק און כ׳האָב זיי געפרעגט, וואָס זיי זאָגן וועגן „טאָג פון טאַטן״?

איין שכן, מסתמא אַן אָפּטימיסט, האָט גע׳טענה׳ט, אַז ער איז צופרידן פון טאָג פון טאַטן. אַ „חיי־שעה״, זאָגט ער, איז אויך געלעבט!

אַ צווייטער שכן האָט מיט אים מסכים געווען און געזאָגט:

— איך האָב דערויף אַ פּאַרטיקן פּסוק: „ברוך ה׳ יום יום! מיר דאַרפן דאַנקען פאַר יעדן „טאָג״ פאַר׳ן „טאָג״ פון טאַטן און פאַר׳ן „טאָג״ פון דער מאַמע׳ן. אָהן דעם וואָלט געווען נאָך ערגער. איר זעט דעם „טאַי״. דאָס האָט מיר היינט געבערענגט מיין זון אַ מתנה. ער האָט פאַר דעם טאַי באַצאָלט 15 טאָלער! ער זאָגט, אַז ווען עס קומט „פאַדהער׳ס דעי״ און ער דאַרף קויפן פאַרן טאַטן אַ „טאַי״, איז ער אַ הולטאַי!

נאָך די ערשטע צוויי שכנים האָב איך געכאַפּט אַ שמועס מיט אַ דריטן שכן מיינעם, אַ איד אַ בן־תורה מיט אַ חוש פאַר הומאָר דערצו. דער דריטער האָט שוין גערעדט גאַנץ אַנדערע דיבורים.

ווען ער האָט געהערט מיין פראַגע, וואָס ער טראַכט וועגן טאָג פון טאַטן? האָט ער אַ זיפץ געטאָן און געזאָגט:

— איר ווילט וויסן וואָס איך זאָג וועגן „טאָג פון טאַטן״? אַ נעכטיקער טאָג! ס׳אייגענע זאָג איך וועגן „טאָג פון דער מאַמען״! ווען איך בין געווען יונג, בין איך געווען אַ ישיבה־בחור אין דער ליטע און דאָרט געגעסן „טעג״. איר מעגט מיר גלויבן, אַז איך האָב געפילט מער האַרציגקייט און וואַרימקייט אין יענע „טעג״ ווי אין היינטיקן „טאָג״ פון טאַטן. כאָטש יענע „טעג״ האָב איך געהאַט ביי פרעמדע מענטשן.

וואָס האָב איך דען היינט, ווען ס׳קומט דער „טאָג״ פון טאַטן? די קינדער קומען צוגיין, מען דערלאַנגט מיר מתנות, מ׳פרייט זיך מיט מיר, און ווען ס׳ענדיגט זיך דער „טאָג״, זאָגן זיי מיר אַ „גוטן טאָג״ און אַ גאַנץ יאָר „זע״ איך זיי בלויז טעלעפאָניש...

דאָרט, אין דער ישיבה, פלעגט מיר יעדער פון מיינע באַלעבאַטים געבן אַ „טאָג״ יעדער וואָך און ער האָט זיך גאָרנישט געקרימט. מיינע קינדער אָבער גיבן מיר איין „טאָג״ אין יאָר און זיי טוען מיר אַ גאַנצע לאַסקע! אוי, וואו נעמט מען איצט דעם „בימים ההם״, יענע „טעג״!...

אַזוי האָט נעבעך געזיפצט מיין שכן, דער אַמאָליגער ישיבה־בחור.

האָב איך מיר אויסגעהערט מיין שכנ׳ס טענה און האָב אים געטרייסט:

— פונדעסטוועגן, ר׳ שכן, פאַרגעסט איר, אַז ס׳איז אַ גרויסער חילוק צווישן אַ „טאָג״ פון אַ ישיבה־בחור ביזן „טאָג״ פון טאַטן. אַז ס׳קומט דער טאָג פון טאַטן, גיבן דאָך אייך די קינדער מתנות. זאָגט אַליין, וויפל קראַוואַטן קויפן אייך די קינדער יעדן „פאַדהער׳ס דעי״?

— כאַפּט זיי דער קראַוואַטן־מאַכער! — האָט זיך מיין שכן נישט געלאָזט „אַפּיזען״. — ס׳איז טאַקע אמת, אַז די קינדער זשאַלעווען מיר נישט קיין מתנות און אַז זיי גיבן מיר אַ „גוד טאַים״ אין טאָג פון טאַטן. אָבער דאָס האָבן די באַלעבאַטים, ביי וועלכע איך האָב געגעסן „טעג״, אויך געטאָן. ווען אַ באַלעבאָס פלעגט זיך מיט מיר אַוועקזעצן נאָכן עסן און מיט מיר שמועסן אין לערנען, איז עס פאַר מיר געווען די שענסטע מתנה און די בעסטע „גוד טאַים״. איך גיב אַוועק דעם זאַפטיגסטן סטעיק אין טייערסטן רעסטאָראַן, וואו מ׳סערווירט סטעיקס פון כשר׳ער שחיטה, פאַר איין שטיקל „הכל שוחטין״, וואָס אַ בעל־הבית האָט מיך פאַרהערט נאָכן עסן.

ווען אַ באַלעבאָס פון מיינס אַ „טאָג״ האָט זיך מיט מיר אַוועקגעזעצט און געשמועסט וועגן דעם תנא ר׳ יוחנן הסנדלר (ר׳ יוחנן דער שוסטער), איז עס מיר געווען ליבער ווי די שטעקשיך, וואָס מיין עלטערע טאָכטער שענקט מיר יעדן „פאַדהער׳ס דעי״.

ווען אַ צווייטער באַלעבאָס האָט זיך מיט מיר אַריינגעלאָזט אין אַ גמרא־פילפול וועגן „כיצד מרקדין לפני הכלה״ (ווי אַזוי טוט מען אַנטקעגן טאַנצן דער כלה?) האָב איך דערפון מער הנאה געהאַט ווי פון דעם רעקאָרד פון טאַנץ־מוזיק, וואָס מיין אינגסטע טאָכטער האָט מיר געשאָנקען צו „פאַדהער׳ס דעי״. אין יענער גמרא רעדט זיך וועגן אַ מצווה־טענצל און דער ראַק־ענד־ראָל רעקאָרד פירט צו אַן עבירה־טענצל.

ווען אַ דריטער באַלעבאָס האָט אויפגעמישט די גמרא „שבת״ און האָט זיך

צעזונגען „במה מדליקין ובמה אין מדליקין" (מיט וואָס מעג מען אָנצינדן און מיט וואָס טאָר מען ניט אָנצינדן די שבת־ליכט), איז עס ביי מיר געווען מער ניחא ווי דער סיגאַרעטן־צינדער, וואָס מיין זון האָט מיר פאַראַיאָרן געשאָנקען צו „פאַדהער׳ס דעי". דער סיגאַרעטן־צינדער איז באַלד קאַליע געוואָרן און כ׳האָב אים אינגאַנצן פאַרגעסן, אָבער דער „במה מדליקין" ווערט קיינמאָל ניט קאַליע און איך געדענק אים ביז׳ן היינטיקן טאָג!...

מען האָט מיך געוואָלט מאַכן פאַר אַ מלמד אין סאָוועט־רוסלאַנד

אַ געוויסן שבת פון יאָר 1943 האָב איך זיך אַריינגעכאַפּט אין דעם איינציגן שולכל פון סטאַלינאָבאַד, די הויפּט־שטאָט פון סאָוועטישן טאַדזשיקיסטאַן.

אין סטאַלינאָבאַד זיינען דאַמאָלס געווען פאַרוואָגלט הונדערטער אידישע פּליטים פון פּוילן, צווישן זיי עטליכע שרייבער: דער באַרימטער אידישער פּאָעט חיים גראַדע, יצחק פּערלאָוו פון „פאָרווערטס", דער פּאָעט נחמן ראַפּפּ (איצט אין ישראל) און מיין ווייניגקייט.

אין יענעם שולכל, וואָס איז אייגענטליך געווען אַ פּשוטע שטוב, פאַררוקט אין אַ הויף, האָב איך זיך באַקענט מיט אַ „גלאַוובוך" (אויבערבוכהאַלטער, אַקאַונטנט). ער איז געווען אַ לובאַוויטשער חסיד, וועלכער האָט זיין לובאַוויטשער חסידות אויסבאַהאַלטן, חוץ זיין בלאָנדע באָרד, וואָס ער האָט נישט געקענט אויסבאַהאַלטן, האָט ער זי געטראָגן עפענטליך, הלמאַי, אַ קאַצאַפּ!

דער „גלאַוובוך" האָט מיך אין שולעכל באַקענט מיט זיין אינגל, אַן איידל קינד פון אַ יאָר צען, וואָס די שכינה האָט אויף אים ממש גערוט, און ער האָט מיך צוגערעדט, אַז איך זאָל מיטן אינגעלע לערנען יעדן טאָג אַ שטיקל חומש מיט רש"י, אָנהויבנדיק פון דער סדרה „בראשית".

חוץ געלט האָט ער מיר צוגעזאָגט יעדן טאָג אַ היימיש־געקאָכטע זופּ, וואָס וואָלט דאַמאָלס פאַר מיר געווען מער ווי אַ פּאָרציע לוויתן אין גן עדן.

עטליכע טעג האָב איך זיך איבערגעלייגט און צום סוף האָב איך אים ליידער געמוזט אָפּזאָגן.

איך האָב זיך געטראַכט: ווי אַזוי קען איך נעמען אויף זיך אַזאַ געפערליכע ריזיקע און לערנען מיט דעם אינגעלע חומש?

בראשית – מיין תלמיד קען זיך באַרימען, אַז ער האָט אָנגעהויבן לערנען חומש.

שמות – וועט מען פון אים אַרויסקריגן דעם נאָמען פון זיין רבין.

ויקרא – וועט מען מיך רופן אין „ענקאַוועדע״.

במדבר – מ׳וועט מיך פאַרשיקן אין אַ סיבירישן מדבר אויף אַ פינף ביז צען יאָר צייט צו זעגן האָלץ און האַקן שטיינער.

דברים – דאַמאָלס וועלן מיר נישט העלפן קיין שום רייד. עס וועט זיין „דבר אל העצים ואל האבנים״ (רעד צו די בוימער און צו די שטיינער).

דער סטאַלינאָבאַדער לובאַוויטשער חסיד האָט פאַרשטאַנען מיין פחד, ער האָט אָבער נישט גערוט און האָט ענדליך גע׳פועל׳ט ביי אַן אַנדערן פוילישן איד, וועלכער האָט געהאַט מער קוראַזש פון מיר און יענער האָט געקנעלט מיט׳ן אינגל באַהאַלטענערהייט חומש מיט רש״י.

דער העלדישער יונגער חומש־רבי איז געווען אַ פליט פון פוילישן וואָלין. ער איז געווען אַ הייסער ציוניסט און אַ טוער פון מפא״י אין זיין געגנט.

נאָך דער מלחמה האָב איך אים געטראָפן אין ארץ ישראל, האָט מיר דער „מלמד״ דערציילט, אַז זיין סאָוועטישער תלמיד האָט מיט אַזאַ חשק באַגערט צו לערנען, אַז ער האָט מיט דעם אינגל געקנעלט נישט בלויז חומש, נאָר גמרא אויך!

הלוואי אויף אונזערע אַמעריקאַנער באָיס, וואָס מ׳מאַכט זיי צען־טויזנט דאָלאַריקע בר־מצוה׳ס – הלוואי אויף זיי געזאָגט געוואָרן כאָטש אַ העלפט!

אויף אַ קאָנפערענץ פאַר שלום

די דיפּלאָמאַטישע העפליכקייט הערט נישט אויף אַפילו אין מאַנהעטן פון אָנגעשטרענגטע אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען.

מיר שטעלן זיך דעריבער פאָר אַ שמועס צווישן דיפּלאָמאַטן אויף שלום־פאַרהאַנדלונגען.

דער שמועס האָט מסתם אַזאַ מין פנים:

– קומט אַהער נעהענטער, בעסטער פריינט. אַזאַ זשוליק ווי איר זענט, זעט מען דאָך ניט אין דער גאַנצער וועלט!

– וואָס זאָל איך אייך זאָגן, חשוב׳ער ממזר, ס׳איז פאַר מיר דער גרעסטער כבוד זיך צו געפינען אין אייער געזעלשאַפט. טפו זאָלט איר מיר ווערן!

— אַ גוטע נאַכט, עקסעלענץ, האָט מיר אַ זיסן שלאָף און שטייט אויף מיט אַ צאָן־ווייטאָג!

— עסט, ליבינקער, אייערע פיש, מיט אַ גוטן אַפעטיט און זאָל אייך אַ ביינדל בלייבן שטעקן אין האַלז!

— עסט אויך מיט אַ גוטן אַפעטיט און וויפל איר ווינשט מיר, זאָל אייך מקויים ווערן זעקס־פאַכיג, טאַטע זיסער!

ווער איז געווען „אדם הראשון"

עס שלאָפן ניט די אַנטראָפּאָלאָגן, די פאָרשער פון דער מענטשליכער ראַסע. זיי ווילן מיט אַלע וויסנשאַפטליכע מיטלען דערגיין אונזער מענטשליכן יחוס. זיי ווילן וויסן ווער ס'איז באמת געווען „אדם הראשון", אַט דער ערשטער מענטש, וואָס האָט פּראָדוצירט שפּעטערדיגע מענטשעלעך. מ'ווייסט שוין פון לאַנג, אַז יחוס איז אויפן בית הקברות, האַלטן זיי אין איין נישטערען און גראָבן אויף אַלטע בית עולמ'ס און זיי דערגראָבן זיך צו אור־אַלטע קברים פון אַ סך טויזנטער יאָרן צוריק, אפשר וועלן זיי דערגיין די סודות פון דעם אמת'ן „אדם הראשון".

די אדם הראשון פאָרשונג, דאַכט זיך מיר, איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער איצטיגער צייט פון אַטאָמישען טייוול־וואָפן. די היינטיגע וויסנשאַפטליכע פאָרשונג איז צעטיילט אויף צוויי הויפּט־געביטן — אויפן געביט פון אַנטראָפּאָלאָגישער פאָרשונג און אויפן געביט פון אַטאָמישער וואָפן־פאָרשונג. די אַנטראָפּאָלאָגן זוכן אויסצופאָרשן די עפּאָכע פון **אדם הראשון** און די אַטאָמישע וואָפן־וויסנשאַפטלער זוכן צו ברענגען די מענשהייט צו דער עפּאָכע פון **אדם האחרון**, צום לעצטן מענטש.

איך — מיר — מיין ווינציגקייט — דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות

פאַראַן צייטונגס־שרייבער, וואָס האָבן ליב צו שרייבן „בלשון אנוכי". זייערס אַ שרייבעכץ הויבט זיך שטענדיג אָן מיט „איך" און ענדיגט זיך מיט „איך", אפילו ווען זיי שרייבן וועגן יענעם, שרייבן זיי אַזויפיל וועגן זיך, אַז צו יענעם קומען זיי קיינמאָל נישט צו. די „קעפּ", וואָס זיי גיבן איבער זייערע

אַרטיקלען אַנטשפּרעכן אייגנטליך נישט דערווירקליכקייט. די קעפּ פון זייערע אַרטיקלען האָבן געדאַרפט הייסן: „איך און האַריקעין עדנאַ״. „איך און פּאַרמאַזאַ״, „איך און פערד״, „איך און דער נייער סעזאָן פון אידישן טעאַטער״, „איך און מערילין מאָנראָו״.

אין אייראָפּע איז אַזאַ שרייבעכץ נישט אָנגענומען, אָבער אין אַמעריקע איז דאָס שטאַרק אין דער מאָדע.

נעמט אַ שטייגער דעם שרייבער איטשע שטעקלאַטש. ער האָט מצליח געווען צו האָבן אַ געשפּרעך מיט פּראָפעסאָר איינשטיין.

אָט ווי אַזוי ער באַשרייבט דעם אינטערוויו:

„ווען איך האָב זיך געפונען אין דער דירה פון פּראָפעסאָר איינשטיין, האָב איך פאַררויכערט אַ סיגאַר, פון וועלכער איך קאָן זיך בשום נישט אָפּגעוויינען. איך האָב זיך אַרומגעקוקט איבער דער דירה. אַ גאַנץ שיינע דירה, נאָר מיין דירה אין בענסאָנהוירסט איז אַ סך שענער. מיין דירה איז מעבלירט מיט מער געשמאַק.

ווען איינשטיין איז אַריינגעקומען, האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל אויף מיין פּנים און איך האָב צוגעמאַכט איין אויג, אַזוי ווי כ׳טו שטענדיג ווען איך דאַרף אָננעמען וויכטיגע באַשלוסן.

ווי איינשטיין זעט אויס, דאַרף איך אייך נישט שילדערן, ווייל איר קענט אים אַלע פון די פאָטאָגראַפיעס.

איך האָב איינשטיינ׳ען געבעטן זיצן און איך האָב געקלונגען דער דינסט זי זאָל אונז אַריינגעבן טיי.

אויפן וואַנט איז געהאַנגען אויף אַ טשוואָק אַ פידל און איך האָב זיך דערמאָנט דאָס אידישע פאָלקסליד ,אידל מיטן פידל״.

ווען איינשטיין איז געקומען צו זיך האָט ער מיר זייער וויסנשאַפטליך געדריקט די האַנט און געזאָגט:

— ס׳איז פאַר מיר דער גרעסטער כבוד אייך צו באַגריסן, מיסטער שטעקלאַטש. איך לייען אייערע אַרטיקלען מיטן גרעסטן אינטערעס. אייער אַרטיקל וועגן פּראָפעסאָר זעליג פּימסענהאָלץ איז געווען אַ מייסטערשטיק. אפשר קענט איר מיר, מיסטער שטעקלאַטש, זאָגן אייער מיינונג וועגן מיין רעלאַטיוויטעט־טעאָריע?

איך האָב אַ זופּ־געטאָן טיי פון טעצל און מיט מיין איינגעבוירענער באַשיידנקייט האָב איך געזאָגט, וואָס איך האָב געפילט צו זאָגן. איינשטיין איז אויף מיר אַרויפגעפאַלן אַ באַגייסטערטער:

— מיסטער שטעקלאַטש, איר האָט מיר געעפנט די אויגן.

לײדער קאָן איך נישט איבערגעבן װאָס איך האָב אים געזאָגט, װײל ס'װאָלט פאַרנומען צופיל פּלאַץ.

בײם געזעגענען זיך האָט מיר אײנשטײן געזאָגט:

— מיסטער שטעקלאַטש, זײַט מיר מוחל מײַן חוצפּה, אפשר װילט איר אַזױ גוט זײַן און מיר געבן אײַער אױטאָגראַף? כ'װיל האָבן דעם כבוד אײַער בילד שטענדיק צו זען אױף מײַן שרײַבטיש.

* * *

מ'מוז אָבער צוגעבן, אַז נישט אַלע שרײַבער זײַנען שטעקלאַטשעס. פאַראַנען שרײַבער, װאָס מײַדן אױס דעם „איך" און באַנוצן זיך מיט „מיר".

אַנשטאָט למשל „אײנשטײן איז אױף מיר אַרױפגעפאַלן", שרײַבט ער: „אײנשטײן איז אױף אונז אַרױפגעפאַלן".

מ'קאָן נישט זאָגן, באַשײדן איז דאָס, אָבער נישט פּראַקטיש. דעם שרײַבער קאָן נאָך אױסקומען צו באַשרײַבן אַ מאָמענט פון זײַן אײגן לעבן, װי ער װעט זיך אױסדריקן: „װען מיר זײַנען אַװעקגעגאַנגען פון שטוב, האָבן מיר זיך צעקושט מיט אונזער פרױ".

* * *

אַנדערע שרײַבער װידער באַנוצן נישט בײדע פאָרמען — נישט „איך" און נישט „מיר", נאָר זײ שרײַבן גאָר־גאָר באַשײדן: „דער שרײַבער פון די דאָזיקע שורות". איז דאָס אָבער אױך נישט פּראַקטיש. דער אױסדרוק „דער שרײַבער פון די דאָזיקע שורות" פאַרנעמט אַלײן אַ גאַנצע שורה.

אַזאַ איבערטריבענע באַשײדנהײט קאָסט אַלזאָ צו־טײַער דעם לעזער און דעם פּאָבלישער, בפרט װען דער אױסדרוק װערט געװײנליך דערמאָנט אַ פערציק מאָל אין אײן אַרטיקל.

* * *

די סאַמע באַשײדנסטע שרײַבער באַנוצן זיך מיט גאָר אַן אַנדער פאָרם. יעדעס מאָל װען זײ דאַרפן שרײַבן „איך", שרײַבן זײ „מײַן װינציקײט".

אָבער אױך דאָ קאָן מען זיך אַמאָל װידערשפּרעכן און לעכערליך מאַכן. נעמט־אָן, אױב דער שרײַבער איז אַן „אסאָבע", אַ גרױסער און אַ דיקער. װי אַזױ װעט ער שרײַבן? „מײַן װינציקײט, װאָס איז זעקס פוס דרײַ אינטשעס הױך און װעגט 240 פונט, איז געפאָרן קײן לעיקװאוד רעדיוסן"?

* * *

װי איר זעט, איז דאָס שרײַבערײַ גאָרנישט אַזאַ לײַכטע מלאכה און „דער שרײַבער פון די דאָזיקע שורות" װעט האָבן גענוג אַרבעט ביז „איך" װעל געפינען אַן אױסװעג, אַז „מײַן װינציקײט" זאָל זיך קענען באַגײן אָן „מיר".

מ׳זוכט סיי אויבן סיי אונטן

אָנקל סעם פון וואַשינגטאָן און אָנקל וואַניאַ פון מאָסקווע רייסן זיך מיט זייערע ספּעיס־ראַקעטן צום מאַרס צום ווענוס, ישראל דאַקעגן רייסט זיך צו די טיפסטע טיפענישן.

אידן האַלטן אין ישראל אין איין גראָבן אין דער ערד טיפער און טיפער.

קיין נייע אויל־קוואַלן געפינט מען לײדער נישט. אייגענטליך האָט מען יאָ געדאַרפט געפינען. אויב איראַק און סאַודי אַראַביע האָבן אויל, האָט מען דאָך אין ישראל אויך געדאַרפט געפינען אויל. ווי זאָגט רש״י: „אויל לרשע, אויל לשכנו״, אויב דער רשע האָט אויל, דאַרף דאָך דער שכן אויך האָבן אויל!

מילא, אויב מ׳געפינט נישט אין ישראל קיין אויל ביים גראָבן, געפינט מען דאָרט אַלטע חרוב׳ע שטעט, אַלטע פּאַרמענטן, אַלטע מגילות.

חוץ מגילות געפינט מען דאָרט אַלטע קברים.

די אַרכעאָלאָגן זוכן דאָרט קברים פון תרח׳ס צייטן.

דעם רעקאָרד פון אַלע גרעבער האָט איצט געשלאָגן אַן אַרכעאָלאָג. ער האָט געפונען אַזאַ קבר, וואָס איז שוין, לויט זיין מיינונג, אַלט צוועלף טויזנט יאָר.

די אַנטדעקונג פון דעם קבר קען אַרויסרופן אַ שטיקל בהלה אין ישראל.

פרומע אידן וועלן מסתם איינרייסן קברים צוליב דעם אַפּיקורסישן קבר, וואָס פירט מלחמה מיט אונזער חומש און רש״י. לויט׳ן אידישן לוח איז דאָך אונזער זינדיגע וועלט נאָכנישט אַלט אַפילו קיין העלפט וויפל דער ערשט־אויסגעגראָבענער קבר איז אַלט!

דעם אַפּיקורס׳ישן קבר וועט מען מסתם לייגן אין חרם אַריין און מען וועט אסר׳ן דאָרט צו גיין אויף קבר אבות.

איך, פון מיין זייט, האַלט, אַז די פרומע אידן דאַרפן צוליב דעם נייעם קבר נישט רייסן קיין קברים, כאָטש דער אַרכעאָלאָג שווערט זיך אַז דער קבר איז באמת אַלט צוועלף טויזנט יאָר, נישט אַראָפּצודינגען קיין האַלבן טאָג.

דאָס באַווייזט בלויז, אַז איידער די וועלט איז נאָך באַשאַפן געוואָרן, זיינען שוין מענטשן געלעגן אין דער ערד!

30 „סאַנאָבראַבאָטקאַ"

פאַר אַמעריקאַנער לייענער איז דער רוסישער אויסדרוק „סאַנאָבראַבאָטקאַ" ניט באַקאַנט, אָבער פאַר די לייענער, וואָס זיינען אין דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען פאַרוואָגלט אין סאָוועט־רוסלאַנד, איז דאָס געווען אַ גוט־גוט באַקאַנט וואָרט.

„סאַנאָבראַבאָטקאַ" איז אַ פאַרקירצונג פון צוויי רוסישע ווערטער „סאַניטאַרנאַיאַ אָבראַבאָטקאַ".

אין דער צווייטער וועלט־מלחמה ווען רוסלאַנד איז געפּייניגט געוואָרן פון גרויזאַמען הונגער, האָט זי געליטן פון נאָך אַ צרה, פון פּרעה׳ס דריטער מכה „כינים". איז דעריבער אַרויס אַ גזרה, אַז ווען עמיצער האָט געוואָלט ערגעץ פאָרן מיט דער באַן און ער האָט שוין אַפילו געהאַט אַ „קאָמאַנדיראָווקאַ", האָט ער חוץ דעם געמוזט דורכגיין אַ גרינדליכע סאַניטאַרישע רייניגונג אין אַ באַניע, וואו מ׳האָט געפּאַרעט נישט בלויז דעם פּאַסאַזשיר, נאָר אויך זיינע מלבושים. נאָך אַזאַ פּראָצעדור האָט ער באַקומען אַ געשריבענע באַשטעטיקונג אַז ער איז שוין דורכגעגאַנגען די „סאַנאָבראַבאָטקאַ" און מען מעג אים שוין אַרויפלאָזן אויף אַ באַן.

דאָס איז אייגנטליך געווען אַ פּוסטע פאָרמאַליטעט, ווייל פאַר עטליכע רובל האָט מען געקענט קריגן אַ פּאַפּירל פון „סאַנאָבראַבאָטקאַ" אַפילו ווען מ׳האָט קיין באַניע פאַר די אויגן נישט געזען.

אין יענער צייט האָב איך מחדש געווען אַזאַ חכמה:

יעדע מדינה האָט איר „סאַן": איטאַליע האָט אַ „סאַן רעמאָ", שווייצאַריע האָט אַ „סאַן מאָריץ", בראַזיליע האָט אַ „סאַן פּאָולאָ", אַמעריקע האָט אַ „סאַן פראַנסיסקאַ" און סאָוועט־רוסלאַנד האָט אַ „סאַן אָבראַבאָטקאַ".

איצט, ווען איך וואוין אין אַמעריקע, אין דעם לאַנד וואָס האָט די זכיה צו האָבן אַזאַ פּרעכטיגע שטאָט ווי סאַן פראַנציסקאָ, איז סאַן פראַנציסקאָ געוואָרן די הויפּט רעזידענץ פון די „היפּיס" און סאַן פראַנציסקאָ גופא דאַרף אַ „סאַנאָבראַבאָטקאַ".

דער קאַמף צווישן סאָוועטן מיט אַמעריקע צוליב קימפּעטאָרינס

ניט בלויז אויפ'ן געביט פון פליהעכץ גייט אָן אַ קאָנקורענץ צווישן מאָסקווע און וואַשינגטאָן, נאָר אויך אויפ'ן געביט פון פאַרלייכטערן פאַר קימפּעטאָרינס די געבורט־ווייען. די סאָוועטישע פרעסע שרייבט לעצטנס אַ סך וועגן דעם.

אין אַמעריקע ווענדעט מען אָן צו דעם צוועק פאַרשידענע נייע מעדיצינישע מיטלען. סאָוועט־רוסלאַנד פּרוּווט דאָס דערגרייכן מיט אַנדערע מעטאָדן, פּונקט ווי די סאָוועטן פירן זייער דיפּלאָמאַטיע מיט דער הילף פון פּראָפּאַגאַנדע, פּונקט אַזוי ווענדן זיי אָן פּראָפּאַגאַנדע ביי קימפּעטאָרינס. מען פּרוּווט די קינפּעטאָרינס איינרעדן, אַז די ווייטאָגן זיינען גאָרניט מיט גאָרניט, אַז אַלץ וועט דורך „בלאַגאָפּאָלוטשנאָ" — מיט חסד, הייסט עס, און אַז עס לוינט ניט מיט דעם ביסל ווייטאָג צו מאַכן אַזאַ צימעס.

איך מיין, אַז די סאָוועטישע מעטאָדע איז גאָר אַ אידישע. די סאָוועטן באַרימען זיך, אַז זיי באַנוצן ביי קימפּעטאָרינס פּסיכאָלאָגישע מיטלען. וואָס־זשע איז געווען דאָס תהלים־זאָגן, אויב ניט קיין פּסיכאָלאָגיש מיטל? האָבן טאַקע אונזערע זיידעס געזאָגט ביי אַ קימפּעטאָרין „מזמור לדוד", כדי די קימפּעט זאָל דורכגיין לייכט ווי אַ „מזמור". אויב ס'איז ניט לייכטער געוואָרן דער קימפּעטאָרן, איז לייכטער געוואָרן די תהלים־זאָגערס!

אויב, חלילה, תהלים האָט ניט געווירקט, האָט מען באַנוצט נאָך אַ שטאַרקערן פּסיכאָלאָגישן מיטל — איינרייסן דעם ארון קודש. דאָס שטאַרקסטע מיטל איז געווען מעסטן קברים.

אין אַמעריקע איז דאָס לעצטע מיטל ניט פּראַקטיש. די סעמעטעריס זיינען ביי אונז אַזוי ווייט, אַז ביז אַ איד פון מאַנהעטן וואָלט אָנגעקומען צו אַ סעמעטערי פון אַרבעטער רינג, וואָלט שוין די נורס פון דעם מאַטוירניטי־שפּיטאָל געהאַט דאָס ניי־געבוירענע קינד אָפּגעבאָדן און אָפּטמאָל וואָלט זי עס שוין געהאַט פאַרטוישט אויך!

פּסיכאָלאָגישע מיטלען, וואָס אונזערע זיידעס האָבן אָנגעווענדעט צו אַ קימפּעטאָרין, זיינען געווען רעליגיעזע, די פּסיכאָלאָגישע מיטלען אין רוסלאַנד זיינען מסתם אַנדערע: דאָרט רעדט מען מסתם איין דער קימפּעטאָרין, אַז באַלד, נאָך דער קימפּעט, וועט זי פּטור ווערן פון דער בשותפות'דיקער דירה, זי וועט

קריגן אַליין אַ צימער מיט אַן אייגענער קיך מיט לויפּענדיג וואַסער. די קימפּעטאָרין ווערט דערפון אַזוי צעטומלט, אַז זי פאַרגעסט אין אַלע ווייען, אַפילו ווען זי האָט אַ צווילינג!

דיסקוסיע אויף טעלעוויזיע וועגן די סאָוועטישע אידן

זונטאָג אינדערפרי, איז אויף טעלעוויזיע, טשענעל 9, אָנגעגאַנגען אַ דיסקוסיע וועגן דער נויטלאַגע פון סאָוועטישן אידנטום

ווען איך האָב געעפנט די טעלעוויזיע האָט זיך די דיסקוסיע שוין געפירט. ביים טיש זיינען געזעסן דריי אידן — איינער אינגאַנצן אַ ראַזירטער, דער צווייטער אַ ראַזירטער מיט אַ דינטשיק וואָנסעלע אונטער דער נאָז, און דער דריטער מיט אַ לייטיש חסידיש בערדל.

איך האָב זיך קודם־כל פאַרטראַכט, „הו איז הו״? ווער זיינען די אידן? און כ׳האָב ביי זיך געהאַט באַשלאָסן, אַז דער איד מיטן בערדל איז מסתם אַ רב, און די איבעריגע זיינען גלאַט צווי אידן. אָבער באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז כ׳האָב געהאַט אַ טעות:ביידע ראַזירטע אידן זיינען געווען אָרטאָדאָקסישע רבנים — דער גלאַט ראַזירטער איז אַ רב פון בראָנקס, אַ פירער פון ניו יאָרקער „באָרד אָוו ראַבאַיס״, דער איד מיטן דינטשיקן וואָנסעלע איז אַן אָרטאָדאָקסישער רב פון פלעטבוש. ביידע רבנים האָבן זיך צוריקגעקערט פון אַ רייזע איבער סאָוועט־רוסלאַנד. דער איינציקער דאַקעגן פון די דריי אידן, וואָס איז ניט קיין רב איז... דער איד מיטן בערדל. ער איז דר. משה דעקטער, אַ באַקאַנטער עקספּערט איבער אידיש־סאָוועטישע אָנגעלעגנהייטן.

איך בין געזעסן ביי דער דיסקוסיע און האָב זיך צוגעהערט צו די צעווייטאָגטע רייד פון די רבנים וואָס האָט געשילדערט דעם פּחד, וואָס מאָסקווער אידן אין שול פילן, ווען זיי רעדן אַ פּאָר ווערטער צו אַן אויסלענדער.

אינמיטן דער דיסקוסיע האָב איך זיך געטראַכט, אַז ווען אַמעריקאַנער אידן שיקן אַ רב קיין מאָסקווע, וואָלט אפשר גאָרניט געשאַט, אַז אַחוץ אַלע מעלות זאָל ער האָבן נאָך אַ מעלה: ער זאָל האָבן אַ שטיקל באָרד, אויב ניט קיין גאַנצע באָרד, איז כאָטש אַ קמץ־בערדל, אַ קעזאַאיס־בערדל.

איך אַליין, דער שרייבער פון די שורות, בין זעקס יאָר צייט געווען אַ סאָוועטישער בירגער, און כ׳קאָן אייך פאַרזיכערן, אַז אין די אויגן פון די פרומע סאָוועטישע אידן וואָלט דער קאָנסערוואַטיווער רב הרב לואיס פינקלשטיין מיט

זיין חסידיש בערדל אויסגעזען מער רבניש, ווי אַן אָרטאָדאָקסישער רב אָן אַ באָרד.

סאָוועטישע פרומע אידן וואָס זעהען, אַז ס׳קומען צו זיי כסדר פון אַמעריקע רבנים אָן בערד קענען זיך טראַכטן, אַז די גאַנצע אַמעריקאַנער אידישקייט הענגט אויף אַ האָר.

ס׳קאָן זיך אַפילו געפינען אַ איד אין דער מאָסקווער שול, וואָס זאָל ביי זיך טראַכטן, אַז מיט דער אַמעריקאַנער פרייהייט איז גאָרניט אַזוי פויגלדיג, אַז פונקט ווי סטאַלין האָט אַרויסגעגעבן אַ גזרה מ׳זאָל ניט דרוקן קיין סידורים און מחזורים, אַזוי האָט פאָרד אַרויסגעגעבן אַ גזירה, אַז רבנים טאָרן ניט טראָגן קיין בערד.

מ׳דאַרף דעריבער אפשר מדקדק זיין אַז רבנים־שליחים, וואָס לאָזן זיך פון ניו יאָרק קיין מאָסקווע זאָלן זיין ניט בלויז פירער פון אַ „באָרד אָוו ראַבאַיס״, נאָר זיי זאָלן זיין „ראַבאַיס אָוו אַ באָרד״.

העברעאישע בלומען אין מדינת ישראל

כאָטש דאָס רוב פרעמדווערטער זיינען אין מדינת ישראל געוואָרן העברעאיזירט, פונדעסטוועגן האָט זיך ביי בלומען ווייניג געענדערט. אַ טייל נעמען פון בלומען זיינען טאַקע געוואָרן איבערזעצט אויף העברעאיש, די מערהייט בלומען אָבער זיינען געבליבן ביי זייערע אַלטע נעמען פון גלות.

אין אַ טעאַטער־מאָנאָלאָג, וואָס איך האָב געשיקט צום באַרימטן מאָנאָלאָגיסט שמעון דזשיגאַן קיין תל אביב, האָב איך וועגן דעם טאַקע אַביסל געקיבעצט.

אין דעם מאָנאָלאָג דערציילט דזשיגאַן, אַז ער האָט געוואָלט אָנקומען אין אַ קיבוץ אַרבעטן ביי בלומען. מען האָט אָבער פון אים פאַרלאַנגט, אַז ער מוז זיך אויסלערנען די נעמען פון די בלומען אויף העברעאיש.

„צוויי וואָכן צייט, זאָגט דזשיגאַן, האָב איך דערויף געשוויצט און ווען עס איז געקומען צום עקזאַמען, האָב איך געדענקט די נעמען פון אַלע בלומען. איך האָב געדענקט, אַז אַ גלאַדיאָלאַ הייסט אויף העברעאיש „גלדיולה״; אַ כריזאַנטעמע הייסט אויף העברעאיש „כריזנטמה״; אַ נאַרציס הייסט אויף העברעאיש „נרציס״. אָבער ווי עס הייסט אויף העברעאיש אַ פּאָפּולערע בלום מיטן נאָמען „פאַרגעס מיך נישט״, האָב איך פאַרגעסן!״

כיבוד אויף אידישע מיטינגען

אויף אַן איינלאַדונג צו אַ חנוכה־אָוונט פון אַ אידישער וועלטליכער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט צו טאָן מיט אידישער קולטור, האָב איך געזען אַ צושריפט, אַז אַ חוץ די רעדעס וועט מען אויך סערווירן „חנוכה־לאַטקעס, קאַווע, קעיק און פרוכט״.

אָט די קליינע צושריפט רופט אַרויס, לויט מיין מיינונג, אַ שטיקעלע בייגעשמאַק.

עס מאַכט ניט אויס, וואָס מען גיט אַן אָנצוהערעניש, אַז לכבוד חנוכה וועט מען סערווירן חנוכה־לאַטקעס, פונקט ווי עס וואָלט געווען אויפן פלאַץ ווען מען שרייבט, אַז אויף אַ פורים־מיטינג וועט מען סערווירן המן־טאַשן, און אויף אַ שבועות־מיטינג וועט מען סערווירן מילכיגע בלינצעס. וואָס־זשע האָט מען אויף דער איינלאַדונג צום חנוכה־מיטינג נאָך געדאַרפט פאַרזיכערן, אַז עס וועט זיין קאַווע און קעיק און פרוכט אויך? אויב שוין אויסרעכענען יעדעס פּיצל, פאַרוואָס־זשע פאַרשוויגט מען דעם צוקער מיט דער לימענע (פאַר געסט וואָס טרינקען טיי)?

מיר וואָלטן אפשר וועגן דעם ניט געשריבן, ווען די דערמאָנטע איינלאַדונג וואָלט געווען אַ „בת־יחידה״. כמעט יעדע איינלאַדונג (אָדער ווי מ׳זאָגט אויפן מאָדערנעם אידיש: „פאַרבעטונג״) צו אַ אידישן מיטינג אַנטהאַלט אַ מעניו, וואָס מען וועט דערלאַנגען צום טיש נאָך די דרשות און נאָך די דיסקוסיעס. איין איינלאַדונג איז מבטיח, אַז מען וועט סערווירן קיכלעך מיט טיי. אַ חידוש, וואָס מען דערמאָנט ניט צי קעז־קיכלעך, צי מאָן־קיכלעך? אַ צווייטע איינלאַדונג צערייצט די קישקע, אַז מען וועט סערווירן אַ גאַנצן דעליקאַטעסן־דינער.

ווען אַן אויסלענדישער איד זאָל זען די איינלאַדונג צו אונזערע מיטינגען מיט דער פּובליסיטי, וואָס מען מאַכט דעם טעפּעלע קאַווע וואָס מען דערלאַנגט, און דעם פראַנקפורטער מיטן זויערקרויט, וואָס מען שאַצט אַריין אין נדן, וואָלט ער זיך געטראַכט, אַז מיר זיינען אַזעלכע פרעסערס און זויפערס, אַז מען מוז אונז אַזש אַרייננאַרן צו אַ מיטינג פון אַ ווילנער לאַנדסמאַנשאַפט דורך אַ ביאַליסטאָקער פּלעצל.

ווען אונזערע איינלאַדונגען, דאַקעגן, זאָלן אַריינפאַלן צו סאָוועטישע מענטשן, וואָלטן זיי געווען איבערצייגט, אַז אונזער קבצנ׳ישקייט איז אַזוי גרויס, אַז מען איז גרייט אויסצוהערן פיר שעה דרשות, אַבי דריי מינוט צו עסן!

ווי־זשע דען קענען פרעמדע מענטשן אויסטייטשן די אָנצוהערענישן, אַז „מען וועט רייבן אַ סעודה״?

איך וויל דאָ קומען צו־הילף אונזערע סאָסייעטיס און אָרגאַניזאַציעס ווי אַזוי צו מאַכן זייערע איינלאַדונגען נאָכמער אָנציענד. מיין פאָרשלאָג איז, אַז מען זאָל זיך ניט באַפרידיקן בלויז מיט אויפשרייבן אויף די איינלאַדונגען, וואָס מען וועט געבן צו עסן, נאָר מען זאָל עס מאַכן אָפּטיש מיט אילוסטראַציעס און בילדער.

זאָל מען אויפמאָלן אויף די „אינוויטעישאָנס״ אַ פראַנקפורטער, אַ לונג און לעבערל, אַ גענזענע פולקע, אַ פּופּיקל, אַ קאָפּ פון אַ הערינג און אַ פלעשל קאָקאַ־קאָלע.

ווי אונזערע אידן פאַראידישן די ניי־יאָר פאַרטיס

נישט־רעליגיעזע אידישע שרייבער, וואָס בענקען נאָך אידישער טראַדיציע, שרייבן אַ סך אַרטיקלען ווי אַזוי צו פאַרוועלטליכן די אידישע ימים־טובים אויף אַזאַ אופן, אַז די ימים־טובים זאָלן דערפון נישט פאַרלירן זייער טראַדיציאָנעלן אידישן חן.

דערווייל האַלט מען בלויז ביי די פּלענער.

אויב ס׳האָט זיך אונז נישט איינגעגעבן צו פאַרוועלטליכן די אידישע ימים־טובים, איז אָבער אין אַ גרויסער מאָס אונז שוין געלונגען צו פאַראידישן די וועלטליכע ימים־טובים.

נעמט אַ שטייגער אַזאַ וועלטליכן בירגערליכן יום־טוב ווי ניי־יאָר. ווערט דען נישט די נאַכט פון 31טן דעצעמבער אויפן ערשטן יאַנואַר, די „נאַכט פון הייליגן סילוועסטער״, געפּראַוועט דורך אַ סך פון אונזערע אידן אויף אַן אמת־אידישן שטייגער?

יאָר־איין יאָר־אויס הוליען אונזערע היימישע אידן אין דער נאַכט פון הייליגן סילוועסטער אויף היימישע פּאַרטיס. וואָס־זשע מיינט איר, רבותי, טוט מען דאָרט? מען עסט דאָרט, חס ושלום, לכבוד דעם הייליגן סילוועסטער אויסטערס? שרימפּס? לאָבסטערס? חלילה! מ׳עסט געפילטע פיש, כשר׳ע געהאַקטע ציבעלעס מיט שמאַלץ, חסיד׳ישע געשטאָפּטע קישקע מיט מערן־צימעס. עס פעלט בלויז טשאָלענט מיט קוגל און לאָקשן מיט יויך, וואָלט מען שוין געמעגט קידוש מאַכן אויך.

אַזעלכע אידישע מאכלים עסט מען לכבוד דעם וועלטליכן ניי־יאָר.

וואָס־זשע מיינט איר טאַנצט מען דאָרט אויף די אידישע ניי־יאָר פאַרטיס?

אמת טאַקע, אַז ווען די אידישע ניי־יאָר פאַרטיס הויבן זיך אָן, ווערט דאָרט געטשאַטשאָוועט און געטוויסטעוועט און געוואַטוסיוועט, אָבער באַלד צעלאָזן זיך אידן אין אַ פריילעכן „הבה נגילה", און דווקא אויף ספרד'יש „האַוואַ נאַגילאַ". די הענט און די אַקסלען פאַרפלעכטן זיך אין אַ פייערדיקן „האָראַ". מען האָצקעט איין האָראַ נאָך דער צווייטער. דער עולם ווערט „האָראַ־פאַשניקעס".

בקיצור, די פיס און דער מאָגן האָבן זיך אויף אידישקייט נישט צו באַקלאָגן.

צווי „געראָטענע" בר מצוה־באָיס

(אַ לאַכערייקע, וואָס האָט אין זיך אַ קערנדל אמת.)

טשאַרלי און דזשעק זיינען צוויי נאָהענטע שכנים. זיי וואוינען ביידע אין איין הויז, קליאַמקע ביי קליאַמקע.

נאַכט איין נאַכט אויס טרעפן זיך ביידע שכנים ביי אַ קערטל. זיי זיינען מקיים „ויהי ערב ויהי פאָקער".

ביידע שכנים זיינען געבענטשט יעדער מיט אַ באָי, און ביידע באָיס זיינען אין זעלבן עלטער. אַפילו די נעמען פון די באָיס זיינען די זעלבע. ביידע הייסן „בערי". און כדי זיי צו אונטערשיידן, רופט מען ביידע מיט צונעמען. איין בערי, וואָס האָט אַ שוואַרצע טשופרינע, רופט מען „בלעקבערי", און דעם צווייטן בערי, וואָס איז דאַר ווי אַ שטרוי, רופט מען „סטראָבערי".

ביידע באָיס זיינען גרויסע מתמידים. איינער איז אַ גרויסער מתמיד אין בעיזבאָל און דער צווייטער איז אַ מתמיד אין פוטבאָל.

זיי זיינען אַזוי פאַרקאָכט מיטן באָל, אַז ביי דער עברי „באָל־בען" זיי אויך.

איך וויל נישט רעדן קיין לשון הרע. זיי זיינען פאַרקאָכט ניט בלויז אין באָל. זיי זיינען פאַרקאָכט מיט באָקסינג אויך. ווען מאָהאַמעד אַלי שלאָגט זיך, מוז מען זיי געבן געלט אויף טיקעטס. מ'מוז זיי געבן „אַלי־מאָני".

אַפילו אין שווימען זיינען זיי אויך נישט קיין אַמעראַצים. ווען מען וואָלט געקענט לערנען מאַטעמאַטיק אין וואַסער, וואָלטן ביידע געווען איינשטיינס!

ווען ביידע בעריס זיינען אַלט געוואָרן צו עלף יאָר, האָט מען זיי אָנגעהויבן גרייטן צו דער בר־מצוה מיט דער גאַנצער פאַרע.

ווי עס פירט זיך, האָט מען פאַר זיי צוגענומען צוויי לערערס, אַ היברו־

טיטשער און אַ טאַנץ־טיטשער. ביי איין טיטשער האָבןביידע באַיס שטאַרק מצליח געווען — ביים טאַנץ־טיטשער. זיי זיינען געווען אַזוי פּאַרקאָכט אין די טאַנץ לעסאָנס, אַז ווען מ׳האָט זיי געפרעגט ווי ס׳מאַכט פּתח שין, האָבן זיי נישט געענטפערט „שאַ־שאַ״, „נאָר טשאַ־טשאַ״.

זייער היברו טיטשער איז געווען אַ סטודענט פון ישראל. קיין היברו האָבן זיי זיך ביי אים נישט אויסגעלערנט. אַלץ וואָס זיי האָבן זיך ביי אים אויסגעלערנט, איז... טאַנצן אַ האָרא.

האָט מען דעריבער צו זייער הפטורה געמוזט צונעמען אַ דריטן לערער — טאָמאַס עדיסאָן!

טאָמאַס האָט זיי געלערנט די הפטורה דורך זיינס אַ גראַמאַפאָן־רעקאָרד. טאָמאַס האָט זיי געלערנט די ברכות אויך, אַ ברכה אויף זיין קאָפּ.

אויף זייערע בר־מצוה׳ס, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דעם זעלבן שבת, חול המועד סוכות, האָבן זיך ביידע באַיס אַרויסגעוויזן פאַר אמת׳ע לומדים, פאַר עילוי׳ס. בלויז דער ראַבאַי האָט זיי אונטערגעהאָלפן ביי די ברכות און דער חזן האָט זיי צוגעהאָלפן ביי דער הפטורה. אָנטאָן און אויסטאָן די טלית׳לעך, דאָס האָבן די באַיס אַליין „אַקאָמפּלישד״, אָן קיינעמ׳ס הילף.

נאָכן דאַוונען האָבן ביידע שטאָלצע טאַטעס געמאַכט אַ געמיינזאַמען רעסעפּשאָן — אין דער סוכה פון דער שול. ווען זיי האָבן געדאַרפט מאַכן קידוש, האָבן זיי דערזען, אַז זיי האָבן ניט קיין מחזור. קידוש איז דאָך ניט קיין „פּאָקוער״, מ׳זאָל עס קענען אויסנווייניג, האָט מען געבעטן די בר מצוה באַיס, אַז זיי זאָלן אַריינלויפן אין שול און ברענגען אַ „מחזור לסוכות״. אין אַ מינוט אַרום זיינען ביידע לומדים צוריקגעקומען אין סוכה, ניט מיט קיין ליידיקע הענט.

איינער האָט געבראַכט אַ „הגדה של פסח״ און דער צווייטער האָט געבראַכט אַ „מגילת אסתר״!

פאַרוואָס מ׳עסט שבועות מילכיגע קרעפּלעך

שבועות איז דער יום־טוב פון מתן־תורה.

מיט שווערע אַנגסטן איז משה רבינו אָנגעקומען דורכצופירן דעם מתן־תורה, נאָך שווערער ווי עס קומט היינט אָן דורכצופירן דעם שלום אין ישראל. פריער האָט משה רבינו געפּרואווט דורכצופירן די גאַנצע זאַך דעמאָקראַטיש, אָבער ווען ער האָט געזען, אַז עס קומט ניט צו קיין טאָלק, איז ער געוואָרן אַ

דיקטאַטאָר און געוואָרנט: „אויב איר וועט אָננעמען די תורה, איז גוט; אויב נישט, וועט איר אַלע באַגראָבן ווערן אונטערן באַרג סיני!"

דאָס האָט ענדליך געווירקט און אַלע האָבן געענטפערט „נעשה ונשמע" — „מיר נעמען־אָן די תורה בלינדערהייט און מיר וועלן פאָלגן אַלץ וואָס אין איר שטייט געשריבן!"

ווי עס ווערט געבראַכט אין אונזערע פאַרצייטיקע רעליגיעזע ספרים, זיינען ביים באַרג סיני געשטאַנען ניט בלויז די אידן פון יענעם דור, נאָר עס האָבן זיך דאָרט פאַרזאַמלט די נשמות פון אַלע שפּעטערדיקע דורות, אונזער היינטיקן דור אַריינגערעכנט. אויך מיט אונזער היינטיקן דור האָט משה רבנו געפירט לאַנגע אומערמידליכע פאַרהאַנדלונגען וועגן מקבל זיין די תורה און די עשרת הדברות, די צען געבאָט.

דער היינטיקער דור איז מיר זייער גוט באַקאַנט, איך האָב דאָס צווייפלהאַפטע גליק צו לעבן אינ׳ם היינטיקן דור. וויל איך דאָ געבן אַ שטיקל בילד ווי אַזוי עס זיינען צוגעגאַנגען די פאַרהאַנדלונגען וועגן קבלת־התורה מיט די פאָרשטייער פון היינטיקן דור.

מיטן היינטיקן דור האָט משה רבנו נישט געקענט האַנדלען מיט די זעלבע פּרימיטיווע מעטאָדן ווי ער האָט אָנגעווענדעט פאַרצייטנס ביים באַרג סיני, האָט ער טאַקע אָנגעווענדעט די נייסטע מאָדערנע טעכנישע מעטאָדן.

ווען משה רבנו האָט פאַרענדיגט זיין תורה, האָט ער זי אַ לאַנגע צייט אַדווערטאַיזט אין דער פּרעסע, דורך ראַדיאָ און טעלעוויזיע: „כאַפּט׳ס אַריין אַ באַרגן! אַ טייער תורה׳לע! זייט תורה׳ס האָבן זיך גע׳תורה׳ט איז נאָך אַזאַ תורה נישט געווען! איילט זיך צו, ווייל די תורה קאָן מען מקבל זיין בלויז אין די צווי טעג פון שבועות".

קיין קונים זיינען אָבער נישט געקומען.

האָט משה רבנו באַשלאָסן אַז ער וועט גיין צו דער מענשהייט דירעקט.

קודם־כל איז ער אַוועק צו די גוים. גראָד האָט ער אָנגעטראָפן אויף אַנטיסעמיטן און זיי האָבן גע׳טענה׳ט, אַז זיי ווילן נישט האָבן קיין געמיינזאַמע תורה מיט אידן.

איז משה רבנו אַוועק צו די קאָמוניסטן, האָבן די קאָמוניסטן געזאָגט: אַדרבא, מיר וועלן אָננעמען די תורה, ווייל די תורה פּרעדיגט שלום. — אָבער נישט קיין „מאָסקווער שלום", האָט משה רבנו צוגעגעבן. — איז נישט געוואָרן פון געשעפט.

איז משה אַוועק צו די ווייבער. האָבן די ווייבער געזאָגט: מיטן גרעסטן פאַרגעניגן וועלן מיר אָננעמען די תורה, ווייל לויט דער תורה זיינען ווייבער

פטור פון מצוות. האָט משה געזאָגט: „קיין מצוות דאַרפט איר נישט טאָן, אָבער קיין עבירות אויך נישט" — איז נישט געוואָרן פון געשעפט.

איז משה אַוועק צו די פּאָליטישנס, אַז זיי זאָלן אָננעמען די תורה און צווישן זיי איז פאָרגעקומען אַ קורצער שמועס:

פּאָליטישנס: אַז מיר וועלן מקיים זיין די תורה, וואָס וועלן מיר האָבן?

משה: עולם הבא.

פּאָליטישנס: נישט קיין געשעפט. מיר ווילן נישט קיין עולם הבא, נאָר עולם הזה.

אַ דערשלאָגענער איז משה אַוועק צו די דיפּלאָמאַטן. האָבן די דיפּלאָמאַטן געענטפערט. די תורה איז צו קלאָר, צו דייטליך, צו אָפן, מיר דאַרפן אַ תורה וואָס מיר זאָלן קענען אויסטייטשן אַהין און אַהער. פון אַ יאָ זאָל מען קענען מאַכן אַ נישט. פון אַ נישט אַ יאָ.

אַוועקגייענדיק זיינען משה׳ן נאָכגעלאָפן אַ חברה צייטונגס־רעפּאָרטערס און געוואָלט פון אים אַן אינטערוויו.

— איך וועל אייך געבן אַן אינטערוויו — האָט משה געזאָגט, — נאָר זייט פריער מקבל די תורה.

— וואָס שטייט אין אייער תורה? — האָבן די רעפּאָרטערס געפרעגט.

— „לא תרצח!" „זאָלסט נישט מאָרדן!" — האָט משה געענטפערט.

— אַז מ׳וועט נישט מאָרדן — האָבן די רעפּאָרטערס געזאָגט — וואָס פאַראַ „ניוס" וועלן מיר דרוקן? וועט דאָך נישט זיין קיין „סטאָריס"! נאָ סער!

פון די רעפּאָרטערס איז משה אַוועק צו די ליטעראַטן און ראָמאַנען־שרייבער — נעמט־אָן מיין תורה — האָט זיך משה געבעטן — אין מיין תורה שטייט „לא תחמוד אשת רעך", „דו זאָלסט נישט גלוסטן דיין חבר׳ס ווייב׳.

— בלייבן מיר דאָך אָן פרנסה — האָבן די ראָמאַנען־שרייבער געענטפערט — איר האָט שוין אַמאָל געלעזן אַ ראָמאַן ווי דער העלד זאָל ליב האָבן זיין אייגן ווייב? אַז מיר וועלן שרייבן ראָמאַנען ווי די העלדן ליבן די אייגענע ווייבער וועט זיי קיינער אין האַנט נישט נעמען און די פילם־סטודיאָס וועלן די ראָמאַנען נישט אַדאָפּטירן פאַר קיין מואוויס. וועלכער משוגענער וועט קויפן אַ טיקעט צו אַזאַ מואווי? נאָ, סער, עס ווערט נישט פון געשעפט!

ענדליך האָט אויף משה׳ן רחמנות באַקומען אַ פּשוט אידיש ווייבל און זי האָט אים געזאָגט: איך וויל מקבל זיין די תורה!

משה: אויב איר ווילט מקבל זיין די תורה, מוזט איר זיך קודם־כל אָפּשיידן פון אייער מאַן אויף דריי טעג.

זי: אפילו נישט אויף קיין איין מינוט. איין מינוט טאָר איך אים נישט לאָזן

אַליין. איר קענט נישט מיין פויגל, ר׳ משה! ער וועט האָבן אַן אויסרייד, אַז ער גייט מקבל זיין די תורה, דערווייל וועט ער פאַרפאַלן ווערן ביי דער נעקסטדאָריגער. אַז ער זעט אַ פרעמד ווייבל, ווערט ער די כפרה.

ווען משה רבנו האָט געזען, אַז מיט דער דערוואַקסענער מענשהייט קען ער גאָרנישט מאַכן, האָט ער באַשלאָסן זיך צו נעמען צום קליינוואָרג. אומשולדיגע קינדערלעך וועלן דאָך נישט שטעלן קיין באַדינגונגען.

צווישן משה׳ן מיט די קינדערלעך איז פאָרגעקומען אַזאַ שמועס:

משה: אידישע קינדערלעך, מיט אייערע טאַטעס און מאַמעס איז גאָרנישט צו מאַכן. אפשר וועט איר אויף מיר רחמנות האָבן און מקבל זיין די תורה?

די קינדערלעך: קודם־כל מוזט איר אונז געבן אייער אויטאָגראַף.

משה: וואָס בין איך עפּעס אַ פילם־סטאַר? איך בין דאָך משה רבנו! איר האָט שוין געהערט פון משה רבנו?

די קינדערלעך: ניין, אין סקול האָט מען אונז נישט געזאָגט און אין דער היים האָבן מיר אויך נישט געהערט. ווער זענט איר. מיסטער משה רבנו, פון די „דאַדזשערס״ אָדער פון די „יענקיס״?

משה: איך בין נישט קיין ספּאָרט סטאַר. איך בין משה רבנו פון באַרג סיני. איר האָט שוין געהערט פון באַרג סיני?

קינדערלעך: יאָ, ער הייסט נאָכ׳ן „מאַונט סאַינע האָספּיטאַל״.

משה: זענט איר דאָך די אמת׳ע למדנים! מילא, יאָ למדנים, נישט למדנים, די תורה מעגט איר מקבל זיין. אין מיינע צען געבאָט איז דאָ אַ ספּעציעלער געבאָט פאַר אייך, קינדלעך, עס איז דאָ אַ געבאָט „כבד את אביך ואת אמך״ — „זאָלסט האַלטן בכבוד דיין טאַטן און דיין מאַמען!״

קינדערלעך: דאָס טוען מיר „עניוועי״, „פאַדער׳ס־דעי״ האָבן מיר ליב דעם טאַטן און „מאָדער׳ס־דעי״ האָבן מיר ליב די מאַמען.

משה: מיין תורה הייסט ליב האָבן טאַטע־מאַמע אַ גאַנץ יאָר. ווילט איר מקבל זיין די תורה?

קינדערלעך: נאָ סער!

זעענדיק וואָס פאַראַ אויפנאַמע מען מאַכט אים, איז משה רבנו געוואָרן שרעקליך בייז און אַ קללה איז אַרויס פון זיינע ליפּן, אַ פאַרשטעלטע קללה: אָנשטאָט „אַז קרעפּירן זאָלט איר!״ האָט ער אויסגערופן: „אַז קרעפּ־לעך זאָלט איר עסן!״

פון דאַמאָלט אָן איז אַ מנהג צו עסן שבועות מילכיגע קרעפּלעך.

די אידישע טעאַטערס

אין די אידישע טעאַטער־קרייזן האַלט מען זיך אין איין גריבלען פאַרוואָס די פּיעסע „דער פידלער אויפן דאַך" האָט געהאַט אַזאַ געוואַלדיקן דערפּלאָג.

אַ טייל טעאַטער־מענטשן זאָגן, אַז דאָס איז צוליב שלום־עליכם׳ען, וועלכער איז אַזוי פּאָפּולער ביי אידישע גוים און ביי גוי׳אישע אידן. אַנדערע האַלטן אַז דאָס איז צו פאַרדאַנקען דער געלונגענער מוזיק און די געראָטענע ליריקס פון דער שאָו. נאָך אַנדערע מיינען, אַז דאָס איז צוליב דעם וואָס מ׳גיט דעם עולם אידישקייט אויף ענגליש, וואָס מ׳גיט אַ אידיש קרעפּל אין אַן ענגליש טעפּל.

אַנדערע טעאַטער־מבינים דאַקעגן זאָגן, אַז די סאַמע גרעסטע צוציהונגס־קראַפט איז נישט שלום־עליכם און נישט ס׳ענגלישע לשון, נאָר דער נאָמען פון דער פּיעסע „דער פידלער אויפן דאַך", וואָס דערמאָנט מאַרק שאַגאַל׳ס באַרימטע מאָלערייען פון די פאַנטאַסטישע אידן וואָס פליען אויף דעכער. די טעאַטער־לייט זאָגן, אַז ווען מ׳שפּילט למשל אַ פּיעסע מיטן נאָמען „דער קוימען־קערער אויפן דאַך", אָדער „אַ קוה אין געפלויגן אויבערן דאַך", וואָלט מען אויך באַלאַגערט די קאַסע.

ס׳איז דעריבער אַנטשטאַנען אין די אידישע טעאַטער־קרייזן אַ געדאַנק — אַזוי זאָגן די קיביצערס — אַז די פּיעסע וואָס מען גרייט זיך אויפצופירן זאָל מען צוטשעפּען צו אַ דאַך.

אידאַ קאַמינסקאַ ענדערט דעם נאָמען פון דער פּיעסע, מיט וועלכער איר מאַמע ע"ה און זי צו לאַנגע יאָרן, זיינען ממש צונויפגעוואַקסן. איר פּיעסע וועט איצט הייסן „מירעלע אפרת אויפן דאַך". זי גרייט זיך אויך צו שטעלן „כאַשע די יתומה אויפן דאַך" און „בר כוכבא אויפן דאַך".

אַמאָל האָבן מיר געהאַט אַ „תנ"ך־אידישקייט", נישט דאַ גע־דאַכ־ט"...

ווען מאָריס שוואַרץ ע"ה וואָלט איצט געלעבט און געזען די טרויעריגע לאַגע פון דער אידישער קולטור, וואָלט ער מסתם געשטעלט אַ פּיעסע מיטן נאָמען „שווער צו זיין אַ איד אויפן דאַך".

אַמעריקאַנער טוריסט האָט זיך „דיסאַפּאָינטעט" אין „איזראַעל"

אַז די שטאָט סדום איז איינגעזונקען געוואָרן צוליב די זינד פון אירע איינוואוינער, דאָס ווייסן מיר אַלע פון חומש. אָבער אַז אין דערזעלבער געגנט פון דער איינגעזונקענער זינדיקער שטאָט געפינט זיך איצט אַ חלוצ׳ישער קיבוץ מיטן נאָמען „סדום", דאָס ווייסן נישט אַלע.

אַמעריקאַנער אידישע טוריסטן, וואָס זוכן היסטאָרישע פּלעצער, מיטן איינציקן צוועק, צו קענען זיי פאָטאָגראַפירן, מיידן נישט אויס דעם קיבוץ סדום. זיי דערוואַרטן דאָרט צו טרעפן איבערבלייבענישן פון די אַמאָליגע באַרימטע רשעים פון סדום, זיי ווילן דאָרט האָבן אַ „טהריל".

אַן אַמעריקאַנער טוריסט, אַ איד מיט אַ „סענס אָוו יומאָר", האָט נאָך אַ וויזיט אין סדום, איבערגעגעבן זיינע איינדרוקן פאַר זיינע אַמעריקאַנער פריינד:

— איך בין אינגאַנצן „דיסאַפּוינטעד" פון מיין וויזיט אין סדום — האָט דער אַמעריקאַנער געזאָגט. — איך האָב געמיינט אַז איך וועל דאָרט טרעפן בלויז רשעים, זשוליקעס מאָגערס, האָלדאַפּניקעס און איך האָב באַצייטנס מיטגענומען מיט זיך אַ רעוואָלווער, כדי צו פאַרטיידיקן מיין לעבן. צום סוף האָב איך דאָרט געטראָפן בלויז צדיקים, הלוואי אויף ניו יאָרק און פּעטערסאָן געזאָגט. אין קיבוץ סדום האָט מען מיר געגעבן צו עסן און צו טרינקען אָן אַ פּעני געלט. אַפילו קיין טיפּ האָט דאָר קיינער ניט געוואָלט נעמען.

ווען עס איז געקומען די צייט צו שלאָפן, האָב איך געציטערט מען זאָל מיך נישט אַריינלייגן אין איינעם פון די באַרימטע „סדום־בעטלעך". ערשט מען גיט מיר אַ פיין בעט מיט אַ מאַטראַץ, „סירוויס נאָמבער וואָן", און אַלץ אָן איין סענט.

— אַזוי האָט מען מיך באַהאַנדלט אין סדום — האָט דער אַמעריקאַנער ווייטער דערציילט. — דאַקעגן, ווען איך בין געקומען אין ירושלים, וואו איך האָב געמיינט אַז עס וואוינען בלויז צדיקים, האָט מען פון מיר געריסן די הויט פאַר יעדער פּיצל: פאַר עסן, פאַר נישט עסן, פאַר שלאָפן, פאַר כראָפּען אין שלאָף, פאַר ניסן, פאַר היסן און אַפילו פאַר אַ שמעק טאַבאַק.

אָנשטאָט צו טרעפן רשעים אין סדום, האָב איך געטראָפן צדיקים אין סדום און רשעים אין ירושלים.

— כ׳וועל מאַכן אין מיין סטאָרי אַ שאָרט־קאַט. איזראַעל איז עפּעס אַ

פאַרדרייט לאַנד — האָט דער אַמעריקאַנער געענדיקט זיין סטאָרי — נישט אַנדערש ווי די רשעים פון סדום האָבן געמופט קיין ירושלים און האָבן זיך דאָרט איינגעקויפט פאַר באַראַבעוועט געלט קאָנדימיניומס און די צדיקים פון ירושלים האָבן געמופט קיין סדום.

תפיסות אין ישראל

באַלד נאָך דער אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל, ווען איך בין דאָרט געווען, איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרואוו איינצופירן לערן־קורסן פאַר די אַרעסטאַנטן פון דער תפיסה פון תל־אביב־יפו. דער לערער פון יענע קורסן איז געווען מיין פריינד און קאָלעגע יהושע שלייען.

יהושע שלייען גופא איז אַ זייער אינטערעסאַנטער מענטש.

פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה איז יהושע שלייען געווען אַ אידישער זשורנאַליסט אין לעמבערג און האָט געדרוקט אַרטיקלען אין דער לעמבערגער אידישער טאָג־צייטונג „דער לעמבערגער מאָרגן״ ער איז אויך געווען אַ באַקאַנטער העברעאישער גימנאַזיע־לערער. מיט איין וואָרט: ער איז געווען אַ געבילדעטער איד, אַ תלמיד־חכם.

די היטלעריסטישע אָקופּאַציע פון גאַליציע האָט יהושע שלייען איבערגעלעבט מיט די גרעסטע ניסים. זיין נס איז געווען וואָס ער האָט אַ גוי׳איש פנים, אַן אמת־סלאַווישע נאָז און אוקראַיניש רעדט ער ווי אַ וואַסער. חוץ פּויליש, דייטש. אָט דער זכות איז אים בייגעשטאַנען אין די יאָרן פון דער היטלער־אָקופּאַציע.

אין דער צייט פון היטלער־חורבן איז ער אַנטלאָפן אין אַ אוקראַיניש דאָרף ביי פּשעמישל. דאָרט האָט ער געשפּילט די ראָלע פון אַ געהילף ביים פּראַוואָסלאַוונעם גלח. ווען דער גלח פלעגט אַוועקפאָרן האָט יהושע שלייען אים פאַרטראָטן. חוץ תפילות און דרשות אין דער צערקווע האָט ער אויך געפירט אונטערערדישע אַנטי־היטלעריסטישע אַרבעט.

באַלד נאָך דער אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל איז יהושע געקומען קיין ישראל און האָט באַקומען אַ דזשאַב אַלס לערער פון די אַרעסטאַנטן אין דער תפיסה פון יפו־תל־אביב. ער האָט מיט די אַרעסטאַנטן געלערנט אידישע היסטאָריע און תנ״ך. די אַרעסטאַנטן האָבן געהאַלטן פון אים אַ וועלט.

איינמאָל, אָבער, האָט מיר מיין פריינט שלייען דערציילט, האָט ער ביי אַזאַ

לעקציע ממש געשפּילט מיטן לעבן און ס׳האָבן ביי אים געציטערט הענט און פיס.

דאָס איז געווען אויף אַ לעקציע פון אידישער היסטאָריע. יהושע שלייען האָט די אַרעסטאַנטן דערציילט די געשיכטע פון שמשון הגיבור, ווי ער האָט מיט אַ קיבאַק געשלאָגן די פלישתים און ווי שמשונ׳ס ווייב, דלילה, האָט איר מאַן אָפּגעשוירן די לאָקן און אים פאַרראַטן.

די מעשה שמשון און דלילה האָט אויף די אַרעסטאַנטן, וואָס זיינען באַשטאַנען מערסטנטייל פון גנבים, געמאַכט אַ געוואַלדיקן איינדרוק. אויף דער פאַררעטערישער דלילה זיינען די גנבים געווען אויפגעקאָכט. זיי האָבן ניט אויפגעהערט צו קלאַפּן מיט די הענט אויפן טיש פון לערער שלייען און האָבן געסטראַשעט דלילה׳ן מיט געביילטע פויסטן.

איין אַרעסטאַנט, זייער אַן אויפגערעגטער, איז געווען אַזוי אויפגעקאָכט אויף דלילה׳ן, אַז ער האָט זיך צעשריען אויף העברעאיש מיט ווילדע קולות: „זונה שכזאת! ימח שמה ושם אמה! אני הייתי עוקר את רגליה ומשליכן לכלב!״ (אַזאַ גאַסן־פּרוי! אַ רוח אין איר מאַמען אַריין! איך וואָלט איר אויסגעריסן די פיס און געוואָרפן פאַרן הונט!).

ווענדיק אילוסטרירן אין באַווייזן וואָס ער וואָלט געטאָן מיט דלילה׳ן, האָט דער צעווילדעוועטער אַרעסטאַנט געכאַפּט דאָס בענקל, אויף וועלכן דער היסטאָריע־לערער שלייען איז געזעסן, האָט פון דעם בענקל אַרויסגעריסן אַ פוס און געוואָרפן אין דער לופטן. באַלד האָבן אין דער תפיסה־קאַמער אָנגעהויבן פליען דער עמער מיט וואַסער, דער טינטער פון לערער און אַנדער זאַכן, וואָס די איבעריקע אַרעסטאַנטן־תלמידים האָבן געשליידערט אין דער לופטן, אַלס באַווייז, אַז זיי סאָלידאַריזירן זיך מיט דער צעווילדעוועטן דלילה־האַסער. אין קאַמער איז געוואָרן כמעט אַ פּאָרגאָם, און אַלץ צוליב דעם ביטערן צאָרן אויף דלילה׳ן.

דער לערער שלייען איז ניט געווען באַגייסטערט ווי זיינע תלמידים נעמען זיך אָן פאַר שמשון הגיבור און רעכענען זיך אָפּ מיט דלילה׳ן און ער האָט אַ קוועטש געטאָן דאָס עלעקטרישע קנעפּל, וואָס איז ספּעציעל געווען אינסטאַלירט פאַר אַ נויטפאַל, פאַר אַן „עמוירדזשענסי״ פאַל. באַלד דערנאָך איז אין קאַמער דערשינען אַ יונגע פּאָליציאַנטקע, אַ מיידל אַ קראַסאַוויצע, וואָס האָט די צעהיצטע „ביבל־קאָמענטאַטאָרס״ גערופן זיך צו באַרוהיקן. ווען עס איז פונדעסטוועגן ניט שטיל געוואָרן, האָט זי געזאָגט דעם הויפּט טומלער אויף לשון־קודש:

— דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז ביי אונז אין תפיסה שלאָגט מען ניט קיין אַרעסטאַנטן. אָבער פאַר אַזאַ האַנדלונג ביזטו ווערט פעטש!

— איך וויל בעסער פון דיר אַ פּאַטש, איידער פון מיין ווייב אַ קוש!

מיין ליטעראַרישע אַנקעטע צווישן צייטונגס־שרייבער

מיט יאָרן צוריק האָט מיינער אַ קאָלעגע, אַ אידישער שרייבער, מיר צוגעשיקט עטליכע הומאָרעסקעס פאַר׳ן „פאָרווערטס״.

איידער איך האָב די הומאָרעסקעס דערלאַנגט דעם רעדאַקטאָר, איז מיר איינגעפאַלן, אַז איך וועל זיי פריער געבן איבערלייענען אַ פּאָר קאָלעגן־שרייבער פון רעדאַקציע. איך בין סתם געווען טשיקאַווע צו הערן זייער מיינונג.

וואָס־זשע, מיינט איר, האָבן זיי געזאָגט אויף די הומאָרעסקעס?

אָט וואָס זיי האָבן געזאָגט:

ערשטע קאָלעגע: די הומאָרעסקעס זיינען אויסגעצייכנט. דער עולם וועט פון זיי שטאַרק הנאה האָבן. הומאָר פון אַזאַ הויכער קוואַליטעט איז זעלטן צו טרעפן אין דער אידישער פרעסע.

צווייטער קאָלעגע: די הומאָרעסקעס זיינען נישט דרוק־פייעיג. זיי זיינען קוואַטש שבקוואַטש. שיק זיי צוריק, ס׳איז אַ בושה אַזוינס אָפּצודרוקן.

דריטע קאָלעגע: איך האָב געפּרואווט ביים לייענען צו געבן כאָטש אַ שמייכל, אָבער ס׳איז נישטאָ פון וואָס. אַזאַ הומאָר איז גוט אויף תשעה באב.

פערטער קאָלעגע: דער עולם וועט לעקן די פינגער פון די הומאָרעסקעס. דער הומאָר איז נישט קיין געקוועטשטער, נאָר אַ נאַטירליכער, אַ שפּרודלדיגער, און ער האָט אַ הויכן ליטעראַרישן קוואַליטעט.

פינפטער קאָלעגע: ס׳איז חלשות שבחלשות. וואַרף עס שוין אין קויש אַריין.

זעקסטער קאָלעגע: איך האַלט נישט אַז ס׳איז חלשות. כ׳האַלט אויך נישט אַז ס׳איז איי־איי־איי. די הומאָרעסקעס זיינען מיטלמעסיגע. עס איז נישט קיין גליק אויב מ׳וועט זיי יאָ דרוקן און ס׳איז נישט קיין אומגליק אויב מ׳וועט זיי נישט דרוקן.

* * *

איך דערצייל דאָס אַלץ אַקעגן דעם, וואָס אַ לייענער פון „פאָרווערטס״ האָט מיך אָנומלט מקנא געווען און געזאָגט:

— אייך איז גוט. ווען מיר, פּשוט׳ע לייענער, זיינען אַמאָל נישט זיכער צי אַן

אַרטיקל אָדער אַ פעליעטאָן אין צייטונג איז געראָטן אָדער נישט, האָבן מיר נישט קיין פאַכמאַן, ביי וועמען צו פרעגן אַ מיינונג. אָבער ווען אַ שרייבער פון אַ צייטונג וואָקלט זיך וועגן דער קוואַליטעט פון אַן אַרטיקל, גיט ער אַ פרעג זיינע קאָלעגן פון רעדאַקציע און ער ווייסט באַלד צי דער אַרטיקל איז גוט, צי נישט.

געשפּרעך מיט אַ וואָרדן פון אַ צעבונטעוועטער תפיסה

די בונטן אין די תפיסות הערן ניט אויף סיי אין אַמעריקע, סיי אין אַנדערע לענדער. איידער מ׳ליקווידירט איין בונט אין איין תפיסה, הויבן זיך באַלד אָן אומרוהען אין אַ צווייטער טורמע.

נאָך יעדן אַרעסטאַנטישן אויפשטאַנד, הויבט זיך אָן אַ געקאָך אין דער פּרעסע. די פּרעסע שרייבט, אַז דער רעזשים אין דער תפיסה, וואו ס׳איז פאָרגעקומען דער בונט איז אַ שרעקליכער, די תפיסה־אַדמיניסטראַציע אָבער לייקנט שטיין און ביין.

כ׳מוז מודה זיין, אַז נאָך אַ תפיסה־בונט האָב איך שטאַרק חשק געהאַט זיך אַריינצולאָזן און האָבן אַ שטיקל שמועס מיטן וואָרדן פון פּריזאָן.

אָט איז דער שמועס:

איך: וואָס איז די מעשה, מיסטער, אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג קומען ביי אייך פאַר בונטן? עס איז טאַקע אמת וואָס מ׳זאָגט, אַז דער רעזשים אין אייער קעניגרייך איז אַ שרעקליכער, אַז ס׳איז בשום אופן ניט מעגליך אויסצוהאַלטן?

ער: חלילה. ס׳איז אַ בלבול, עס איז אַן אויסטראַכטעניש פון דער פּרעסע. זיי האָבן דען עפּעס בעסערס צו טאָן — די זשורנאַליסטן? טראַכטן זיי טאַקע אויס ניט־געשטויגענע, ניט געפלויגענע זאַכן! אין דער אמת׳ן איז ביי אונז אין תפיסה אַ גן־עדן. די אַרעסטאַנטן פעלט דאָ גאָרנישט. מ׳עסט און מ׳טרינקט דאָ פון שענסטן און פון בעסטן. די אַדמיניסטראַציע פון תפיסה נעמט אַוועק פון אייגענעם מויל און גיט אַלץ אַוועק פאַר די אַרעסטאַנטן. די וועכטערס רעדן צו די אַרעסטאַנטן ווי דורך אַ זיידן טיכל.

איך: אויב ס׳איז דאָ אַזוי גוט, פאַרוואָס זיינען עפּעס די פענסטער אַזוי שטאַרק פאַרגראַטעוועט מיט אייזערנע גראַטעס? פאַרוואָס האָט איר מורא, מ׳זאָל זיך פון דאַנען ניט אַרויס׳גנב׳נען?

ער: ניין, כ׳האָב מורא מ׳זאָל זיך אַהערצו ניט אַריינ׳גנב׳נען!

ווי אַזוי דאַרף מען שרייבן

ס׳וועט ניט זיין, מיין איך, איבערטריבן צו זאָגן אַז דער מעדיצינישער שרייבער, דאָקטאָר ווייַנזאַפּט איז דער גרעסטער בריוו־דערהאַלטער אין רעדאַקציע פון „פאָרווערטס״. ער דערהאַלט מער בריוו אין איין וואָך ווי מיין ווייניגקייט דערהאַלט אַ גאַנץ יאָר.

די בריוו צו דאָקטאָר ווייַנזאַפּט האָבן אָבער, לויט מיין מיינונג, אַ חסרון: זיי זיינען צו־לאַנג.

כדי איינצושפּאָרן די לעזער פון „פאָרווערטס״ אומנויטיגע אַרבעט און צייט, דאַרפן די לעזער פון „פאָרווערטס״ שרייבן צום דאָקטאָר קורץ און שאַרף, בלויז עטליכע ווערטער.

אָט האָב איך צוזאַמענגעשטעלט פאַר אונזערע געשעצטע לייענער אַזאַ קורץ בריוול פון בלויז געציילטע ווערטער:

„ליבער דאָקטאָר! וואָס טוט מען? די יאָרן דערגייען מיר די יאָרן!״

מיין שכן דזשעק, דער פאַרביסענער ראַדיקאַל

אַז איך האָב אַ שכן ר׳ מענדל, וואָס איז אַ איד אַ בן תורה און וואָס האָט זיך ליב צו קאָכן אין פּאָליטיק, וועגן דעם האָב איך שוין גענוג געשריבן. איצט וויל איך דערציילן וועגן אַ צווייטן שכן מיינעם, דזשעק, אַ פייערדיגן ראַדיקאַל, וואָס פאַרמאַכט די ראַדיאָ ווען צבי סקולער אַנאַנסירט אַז ס׳גייט רעדן אַ ראש ישיבה.

חול המועד סוכות איז מיין שכן דזשעק געקומען צו מיר צו גאַסט און צווישן אונזביידן איז פאָרגעקומען אַזאַ שמועסל:

ער: וואָס זאָגט איר נישט, פריינט יאָסל, וואָס עס טוט זיך אין אונזער ברוקלין? מען באַפאַלט דאָך אידן אין מיטן גאַס!

איך: ווער באַפאַלט? כוליגאַנעס, מאַגערס, האָלדאַפּניקעס?

ער: די אָנפאַלערס זיינען נישט קיין מאַגערס, חלילה, נאָר לובאַוויטשער ישיבה־בחורים. יעדער ישיבה־בחור טראָגט אַן אתרוג און לולב אין האַנט און וואו זיי זעען דורכגיין עמיצן וואָס זעט אויס ווי אַ איד, הייסן זיי אים בענטשן

אתרוג. ס׳העלפט אַפילו נישט, אויב ער ווייזט זיי אַ לעגיטימאַציע פון „בונד״.

איך: וואָס־זשע טשעפּעט עס אייך?

ער: ס׳הייסט וואָס? ס׳קאָן דאָך קומען דערצו, אַז זיי זאָלן אַרומלויפן מיט מעסערס אין די גאַסן!

איך: וואָס רעדט איר, דזשעק? חסידישע בחורים, בני־תורה, וועלן חלילה אַרומלויפן מיט מעסערס?

ער: כ׳מיין, זיי וועלן יעדן שבת אַרומלויפן מיט אַ מעסער אין איין האַנט און מיט אַ חלה אין דער צווייטער האַנט און צווינגען אידן צו מאַכן אַ המוציא איבער דער חלה. פרייטאָג־צו־נאַכטס וועלן זיי אַרומלויפן מיט אַ פלאַש ראַזשענקע־וויין און צווינגען אידן צו מאַכן קידוש. ביי אייך איז עס גאָרנישט, אָבער ביי מיר איז עס פינסטערער קלעריקאַליזם? זאָגט מיר, פריינט יאָסל, דעם אמת: אויב מ׳וואָלט צוגעקומען צו אייך אינמיטן דער גאַס מיט אַן אתרוג, וואָלט איר געבענשט, צי ניין?

איך: כ׳וועל אייך זאָגן דעם אמת. ווען אַ לובאַוויטשער בחור קומט צו מיר צו מיט אַן אתרוג און אַ לולב און בעט מיך, כ׳זאָל שאָקלען דעם לולב, ווייס איך נישט צי איך וואָלט מיך דערפון **אָפּגעשאָקלט**... איך וואָלט זיך געטראַכט, אַז אויב ס׳איז מיר חלילה באַשערט באַפאַלן צו ווערן דורך „מאַגערס״, זאָל עס זיין דורך דעם לובאַוויטשער רבי׳נס „מאַגערס״, וואָס זייער געווער איז אַן אתרוג מיט אַ לולב... כ׳וועל אייך זאָגן דעם אמת, דזשעק: ווען נאָכ׳ן בענטשן אתרוג וואָלטן מיך די לובאַוויטשער „מאַגערס״ אַריינגעשלעפּט אין לובאַוויטשער רבי׳נס סוכה אויף איסטערן פּאַרקוויי און מיך מכבד געווען מיט קידוש, וואָלט איך מיך נישט געקווענקלט קיין איין מינוט און איך וואָלט מיך געלאָזט קלעריקאַליזירן...

אונטערגעהערטע שמועסן

— איך זאָג אייך, אַז קענגן אַ פּרויענצימער קען זיך קיין שום מאַנספּאַרשוין קיין עצה נישט געבן, מעג ער זיין דער גרעסטער קנאַקער! איך זאָג דאָס אַקעגן דעם, וואָס איך האָב אַ שכנ׳טע, איז איר מאַן אַ „פּיק־פּאָקעט״ און זי ליידיגט אים אויס די קעשענעס!

* * *

— כ׳זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד, כ׳שפּיי אויס דריי מאָל: די לעסביאַנס און האָמאָסעק ווערן וואָס אַמאָל מער פאַרשפּרייט אין אונזער לאַנד.

כ׳האָב מורא אַז אין אַ צייט אַרום, אויב אַ באַי וועט חתונה האָבן מיט אַ מיידל, וועט מען זאָגן אַז עס איז אַ „מיקסד מערידזש״, אַ געמישטע חתונה...״

* * *

— וואָס זאָגט איר נישט צו מיין אייניקל? ער קומט אַהיים פון שקאָלע און פרעגט מיך צי איך געדענק אפשר דעם „געטעבזיג״ אַדרעס! וואָס בין איך עפּעס אַ בריוו־טרעגער, איך זאָל געדענקען אַדרעסן? און מיין שוואָגערס אַדרעס געדענק איך דען יאָ?

* * *

— מיין מאַן, מאַכשעמוי, איז אַ גרויסער ווייבערניק. ער טשעפּעט זיך צו דער נעקסדאָריקער.

— קעגן מיין מאַן איז אייער מאַן אַ צדיק! אייער מאַן טשעפּעט זיך בלויז צו דער נעקסדאָריקער, מיין מאַן טשעפּעט זיך צו דער נעקסדאָריקער, נעקסט־פּלאָריקער, נעקסט־סטאָריקער.

* * *

— מיין מאַן באַקלאָגט זיך אַז איך בין נישט קיין באַלעבאָסטע, אָבער מיר דאַכט זיך אַז דעם פידלשפּילער׳ס אייזיק סטוירנס ווייב, איז נאָך אַן ערגערע באַלעבאָסטע. מיר דאַכט זיך אַז זי נעמט קיינמאָל נישט קיין נאָדל אין האַנט אַריין. איך האָב דעם אייזיק׳ן געזען שפּילן אויף אַ קאָנצערט אין טעלעוויזיע, איז זיין פּידזשאַק געווען אַזוי צעריסן, אַז עס האָבן אַראָפּגעהאָנגען צוויי לאַנגע צויטן פון הינטן...

* * *

— מיין מאַן איז אַזאַ שלימאַזל, אַז אפילו ווען מענטשן וועלן שוין וואוינען אויף דער לבנה, וועט ער אויף דער לבנה אויך ליגן אין דער ערד!

* * *

— מ׳זאָגט אַז דיין שוועגערן חיה שלאָגט זיך אַרום מיט איר מאַן שעפּסל, וואָס איז געשען?

— זיי שלאָגן זיך אַרום צוליב זייערע נעמען: זי שרייט אַז איר שעפּסל איז גאָר אַ וואָלף, און ער שרייט אַז זיין חיה איז גאָר אַ בהמה!

* * *

— מען שמועסט אַז די שוואַרצע אין אַמעריקע ווילן זיך אַזוי סעפּאָרירן, אַז זיי ווילן נישט בלויז אייגענע קאָלעדזשעס, נאָר אַן אייגענעם פּאָסט־אָפיס אויך!

— גיי שוין גיי, דאָס איז בלויז „**בלעקמעיל**״.

* * *

— וואָס זאָגט מען נישט צו אונזערע פּאָליסלייט? די בוירגלערס און די

רעיפּיסטס טשעפּן זיי נישט, נאָר מיין מאַן, דעם שאַמעס פון באָראָ־פּאַרק, וואָס איז ביינאַכט אַהיים געגאַנגען פון סליחות, האָבן זיך נאָך אים געיאָגט דריי פּאָליס־קאַרס און מען האָט אים געוואָלט אַרעסטירן, און אַלץ צוליב זיין פּאָרטפּאָליע.

ער טראָגט אַ פּאָרטפּאָליע מיט דריי ענגלישע אותיות „על־עס־די״, האָט די פּאָליס אים אָפּגעשטעלט און געפרעגט:

— מיסטער, דו שמוגלסט דעם געפערלעכן נאַרקאָטיק וואָס די היפּיס באַנוצן?

— חלילה — האָט מיין מאַן געשטאַמלט.

— טאָ פאַרוואָס איז אויף דיין פּאָרט־פּאָליע אויפגעדרוקט „על עס די״? — האָט די פּאָליס ווייטער געפרעגט.

— האָט זיי מיין מאַן אויסגעטייטשט כמעט אויף ענגליש, אַז „על־עס־די״, דאָס זיינען די „אינישלס״ פון זיין נאָמען „לייזער סימכע דאַווידאָוויטש״!

* * *

עס איז אַזאַ פאַרדאָרבענע וועלט, אַז די היינטיקע באָיס זיינען שוין באַלד אַזוי אויסגעלאַסן ווי די מיידלעך!

* * *

— עס ווערט איצט פונקט זעכצן יאָר ווי מיין טאָכטערל טוט מיר אָן ביטערע צרות, דעריבער מאַך איך איר אַ „סוויט סיקסטין פּאַרטי״.

* * *

— מיין ווייב, די מכשפה, איז געוועזן אויף אַ וויזיט אין דעם איזראַעל איין איינציקן חודש, רעדט זי איצט בלויז לשון קודש, אפילו שעלטן שעלט זי מיך אויף לשון קודש. זי זאָגט צו מיר: „חיים־שלמה גזלן רוצח, רשע מרושע, איך טו תפילה צום בורא עולם שבשמים, אַז ער זאָל זיך מרחם זיין אויף מיר און דו זאָלסט איינעמען אַ מיתה משונה תיכף ומיד!״

* * *

— מיין שכן כאַסקל ראַבינאָוויטש, וואָס איז אָנגעשטאָפּט מיט מיליאָנען, איז זיין טאָכטער געפאָרן שטודירן קיין שווייצאַריע, האָט זי דאָרט געהייראַט עפּעס אַ בעקער־יונג

פון וואַנען ווייסטו אַז זי האָט גענומען אַ בעקער?

זי האָט מיר געשיקט אַ חתונה־איינלאַדונג אויף דייטשיש. שטייט דאָרט: אַליס ראַבינאָוויטש — בערנאַרד זאָלצמאַן פערמעהלט״.

* * *

— אפשר 12 וואָכן האָט מען מיט מיין זון טשאַרלי, דעם טעקסי־דרייווער,

געהאָרוועט, אַז ער זאָל זאָגן אונטער דער חופה צו דער כלה „הרי את״. צום סוף, אַז ער האָט דער כלה אָנגעטאָן דעם רינג, האָט ער געזאָגט „האַרי אַפּ!

* * *

אַנדערע ווייבער מאַכן קראַנק די מענער מיט די געפּרעגלטע חנוכה־לאַטקעס, פון די לאַטקעס ווערן די מענער טויט־חרוב. אָבער איך מאַך די לאַטקעס אינטעליגענט, דעליקאַט. עס איז געגנוג אַז יעדעס יאָר נאָך חנוכה פּאָמפּעט מען מיין מאַן אויס דעם מאָגן און ער שטייט שוין צוריק אויף די פיס.

* * *

— אַלע פרעגן מיך פאַרוואָס איך בין עפּעס הייזעריק ווי די וואַנט, מען מיינט אַז איך בין פאַרקילט, באַהיט און באַשערעמט זאָל מען ווערן, אָבער דער עמעס איז, אַז איך בין דעריבער הייזעריק ווי די וואַנט, ווייל מיין מאַן איז נעכטן אַהיים געקומען שפּעט ביינאַכט.

* * *

— מיינע פריינדינעס באַקלאָגן זיך, אַז זייערע מענער זיינען אַזעלכע, נישט דאָ געדאַכט, שלימאַזלען, אַז זיי קענען נישט קיין קאָץ דעם עק פאַרבינדן. אָבער מיין מאַן, אַ לעבן אויף זיין קאָפּ, איז אַזאַ בעריע, אַז ער שפּאָרט מיר איין אַ סך געלט, איך דאַרף נישט קויפן קיין שום עלעקטרישע אַפּלייענסעס: אינדערפרי איז ער אַ וועקיום־קלינער, ער טאַנצט אַרום מיט דער באַרשט איבער אַלע פלאָרס, נאָכמיטאָג איז ער אַ „דישוואַשער״ און ביינאַכט איז ער אַן „עיר־קאָנדישאָנער״, אַז ער לייגט זיך אין בעט אַריין, בלאָזט פון אים אַזאַ קעלט אַז מען ווערט געפרוירן.

* * *

— מיין שכן, ר׳ משה, אַ חסידישער איד, זיצט נעבעך גאַנצע טעג און וויינט און קלאָגט, ווייל זיין איינציקע טאָכטער, די צעבאַלעוועטע, האָט זיך פאַרליבט אין אַ שייגעץ.

— ר׳ משה — פרעג איך אים — וואָס וויינט איר? — איך וויין — זאָגט ער — ווייל עס איז מיר אַ גרויס רחמנות.

— אויף וועמען?

— אויפ׳ן שייגעץ!

* * *

— מיין טאָכטער האָט מיר געברענגט אין שטוב אַריין אַ באַי, וואָס וויל זי פאַר אַ כלה. קוק איך אָן דעם באַי און דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז מיט אים איז נישט גלאַטיק. נעם איך דעם באַי אויפ׳ן צימבל און זאָג אים:

— באָיטשיק, עפּעס געפעלסטו מיר נישט, איך וואָלט געשוואוירן, אַז דו

האָסט שוין געהאַט אַ ווייב און אפשר אַ שיקסע דערצו! ווערט דער באָי באַליידיגט און זאָגט:

— עס איז נישט אמת, איך בין אַ געטרייער דזשו, איך האָב שוין געהאַט פינף ווייבער, און אַלע זיינען געווען אידישע.

* * *

— מיין שכנ׳טע, שוילי, איז שוין איינמאָל אַ באַרימערין, זי באַרימט זיך אַז אויף ברעקפעסט עסט זי נישט אַבי־וואָס, נאָר זי עסט בייגל מיט לאַקס! און וואָס איז דען לאַקס? אַן אינטעליגענטער הערינג!

* * *

— מיין מאַן זאָגט צו מיר: עפּעס איינער אַ סאָלזשעניצקין, האָט געהאַט טענות צו די באָלשעוויקעס, אַז זיי לאָזן אים נישט שרייבן, אָבער דו, מיין ווייב, זאָגט ער, ביזט נאָך ערגער ווי די באָלשעוויקעס: דו לאָזט מיך אפילו נישט רעדן!

* * *

— מיין שוואָגער, אַ גרינהאָרן, גייט ער אויפגעבן אין די ציטיזן־פּעיפּערס, אַז ער הייסט „סטאָלאַרסקי״. זאָג איך אים מענדל צו וואָס דאַרפסטו הייסן „סטאָלאַרסקי״, אַז אַלע זאָלן וויסן אַז דו ביזט אַ גרינער, קענסט דאָך דיר געבן אַן ענגלישן פאַמיליען־נאָמען, וועט מען מיינען אַז דו ביזט אַן אַמעריקאַנער, אַנשטאָט „סטאָלאַרסקי״ גיב אויף אַז דו הייסט „קאַרפּעטנער״!

* * *

— מיין שכנ׳טע, דער שלאַק, איז איר מאַן געשטאָרבן און זי איז געוואָרן אַ „ווידע״.

— אויב די „ווידע״ וועט פּאַקן אַ צווייטן מאַן, וועט ער דאַרפן זאָגן ווידע...

* * *

— מיין שוואָגער פון איזראַעל איז געקומען צו אונז צו גאַסט מיט זיין קליין אינגעלע קיין ברוקלין. זעט דאָס אינגעלע ווי אויף דער גאַס שטייען פינף אידישע קאַלעדזש־באָיס היפּיס, פרעגט ער ביי מיין מאַן: אָנקל, פאַרוואָס טראָגן זיי עפּעס אַזעלכע גרויסע בערד? ענטפער אים מיין מאַן: ווייל זיי זיינען שוחטים! אויב זיי זיינען שוחטים, פרעגט דאָס אינגעלע, פאַרוואָס גייען זיי אין בלויזן קאָפּ? ענטפערט אים מיין מאַן: ווייל זיי זיינען שוחטים פון טריפה פלייש.

* * *

— איך האָב נישט קיין מזל צו קיין שידוכים, האָב איך נישט. איך האָב מורא

אַז מיין שוירלי וועט זיך מוזן גט'ן מיט איר מאַן, אַ באַי איז שוין פינף מאָנאַטן נאָך איר חתונה און איר מאַן קען נאָך אַלץ נישט אָפּקאָכן קיין סאַפּיר און מען קען דאָס עסן נישט נעמען אין מויל אַריין. מיין שוירלי זעט דאָך שוין ביי אים אויס ווי אַ מת!

* * *

– אַזאַ ליבע ווי צווישן מיר מיט מיין מאַן איז גאָרנישט צו טרעפן: ער רופט מיך מאַמעלע, איך רוף אים טאַטעלע, איך רוף אים שימעלע, ער רופט מיר זעלדעלע, מיר ליבן זיך ווי אַ קעצעלע מיט אַ מייזעלע...

* * *

– אַנדערע באָבעס שעמען זיך צו רופן זייערע אייניקלעך מיט אידישע נעמען, אָבער איך בין אַ באָבע וואָס אידישקייט איז ביי מיר טייער און איך רוף מיינע אייניקלעך ביי זייערע אידישע נעמען: ביטריץ, ביל, דזשיל, קענדי, דזשעניפער, מארטימער, ענדי־סקאַט, דזשאַן־דיואי, קריסטאָפער.

* * *

– מען זאָגט אַז אין תל־אביב וואוינען בלויז 142 גוים און ס'איבעריקע בלויז אידן. אויב דאָס זאָל זיין אמת, קומט דאָך אויס, אַז תל־אביב איז שוין באַלד אַזוי אידיש ווי מאַיאַמי!

* * *

– די גרעסטע שפעקולאַנטן קענען נישט דערגיין דעם סעקרעט פאַרוואָס סטאַקס אויף וואָל סטריט פאַלן און פאַרוואָס זיי הויבן זיך, לויט מיין ווייבערישן פאַרשטאַנד איז עס גאַנץ פשוט: די סטאַקס טוען זיך אַריענטירן לויט מיין מאַן: אויב ער קויפט סטאַקס, פאַלן זיי און אויב ער פאַרקויפט, הויבן זיי זיך. ווען ער זאָל שפעקולירן נישט אויף וואָל סטריט, נאָר אין גאַרמענט־צענטר און ער וואָלט געקויפט הויזן און פאַרקויפט דרעסעס, וואָלטן הויזן געפאַלן און דרעסעס וואָלטן זיך געהויבן!

דריי ווייבער כאַפּן אַ שמועס

– מיין שוואָגער איז געקומען פון לאָדזש קיין אַמעריקע אָן אַ סענט און איצט האָט ער 10 מיליאָן דאָלער.

– און מיין שוואָגער איז געקומען פון סטאַשעוו קיין אַמעריקע אָן אַ סענט און איצט האָט ער 10 קינדער.

– איז דאָך מיין שוואָגער מער לייט ווי אייערעביידע שוואָגערס: ער איז

געקומען פון אָזאָרקאָוו קיין אַמעריקע אָן אַ סענט און איצט האָט ער 32 קינדער.

— ווי איז דאָס מעגלעך?

— ער איז אַ מלמד אין אַ תלמוד תורה.

* * *

— מיין טאָכטער סילוויא איז אַ קאָמעניסטקע, זי גייט שוין מיט איר חתן די דריטע פיאַטעליעטקע.

— די קאָמוניסטן זאָגן, אַז איזראַעל איז נישט קיין אידישע מדינה. פונדעסטוועגן הייסן זיך אַ סך ציוניסטן פירן נאָכ׳ן טויט קיין איזראַעל, איך האָב אָבער נאָך נישט געהערט אַז אַ קאָמוניסט זאָל זיך הייסן נאָכ׳ן טויט פירן קיין בירא בידזשאַן.

* * *

— מיין טאָכטער איז נישט קיין גרויסע קראָצאַוויצע איז אַהיימגעקומען מיט אַ שמחה, אַז איר באָי האָט איר ענדליך געזאָגט „דו״, ער האָט איר געזאָגט „דו״ האָסט נדן?

* * *

— אַזעלכע רשעים, זאָג איך אייך, זיינען דאָ אין דעם סאָוועטן־רוסלאַנד, אַז עס איז אַ הימל־געשריי. אַ מוהל איז דאָרט פאַרשיקט געוואָרן אויף דריי יאָר קיין סיביר, דערפאַר וואָס ער האָט מל געווען אַ קינד פון אַ קאָמוניסט אָן דעם טאַטנ׳ס וויסן.

— אָבער מיין מאַן זאָגט, אַז דער מוהל האָט נאָך גאַנץ גוט אָפּגעשניטן.

* * *

— הערסט באַלטשע, מיין שכנ׳טע איזוע האָט איין מאַן און אַ גאַנצע גובערניע מיט געליבטע. איר מאַן פירט וועגן דעם אַן „אינוועסטיגעישאָן״, און אויספאָרשונג, אָבער קיינער פון אירע געליבטע איז זיך נישט מודה. זיי זיינען אַ „סאָליענט מאַדזשאָריטי״.

* * *

— „ווען די מענשנהייט וואָלט געציילט אַזויפיל נאָרמאַלע מענטשן ווי משוגעים, וואָלט געווען אַ מעכאַיע צו לעבן אויף דעם וועלט!״ ווער, מיינט איר, זאָגט דאָס? מיין אייגענער משוגענער, מיין מאַן!

* * *

— מיין מאַן איז פורים אַהיימגעקומען טויט־געמאַכט פון אַ „פאַדי״.

צומאָרגנס האָט מען אויף אים געמאַכט אַ „האָלדאָפּ״, האָט ער געליטן פון אַ „הענדאָוועד״ און פון אַ „שיסאָוועד״.

* * *

— מיין שנור, אַז זי גייט צו צום טעלעפאָן, רעדט זי נישט ווייניקער ווי דריי שטונדן. אויב זי רעדט בלויז אַ האַלבע שטונדע, איז עס בלויז ווען זי קריגט אַ „ראָנג נאָמבער״.

* * *

— מיין שוועגערן איז פאַר ראש השנה געפאָרן קיין איזראַעל, האָט זי אָפּגעשטעלט אין ירושלים אַ איד אויף דער גאַס און האָט אים געפרעגט, ווי עס הייסט אַ שופר אויף העברעאיש.

* * *

— מיין מאַן דער גאַליציאַנער זאָגט: „עך פאַרשטיי נישט ענק, די רעפאָרם־אידן, מיט ענקערע ענגלישע מחזורים? אַנשטאָט צו דאַוונען צו גאָט, דאַוונט עטץ צום „לאָרד״. גאָט איז אַזוי אַ לאָרד ווי עד בין אַ גראַף״!

* * *

— נאָכדעם ווי איך, קלאַראַ, בין מיט 60 יאָר צוריק אַוועק פון רוסלאַנד קיין אַמעריקע, בין איך פאַראַיאָרן אַהינגעפאָרן מיט אַ וויזיט. האָב איך געזען אַז נישט בלויז קענען זיי נישט קיין אידיש, נאָר זיי קענען שוין קיין רוסיש אויך נישט. איך האָב דאָרט געזאָגט צו מיינע שוואָגערס דאָס רוסישע שפּריכוואָרט „ליובאָוו ניע פּאָטעיטאָ״, האָבן זיי נישט פאַרשטאַנען וואָס איך זאָג.

* * *

— מיין ווייב באַקלאָגט זיך אַז עס קומט פּסח ווערט זי אין אַמעריקע שטאַרק פאַרשוואַרצט. אין דער אַלטער היים האָט זי געהאַט אַ קעכן און דאָ מוז זי אַלץ אַליין מאַכן. זאָג איך איר: אין דער אַלטער היים האָסטו געהאַט איין קעכן און דאָ האָסטו דאָך אפשר זיבן קעכנס: קניידלעך קאָכט פאַר דיר מאַנישעוויטש, פּסח'דיקע באָרשט מאַכט פאַר דיר האָראָוויץ־מאַרגאַרעטן, פּסח'דיקע פאַרפל קאָכט פאַר דיר גודמאַן, און אפילו די געפילטע פיש מאַכסטו נישט, נאָר מיין שוויגער! דו שטעלסט אַוועק אויפן טיש אַ „דזשאַר״ געפילטע פיש, איז אויפן „דזשאַר״ אויפגעקלעפּט אַ צעטל „מאָדהערס״!

* * *

— מיין מאַן זאָגט, אַז דער סטאַלין איז געווען אַזאַ רשע, אַז קעגן אים איז שוין ניקאָליי געווען אַ קייסער!

* * *

— מיין אייניקל בענדזשי, וואָס ווערט באַלד אַלט 18 יאָר, פרייט זיך וואָס

ער וועט באַלד האָבן דאָס רעכט צו וועהלן ביי עלעקשאָנס. אויב ער זאָל אויסקלויבן אַזאַ פּרעזידענט, ווי ער האָט זיך אויסגעקליבן אַ כלה, בין איך נישט מקנא אַמעריקע!

* * *

— גיי ווייס אַז די געלע פּאַסקודע, וואָס וואוינט קעגנאיבער מיין טיר, איז אַזאַ שלאַק, אַזאַ באַנדיטקע! זי גייט און וואַרפט איר מאַן אין קאָפּ אַריין אַ יאַפּאַנישע וואַזע וואָס ווענט אפשר פערציג פונט! זי האָט דאָך געקענט, חלילה, צעברעכן די וואַזע.

* * *

— ווי קומט עס וואָס אייער מאַן הייסט אַזאַ אינטעליגענטן נאָמען ווי „סעם טיטשער"?

—ביים אָנגעבן אויף סיטיזן־פּעיפּערס האָט ער זיך געענדערט זיין נאָמען. ער האָט זיך אַ נאָמען געגעבן לויט זיין פּראָפעסיע: אינדערהיים איז ער געווען אַ בעלפער, הייסט ער דאָ „טיטשער".

— אויב אַזוי האָט דאָך מיין מאַן זיך געקענט געבן אַ מיליאָנערסקן נאָמען „וואַנאַמעיקער"!"

— פאַרוואָס?

— וויל אינדערהיים איז מיין מאַן געווען אַ בעדער אין דער מקווה!

* * *

— מיין שוועגערן שרייבט מיר פון מיאַמי: „ליבע ביטריץ, אַקעגן די מיני־דרעסקעס וואָס די פּרויענצימערס טראָגן דאָ, זעט מיין ביקיני־באַד קאָסטיומל אויס ווי אַ קרינאָלינע".

* * *

— אַז איך זאָג אייך אַז מען טאָר די מענער נישט געטרויען, מעגט איר גלויבן. מיין מאַן שימעלע האָט מיך אַזוי ליב, אַז ער רופט מיר נישט „עווע" אַזוי ווי איך הייס, נאָר „עוועניו", און ער האָט מיר געשוואָרן, אַז איך בין ביי אים די איינציקע עוועניו. און איך האָב אים געגלויבט. אָנומלט הער איך צופעליק ווי ער רעדט דורכ'ן טעלעפאָן מיט עפּעס אַ ווייבעלע און ער רופט זי „עוועניו". פרעג איך אים: וואו האָסטו געפאַקט די צווייטע עוועניו? זאָגט ער: אויף דער דריטער עוועניו!

ווען מען באַרעכנט אַז אונזער ניו יאָרק האָט אַכצן עוועניוס, קען מען זיך שוין פאָרשטעלן מיין צוקונפט!

* * *

— מיין מאַן דער ווערטל־זאָגער, דער וויצלער, זאָגט, אַז די בעסטע זאַך

וואָס דער משה רבינו האָט אויפגעטאָן ביי מתן־תורה איז דאָס, וואָס ער האָט געהייסן זיך אָפּשיידן פון די ווייבער אויף דריי טעג. ס'איז טאַקע נישט קיין לאַנגע סעפּאַראַציע, זאָגט ער, אָבער בעסער ווי גאָרנישט איז עס. ער זאָגט אויך אַז די בעסטע זאַך פון די 10 געבאָט, איז דאָס וואָס איז נישטאָ מער ווי 10.

* * *

– מיין בענעלע, וואָס איז אַלט זעקס יאָר, פרעגט מיך צי עס איז טאַקע אמת אַז אין דעם מיאַמי איז שטענדיג הייס. זאָג איך אים אַז עס איז נישט אמת. ווען מען קומט אַהין איז טאַקע הייס, אָבער ווען מען פאָרט אַוועק, איז קאַלט. עס ווערט קאַלט ווען מען קריגט דעם „ביל" פון האָטעל.

* * *

– אַזוי ווי מען קוקט מיך אָן, בין איך שוין, נישט היינט געדאַכט, געווען אַ שדכן אויך.

איין מאָל איז צו מיר געקומען אַ בעטשלאָר און געוואָלט איך זאָל אים רעדן אַ שידוך.

– וואָס פאַר אַ כלה ווילט איר? – האָב איך אים געפרעגט. האָט ער מיר געענטפערט, אַז ער זוכט אַ כלה מיט פיר מעלות: זי זאָל זיין אַ שיינע, אַ געבילדעטע, אַ רייכע און אַן אַנשטענדיקע.

האָב איך אים געענטפערט, אַז פון דעם מאַך איך פיר שידוכים.

* * *

– דאָס וויען מוז זיין, מיין איך, גרעסער פון פּאַריז מיט לאָנדאָן און מיט נויאָרק צוזאַמען, ווייל אַלע גאַליציאַנער פון גאַנץ אַמעריקע און אַרגענטינע זאָגן אַז זיי זיינען פון וויען.

* * *

– מיין שכנ'טע, די מיסיס פליישמאַן פירט אַ ליבע מיט'ן מילכמאַן. און אַז מען פרעגט זי, וואָס זי איז? זאָגט זי, זי איז פאַרווע.

* * *

– עס איז מיר אַ גרויס רחמנות אויף אונזערע פּרעזידענטשיכע אין וואַשינגטאָן. אין ווייסן הויז איז זי די איינציקע איינוואוינערין, און ווי עס מאַכט זיך אין אַ באַלעבאַטעשקייט, אַמאָל פעלט אויס אַ פּאָר שטיקלעך צוקער, אַביסל זאַלץ, אַביסל מילך, אַן איי, אַ ציבעלע, אַ פּעטרישקע, האָט זי אפילו נישט ביי וועמען צו באָרגן.

* * *

מיין שנור האָט ערשט, יעצט, 20 יאָר נאָך דער חתונה, אָנגעהויבן צו קאָכן מיין זון סאַפּער, האָב איך איר געוואונטשן „מזל טוב!"

* * *

– מיין שוועגערן סעיבי איז אַ „געבולבעטע" פּרוי סכנת נפשות, אומעטום איז זי אינדערהיים: אין טעאַטער איז זי אינדערהיים, אין ליטעראַטור איז זי אינדערהיים, אין די מוזעאומס איז זי אינדערהיים, אפילו אין פּאָליטיקס איז זי אינדערהיים. בלויז אינדערהיים איז זי קיינמאָל נישט אינדערהיים!

* * *

– מיין שכן איז, נישט פאַר מיר געדאַכט, אַ קאָמוניסט. אָנומלט איז ער געפאָרן אַלס טוריסט קיין סאָוועט־רוסלאַנד, האָט ער נישט מיטגענומען אַהין קיין קעש, נאָר, „פּלאַר־טרעוולעס־טשעקס"

* * *

– אין אַמעריקע איז איינגעפירט אַז נאָכ'ן עסן וואַשן די מענער די דישעס. ווען אַן אַמעריקאַנער חתן שטייט אונטער דער חופה איז ער פאַראורטיילט אויף לעבנסלענגלעכן „סינק־סינק".

* * *

„טהענקסגיווינג"

מיין שכן ר' מענדל איז אין סאַמע „טהענקסגיווינג־טאָג" אַוועק אין אַ כשר'ן רעסטאָראַן און באַשטעלט אַ סטעיק.

– ס'טייטש, ר' מענדל, – פרעג איך אים – פאַרוואָס עסט איר נישט אינדערהייט ביי אייער ווייב קיין טוירקי, קרענבעררי סאָס, אַזוי ווי עס שטייט אין „שולחן ערוך הלכות אכילה", נאָר גראָד דעמאָלט ווען עס איז אַ מנהג און אַ מצוה צו עסן טוירקי, ווען אַפילו איך גופא, וואָס לייג צוויי פּאָר תפילין: רבנו תמ'ס און רש"י'ס (ר' שמעון יוסף'ס) תפילין, עס טוירקי, זעצט איר זיך אַוועק אין אַ גלאַט־כשר'ן רעסטאָראַן און עסט, רחמנא לצלן, **אַ סטעיק!** איר מאַכט דאָך פון גאַנצן יום־טוב **אַ פעיק!**

אין אָנהויב האָט זיך ר' מענדל פאַרשעמט, אָבער באַלד דערנאָך האָט ער זיך דערמאָנט, אַז „לא הבישן למד", אַז אַ שעמעוודיקער איז נישט קיין למדן, האָט ער וועגן זיין סטעיק געזאָגט אַ „פּשעטל".

אָט וואָס ר' מענדל האָט געזאָגט:

– איך לייד, נישט פאַר אייך געדאַכט איפּן מאָגן, און איך בין אויף אַ

שטרענגן „דאַיעט״. קיין רויט פלייש, ס׳הייסט קיין רינדערן־פלייש, טאָר איך נישט עסן, נאָר בלויז עוף. ווען איך האָב געזען, אַז לכבוד דעם יום טוב פון „טהענקסגיווינג״ דערלאַנגט מיר מיין פלונית׳טע ווידער עוף — אינדיק, האָב איך זיך צעבונטעוועט און באַשטעלט אַ סטעיק און נישט קיין עוף. איך וויל האָבן אַ „דעי עוף״...

— אייער פשעטל, ר׳ מענדל, לייגט זיך אויפן שכל — זאָג איך צו מיין שכן, — אָבער אַז עס האַלט שוין ביי אַ פשעטל, וויל איך אייך, ר׳ מענדל, פרעגן אַ קשיא. אפשר האָט איר אויף דעם אויך אַ תירוץ?

— אַדעראַבע, ר׳ יאָסל, לאָמיר הערן אייער קשיא? — זאָגט ר׳ מענדל.

— הערט, ר׳ מענדל — זאָג איך. — איך האַלט, אַז די אַמעריקאַנער זענען אַמעראַצים במחילה. זיי מיינען אַז די טוירקיס שטאַמען פון טערקיי, דעריבער רופן זיי דאָס טהענקסגיווינג־פלייש „טוירקי״. אָבער אין דער אמת׳ן שטאַמען דאָך די טוירקיס פון אינדיע. דעריבער רופט מען אין מדינת ישראל אַ טוירקי „תרנגול הודו״, אין סאָוועט־רוסלאַנד רופט מען אַ טוירקי „אינדיוק״ און אין פוילן רופט מען עס „אינדיק״. וואָס פאַר אַ תירוץ, ר׳ מענדל, וועט איר זאָגן אויף מיין קשיא?

דאָ האָט זיך ר׳ מענדל אַ קאַפּעטשקע פאַרטראַכט און געזאָגט:

— דאָרט האָבן זיי טאַקע דעם ריכטיקן נאָמען, אָבער מיר אין אַמעריקע האָבן דעם ריכטיקן אינדיק!...

ביי דער „טהענקסגיווינג״־סעודה

אין די ווייטערדיגע שורות וויל איך בלויז דערציילן בקיצור ווי כ׳האָב פאַרבראַכט די „טהענקסגיווינג״־סעודה מיט עטליכע יאָר צוריק.

פאַרעלטערט וועט עס נישט זיין, ווייל אַלע „טהענקסגיווינג״־סעודות זענען גלייך איינע צו דער אַנדערער ווי צוויי טראָפּנס וויסקי. דער פאַראַיאָריגער „טהענקסגיווינג״ איז געווען גלייך צום היינטיגן און דער היינטיגער איז געווען גלייך צום איבעראַיאָריגן. מ׳האָט פאַראַיאָרן געגעסן אינדיק, כ׳זאָל ניט זינדיקן מיט די רייד, און איבעראַיאָר וועט מען אויך נישט עסן קיין קאַטשקע.

הכלל, וועגן אינדיק האָב איך קיין נייעס נישט צו דערציילן. כ׳וויל בלויז דערציילן וועגן אַ לובאַוויטשער חסיד, וואָס איז געזעסן מיט אונז צוזאַמען ביי יענעם „טהענקסגיווינג״־טיש און דער חסיד איז געווען פאַרטיפט אין דער אכילה פונקט ווי דער גרעסטער מתנגד.

יענער לובאַוויטשער חסיד האָט אונז אַנטפּלעקט אַ שטיקל סוד, אַז דער איינציגער נישט־אידישער יום טוב וואָס אַ סך לובאַוויטשער חסידים אין אַמעריקע פּראַוועז איז „טהענקסגיווינג".

דער חסיד האָט אויסגעטייטשט פאַרוואָס:

אויב סתם אַמעריקאַנער פייערן „טהענקסגיווינג", איז פאַר אונז, לובאַוויטשער חסידים, „טהענקסגיווינג" אַ דאָפּלטער יום טוב: ערשטנס, דאַרפן מיר דאַנקען וואָס מיר זיינען אין אַמעריקע.

צווייטנס, דאַרפן מיר דאַנקען דעם רבונו של עולם דערפאַר, וואָס די ערשטע פּילגרימס וואָס זיינען געקומען קיין אַמעריקע, האָבן דאָ געפונען אינדיקעס צו עסן. וואָס וואָלטן מיר, חסידים, געטאָן, ווען זיי געפינען חלילה אָנשטאָט אינדיקעס — חזירים׳לעך אָדער ראַקעס, לאָבסטערס, שרימפּס און אַנדערע צרות? דאַמאָלט וואָלטן מיר, חסידים, געמוזט ביי דער „טהענקסגיווינג"־סעודה שלינגען שפּייעכץ.

דעריבער איז ביי אונז חסידים די שמחה אַ דאָפּלטע, און פונקט ווי מ׳טינקט איין די טוירקי אין קרענבערי־סאָוס און מ׳מאַכט אַ לחיים איבער אַ גלעזל כשר׳ן סקאָטש, געמישט מיט „מים אחרונים", וואָס אין אַמעריקע רופט מען עס „קאָקטייל".

באַגעגענישן מיט ריטאַיערטע אידן

פונקט אַזוי ווי מען האָט אַמאָל מורא געהאַט, אַז מען וועט אויף דער עלטער מוזן פּראַצעווען, האָרעווען, אַזוי האָט מען היינט מורא פאַר דעם געצוואונגענעם ריטאַיערן.

איך האָב אַנומלט באַגעגנט אַ ריטאַיערטן פריינד מיינעם. איך האָב אים שטענדיג געקענט פאַר אַן אָפּטימיסט, פאַר אַ קנאַפּזאָגער יעצט נאָכ׳ן ריטאַיערן, איז ער מיר עפּעס געוואָרן אַ פאַרזויערטער, אַ נידערגעשלאָגענער.

— וואָס איז מיט דיר? — פרעג איך אים.

— איך בין אויף דער צייט — ענטפערט ער מיר מיט אַ חוזק־שמייכעלע.

— וואָס הייסט דו ביזט אויף דער צייט? ווי קען עפּעס אַ מאַנספּאַרשוין זיין „אויף דער צייט"? — צעלאַך איך זיך, און ער קלערט עס מיר אויף.

— נאָכן ריטאַיערן האָב איך אַ סך צייט, פאַרוועגד איך מיין גאַנצע צייט אויף צו טראַכטן וואָס טוט מען מיט דער צייט?

איך, דער מחבר פון „אַ איד צו אידן", בין איצט אַ שטענדיגער איינוואוינער

פון מיאַמי ביטש. איך בין אַן אָפטער גאַסט אין קאָנדאָמיניומס, און גלאַט אויף בענק, וואו עס זיצן ריטאַיערטע אידן פון ברוקלין און שיקאַגאָ און געניצן און איך הער זיך צו צו זייערע שמועסן.

איין ריטאַיערטער איד פון קווינס, ווייזט אויף אַ בן תורה, זאָגט מיר:

אַ ריטאַיערטער איז געגליכן צו אַ טאָפּ מיט פלייש. אויב אין פלייש־טאָפּ פאַלט אַריין אַ טראָפּ מילך און עס איז דאָ אין טאָפּ זעכציג מאָל אַזויפיל פלייש ווי מילך, ווערט די מילך „בטל בששים״, און דאָס פלייש איז כשר. אַ ריטאַיערטער, דאַקעגן, ווערט בטל „בששים וחמש״, צו 65 יאָר ווערט ער בטל, הערט ער אויף צו עקזיסטירן.

ווער שמועסט ווען דער רבונו של עולם טוט מיט אים אַ „חסד״ און ער ווערט אַלט 72 (די אותיות פון „חסד״ באַטרעפט 72), איז ער דאָך שוין אַ ריטאַיערטער מיט אַ סטעמפּל.

עס הויבט זיך אָן צווישן די ריטאַיערטע אין מיאַמי אַ דיסקוסיע וועגן פּאַרט־טאַים־דזשאָבס. איינער זאָגט אַז זיין ווייב האָט שוין פאַר אים אַ פּאַרט־טאַים־דזשאָב. זי מאַכט אים פאַר אַ טאַנץ־מייסטער. יעדן אינדערפרי מוז ער אַרומטאַנצן מיטן וועקיום־קלינער איבערן צימער.

דער שמועס גייט באַלד אַריבער צו מעדיצין. מ׳רעדט וועגן דאָקטוירים, אינדזשעקשאָנס, קאַרדיאָגראַמס, וועגן פילן, נישט חלילה וועגן פילן קעגן שוואַנגערשאַפט. אויף דעם געביט האָבן זיי שוין אויך ריטאַיערט. מ׳רעדט וועגן פילן צו שלאָפן, צום קאָפּ, צום מאָגן, וועגן פילן אויף דער צונג און אונטער דער צונג. איין ריטאַיערטער זאָגט, אַז ביי אים אונטערן צונג איז כסדר חנוכה. עס איז דאָרט „נ.ג.ה.ש.״ — „נייטראָ־גליצערין היה שם״.

יעדער פון די ריטאַיערטע „באַנק־קוועטשערס״ קלאָגט זיך אויף עפּעס אַנדערש. איינער פון זיי, אַ גאַליציאַנער, מאַכט אַן אייגענעם פירוש אויף „אל תשליכנו לעת זקנה״ און פירט אויס, אַז די ראשי תיבות (די אינציאַלען) פון „זקנה״ „זיפצן — קרעכצן — ניסן — היסן״.

אויף אַ ניי־יאָר פּאַרטי

אַ שכן מיינער רב מענדל, אַ איד אַ בן תורה, און מיט אַ חוש פאַר הומאָר, איז אויך אַן אָרטאָדאָקסישער איד. אָבער ער זאָל זיין אַזאַ חסיד, אַז ער זאָל שפּייען אויף די ני־יאָר פּאַרטיס, איז ער ניט. ווען מ׳האָט אים איינגעלאַדן צו אַ היימישער ניי־יאָר פּאַרטי האָט ער זיך ניט געלאָזט לאַנג בעטן און איז געגאַנגען.

צומאָרגנס האָט מיר רב מענדל אָפּגעגעבן אַ שטיקל באַריכט פון דער פּאַרטי און אָט וואָס רב מענדל האָט מיר דערציילט:

– כ׳האָב שוין לאַנג ניט געהאַט אַזוי פיל נחת און „פאַן״ ווי אויף דער ניי־יאָר פּאַרטי. אַזוי ווי כ׳בין אַהינגעקומען, האָט זיך צו מיר צוגעזעצט אַ איד מיט אַ פּאַפּירענעם רויטן צילינדערל אויפן קאָפּ, מיט אַ גלאָז שאַמפּאַניער אין האַנט און אַ גראַגער אין דער צווייטער האַנט. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער איד, וואָס האָט אויסגעזען ווי זיין זיידע וואָלט געבוירן געוואָרןביים טייך מיסיסיפּי, איז גאָר אַ גאַליציאַנער פון סטרי, און ער איז ניט קיין פרעמדער אין די קליינע אותיות. ווען דער גאַליציאַנער האָט דערהערט, אַז איך בין אויך ניט קיין טויטער אין אַ בלאַט גמרא, האָט ער זיך שוין ניט געוואָלט אָפּטשעפּען פון מיר.

מיר זיינען געזעסן אַ צייט לאַנג מיט גלעזער סקאָטש אין די הענט און האָבן זיך איינער דעם צווייטן אַריבערגעיאָגט מיט לומדות. מיר האָבן אַזוי אָפּגעהוליעט אַ האַלבע נאַכט מיט שמועסן אין לערנען און זאָגן פּשעטלעך, ביז מיר זיינען געקומען צו דער גמרא וואָס באַהאַנדלט דעם ענין וואָס צו טאָן ווען איינער איז לא עלינו נכשל געוואָרן, געשטרויכלט געוואָרן, הייסט עס, מיט אַן אשת־איש (מיט אַ פאַרהייראַטער פרוי). דער גאַליציאַנער האָט וועגן דעם געזאָגט אַ גוואַלדיג „פּשעטל״ פול מיט לומדות.

אין דער זעלבער צייט איז אין אַ צווייטן ווינקל געשטאַנען אַ ליטוואַק, וואָס איז בפירוש נכשל געוואָרן מיט אַן אשת־איש און ער האָט דערביי ניט געזאָגט קיין שום פּשעטלעך און ניט אַרויסגעוויזן קיין שום לומדות, נאָר ער האָט די אשת־איש געקושט און געהאַלזט אויף אַ גאַנץ אַמעראַצישן אופן.

די אשת־איש, זאָגט רב מענדל ווייטער איז געווען... טרעפט ווער זי איז געווען?

– דעם גאַליציאַנער למדנ׳ס ווייב – פּרוב איך טרעפן.

– איר האָט געטראָפן! – זאָגט רב מענדל.

וואָס דאַרף מאַן און ווייב טאָן כדי צו לעבן בשלום?

די מעשה האָט מיר דערציילט מיינער אַ חבר.

אָט וואָס מיין חבר האָט מיר דערציילט:

אין אַ פראָסטן מיטוואָך נאָכמיטאָג בין איך אַוועק אין גאָרטן שעפּן אַ ביסעלע לופט. דאָ און דאָרט זיינען געזעסן און געגענעצט אַ פּאָר עלטערע מענטשן וואָס זיינען געווען טויט־מיד פון דער סאַמע שווערסטער אַרבעט אויף דער וועלט – פון ריטאַיערן.

קעגענאיבער מיין באַנק איז געזעסן אַ פּאָרפּאָלק וואָס האָט זיך כסדר אַריינגעזאָגט אין דער גאַל אַריין.

ווען דאָס פּאָרפּאָלק קעגענאיבער מיר האָט זיך איבערגעווערטלט האָב איך ניט אויפגעהויבן די אויגן פון מיין צייטונג און זיך געמאַכט טאַמעוואַטע. ערשטנס האָב איך זיי ניט געוואָלט פאַרשעמען מיט מיינע בליקן. צווייטנס איז דאָס פאַר מיר ניט געווען קיין נייעס. איך אַליין בין אויך אַ פאַרהייראַטער...

נעבן מיר אויף מיין באַנק איז געזעסן נאָך עפּעס אַ איד און געלעזן אַ ביכל. אויך ער האָט דער שטילער מחלוקת ניט געשענקט קיין אויפמערקזאַמקייט. ערשט ווען דאָס פּאָרפּאָלק איז אַוועק האַלב ברוגז, האָט מיין ווילד־פרעמדער שכן פאַרמאַכט ס׳ביכל און געעפנט ס׳מויל.

– לאָמיר זען, טרעפט, פאַרוואָס איז ביי זיי אַזאַ שלעכט לעבן? – האָט מיין באַנק־שכן געפרעגט.

– דערפאַר וואָס זיי זיינען מסתם ניט צוגעפּאַסט איינער צום צווייטן – האָב איך געענטפערט.

– איר האָט אַ גרויסן טעות – האָט מיך מיין שכן אינגאַנצן מבטל געמאַכט – ניט דאָס איז די סיבה. דאָס פּאָרל איז דעריבער ניט גליקליך, דערפאַר וואָס זיי זיינען ניט קיין קאַליקעס. ווען ער וואָלט געווען אַ שטיקל קאַליקע און זי וואָלט געווען אַ שטיקל קאַליקע וואָלטן זיי ביידע געווען גליקליך. נעמט אַ שטייגער מיך. איך בין שוין פאַרהייראַט שיינע יאָרן, און איך בין גליקליך, און אַלץ דערפאַר וואָס איך בין אַ שטיקל קאַליקע – איך בין, ניט פאַר קיינעם געדאַכט, אַ ביסעלע טויב, אַביסעלע שטום און אַביסעלע בלינד. ווען איך וואָלט ניט געווען אַ שטיקל קאַליקע, וואָלט צווישן מיר מיט מיין ווייב געווען ביטער ווי גאַל.

אָט וועל איך אייך אויסטייטשן וועט איר פאַרשטיין, זאָגט מיין אומבאַקאַנטער שכן ווייטער:

מיין ווייב רעדט זיך איין, אַז זי איז געוואַלדיג אינטעליגענט און געבילדעט און באַלעזן, אַז אין ליטעראַטור איז זי אויסגעקאָכט, אין קונסט איז זי אויסגעפרעגלט און אין פּאָליטיק איז זי אויסגעבראָטן. אָבער ווען זי הויבט אָן פון אַלע זאַכן צו רעדן ווערט באַלד קלאָר, אַז זי איז, ניט פאַר קיין שום אידענע געדאַכט, אַ יענטע שביענטעס. וואָס־זשע טו איך? ווען די ציטערדט זיך וועגן הויכע זאַכן, דאַמאָלס ווער איך טויב, כ׳הער ניט וואָס זי רעדט און פּטור.

דאָס איז נאָך ניט אַלץ.

ניט ווי ניט ווען, אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַרווען, דערלאַנגט מיר מיין ווייבעלע אַ פּאָרציע מיט זידלערייען גלאַט אין דער וועלט אַריין. איך וואָלט

איר צוריק דערלאַנגט וואָלט זיך געטאָן חושך. וואָס־זשע טו איך? ווער איך שטום און כ׳ענטפער ניט.

איך זע, צום ביישפּיל, ווי מיין ווייבעלע קויפט זיך איין יעדן מאָנטאָג און דאָנערשטאָג נייע שיכלעך, נייע דרעסקעס, נייע העטקעס, נייע שמאַכטעס. ווען איך זאָל איר יעדעס מאָל געבן אַ גאַב פאַר אַזאַ פירעכץ, וואָלטן די אַלע שמאַכטעס געפלויגן מיר אין קאָפּ אַריין. וואָס־זשע טו איך? יעדעס מאָל וואָס זי באַנייט אַ שמאַכטע ווער איך, ניט פאַר קיינעם געדאַכט, בלינד און כ׳זע ניט.

— זייט־זשע מוחל רב איד — זאָג איך דעם אומבאַקאַנטן באַנק־שכן — ווי כ׳זע פּאַקט איר אַריין אַלע חסרונות **בלויז** אין אייער ווייב אַריין! און **איר אַליין** האָט בלויז מעלות? איר האָט ניט קיין **איין** חסרון?

— ווער זאָגט דאָס, אַז איך האָב ניט קיין חסרון? — האָט זיך מיין שכן צעשמייכלט — איך האָב אפשר מער חסרונות ווי זי האָט. נאָר זי איז אויך, ניט פאַר קיינעם געדאַכט, אַ שטיקעלע קאַליקע: זי איז אויך, אַביסל טויב, אַ טראָפּעלע שטום און קאַפּיטשקע בלינד. דעריבער טאַקע לעבן מירביידע ווי צווי טייבעלעך. חוץ מיין שאָדן אויף אייך געזאָגט!

* * *

כ׳ווייס, אפשר איז יענער איד גערעכט געווען? ווי מיינט איר, ליבע לעזערינס און ליבע לעזער, אפשר דאַרף יעדער פון אונז טאַקע זיין אַ שטיקעלע קאַליקע: אַ ביסעלע טויב, אַ טראָפּעלע שטום און אַ קאַפּיטשקע בלינד?

ניסים וואָס עס באַווייזן אַמעריקאַנער ווייבער

געוויינלעך מיינט מען, אַז ווען מענער קומען זיך צוזאַמען הערט מען ניט פון זיי קיין גוט וואָרט וועגן זייערע ווייבער. דאָס איז אָבער ניט שטענדיג אַזוי.

אָט דערציילט מיר מיין שכן מאַיקל, אַז ער איז געזעסן אין אַ געזעלשאַפט פון בלויז מענער, וואָס האָבן גערעדט וועגן זייערע ווייבער און קיינער פון זיי האָט ניט באַרעדט זיין „בעסערע העלפט״. פאַרקערט, יעדער האָט געמאַכט פּובליסיטי זיין פּלונית׳טע און האָט זיך באַרימט, אַז זיין ווייב איז און איז און איז — אַז זי איז אַ באַלעבאָסטע איינע אין דער וועלט, אַז זי קאָכט פּש ... פּש ... פּש און זי פּרעגלט אַי־אַי־אַי, אַז זי זיצט ניט קיין מינוט ליידיג, אַז זי נייט זיך אַליין קליידער און שטריקט אַליין סוועדערס. וואו זי גייט נעמט זי מיט די „ניטינג״ אינסטרומענטן. נאָך אַ נס וואָס יום־כיפּור טאָר מען נישט שטריקן, ווען ניט וואָלט זי מיטגענומען די כלים צו כל נדרי אויך.

פון עסן און מלבושים איז מען אַריבער צו באָטאַניק.

איינער האָט זיך באַרימט, אַז זיין ווייב איז אַ גאַנצע אַגראָנאָמקע. אינדערפרי פאַרזייט זי בלומען־טעפּלעך און כמעט איבער נאַכט וואַקסן רויזן און ליליעס און טוליפּס.

ווען זיין ווייב גייט אויף אַ וויזיט, קויפט זי נישט קיין באָקס מיט קענדי. זי גייט צו צו אַ בלומענטאָפּ רייסט אַרויס אַ פּאָר גלאַדיאָלעס און פאַרגעסט זיי מיטצונעמען.

— מיין ווייב — רופט זיך אָפּ אַ דריטער — האַלט ניט פון די אַלע בלומען. זי האַלט בלויז פון עקזאָטישע בלומען. וואו איר גיט זיך אַ קער אין מיין הויז האָט איר אַ קאַקטוס. אויב אַ בלום שטעכט ניט ווי שפּילקעס, וויל זי עס ניט נעמען אין שטוב אַריין. נאָך אַ נס וואָס זי איז רוהיגע און אַ פיין ווייבל. ווען זי וואַרפט מיר חלילה אַ בלומענטאָפּ אין קאָפּ אַריין וואָלט זי מיך געמאַכט פאַר אַ קאַליקע.

— אַלע אייערע ווייבער — רופט אויס דער פערטער — מעגן פוצן די שיך ביי מיין ווייב. מיין ווייב איז ניט גלאַט אַ באָטאַניקערן, נאָר אַ באָטאַניקערן אַ כישוף־מאַכערן. זי פאַרזייט עפּעס אַנדערש און עס וואַקסט עפּעס אַנדערש.. זי קאָן נעמען אַ בלומענטאָפּ און פאַרזייען קאַרנעישאָנס, און צומאָרגנס, ווען איר גייט צו צום בלומענטאָפּ, וואָס מיינט איר, וואַקסט דאָרט?

— כריזאַנטעמעס! — פּרואוון אַלע טרעפן.

ווען אַלע שטעלן אויס פּאָר׳חידוש׳ע אויגן, טייטשט ער זיי אויס:

— מיין ווייב, פאַרשטייט איר מיך, איז זייער אַ פרומע און אַן אָפּגעהיטענע אין מילכיגס און פליישיגס, האָט זי אָבער אַ חסרון וואָס זי איז אַ ביסעלע אַ צע׳חוש׳טע און ניט־וואר־ניט־ווען פאַרבלאָנדזשעט ביי איר אַ מילכיג מעסער אין אַ פּיפּיקל אַריין, אָדער אַ פליישיג מעסער אין אַ קעז־קוכן אַריין, און מען דאַרף דאָס אַריין שטעקן אין דער ערד אַזוי ווי דער דין איז, וואו־זשע נעמט מען ערד אין מיטן ניו יאָרקער מאַנהעטן? זאָל זי מיטן מעסער אַרפּגיין אויפן הויף? זיינען דאָך דאָרט קיין הויפן ניטאָ! זאָל זי דאָס מעסער אַריינשטעקן אין טראָטואר אָדער אין מיטן גאַס? איז דער טראָטואר פון שטיינער און די גאַס פון אַספאַלט. פאַלט זי דעריבער אויף אַן עצה: זי שטעקט אַריין דאָס מעסער אין אַ בלומענטאָפּ ביז עס ווערט כשר.

זי האָט צוויי בלומנטעפּ. איין בלומענטאָפּ פאַר חמצ׳דיגע מעסערס און איין בלומענטאָפּ פאַר פסח׳דיגע מעסערס.

אויף מיינע מעסערס — ענדיגט דער פערטער — דאַרף מען מאַכן אַ ברכה „המוציא סכין מן הארץ״.

אַפּיקורסישע פרויען ווערן חסידות׳טעס

דערציילט מיר אַ באַקאַנטער מיינער:

ווען איך האָב אין דער אַלטער היים חתונה געהאַט מיט מיין ווייבל, האָב איך געהאַט צרות פון מיינע עלטערן. מיין טאַטע איז געווען אַ חסיד, די מאַמע — אַ גאַנצע רעביצין, אָבער מיין ווייבל איז געווען אַן אַפּיקורס׳טע. זי האָט ניט אָפּגעהיט קיין אידישקייט, זי האָט געטראָגן די אייגענע האָר, זי האָט אַפילו נישט געוואָלט מאַכן קיין ברכה.

מיינע עלטערן האָבן דערפון געהאַט עגמת נפש, און איך אַליין האָב אויך דערפון ניט געהאַט קיין נחת, ווייל איך האָב געוואָלט לעבן בשלום מיטן רבונו של עולם.

ווען איך בין מיט מיין ווייב געקומען קיין אַמעריקע, האָט זיך אַלץ געענדערט. דאָ האָט מיין ווייב איינציגווייז אָנגעהויבן ווערן פרום, און וואָס אַמאָל, פרימער.

אָנגעהויבן האָט זיך עס דערמיט, וואָס זי האָט גענומען טראָגן פאות. אַנדערש האָט זי זיך ניט געוואָלט פאַרקעמען, נאָר מיט פאות.

שפּעטער איז זי געוואָרן נאָך פרימער. ווען זי פאָרט אויף וואַקאַציע, וויל זי ניט איינשטיין אין קיין אַנדער האָטעל, נאָר מיט אַ מקווה. דאָ רופט מען עס מעקלוימערשט „סווימינג־פול״.

דערנאָך האָט זי אָנגעהויבן פאַסטן תעניתים. זי רופט עס „דאַיעטס״. זי פאַסט ניט בלויז יום כיפור, תשעה באב און צום גדליה, נאָר אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג.

איצט האַלט זי שוין אַזוי ווייט מיט פרומקייט, אַז זי טראָגט אַ שייטל. זי האָט דרייערליי שייטלען — אַ וואָכעדיג שייטל, אַ שבת׳דיג שייטל און אַ יאָמטעוודיג שייטל. ווען עס איז איצט אין אַמעריקע אויפגעקומען שייטלען, איז זי געווען די ערשטע זיך צוצוכאַפּן דערצו.

ס׳איז שוין דערגאַנגען אַפילו דערצו, אַז זי שלאָפט ניט אַנדערש ווי אין אַ יאַרמעלקע, וואָס איז צוגעפעסטיגט צום קאָפּ. הייסן הייסט עס ביי איר, אַז זי טראָגט דאָס דערפאַר, כדי די פריזור זאָל זיך גוט האַלטן, אָבער אַ יאַרמעלקע איז עס פאָרט!

בלויז מיט איין זאַך איז זי געבליבן ביזן היינטיגן טאָג אַן אַפּיקורס׳טע: זי וויל בשום אופן ניט מאַכן קיין ברכה. אָנשטאָט אַ ברכה, הערט מען פון איר אַ קללה!

מ'האָט געוואָלט אונטערצידן דעם ים אין ענגלאַנד

אין זיין בוך „די ביג לאַי" (דער גרויסער ליגן) דערציילט דער ענגלישער אינטעלידשענס־אָפיציר דזשאַן בעיקער־וויהאַיט, אַז כדי צו ראַטעווען ענגלאַנד אין 1940 פון אַ דייטשער אינוואַזיע, האָבן די ענגלענדער אַרויסגעלאָזט אין די נייטראַלע לענדער אַ פאַלשן קלאַנג, אַז ענגלישע וויסנשאַפטלער האָבן דערפונדן אַ מיטל אונטערצוצינדן דעם ים און די דייטשן וואָס וועלן זיך דערנענטערן צו ענגלאַנד וועלן אַלע פאַרברענט ווערן אויף קויל. אָט דער שקר האָט דעמאָלט געהאָלפן ראַטעווען ענגלאַנד.

אַן ענליכע מעשה האָט מען דערציילט אין תל־אביב, אַבער אין דער פאָרם פון אַ וויץ.

מ'האָט דאָרט דערציילט, אַז באַלד נאָך דער אַנטשטייאונג פון דער אידישער מדינה זיינען אידן געקומען מיט פאַנטאַסטישע מנחם־מענדלישע פּראָיעקטן ווי אַזוי צו לעזען ישראל'ס עקאָנאָמישע פּראָבלעמען.

איין איד, איז געקומען צו פּראָפעסאָר חיים ווייצמאַן ז"ל און אים געזאָגט:

— אדוני הפּרעזידענט. איר זענט דאָך אַן ערפאַרענער דענקער, וויל איך אייך אַרויספירן אויף אַ געדאַנק וועגן אַן ערפינדונג איבער וועלכער איר וואָלט געדאַרפט אַרבעטן. אַז די ערפינדונג וואָלט אונז איינגעשפּאָרט אַ מאַסע עלעקטרישע קראַפט. די מעשה איז נעמליך אַזעלכע: ביי אונז אין ישראל עסט מען אַ מאַסע פיש, ווייל פלייש איז פאַראַן ווייניג און איז זייער טייער. פרעגט זיך אַ קשיא: צו וואָס דאַרף מען כאַפּן די פיש אין ים און דערנאָך זיי אָפּקאָכן, קען מען דאָך אונטערצינדן דעם ים, וועט מען באַלד כאַפּן געקאָכטע פיש!

פּראָפעסאָר ווייצמאַן האָט דעם איד גאַנץ העפליך אויסגעהערט און אים געזאָגט:

— הערט אויס, רב איד, אייער פּלאַן איז זייער אַ גוטער, ער האָט אָבער אַ שטיקל חסרון: ס'וועט זיין צופיל פיש־יויך!...

ווי געזאָגט, איז דאָס דערציילט געוואָרן אין תל־אביב ווי אַ וויץ. ווען אידן האָבן זיך אין מדינת ישראל דערציילט דעם וויץ, האָבן זיי ניט געוואוסט אַז אָט דער וויץ, פון וועלכן זיי האָבן אַזוי האַרציג געלאַכט, האָט געהאָלפן ראַטעווען מדינת ענגלאַנד.

דער אָריגינעלסטער זומער־האָטל אין אַמעריקע

(הומאָרעסקע)

— אויב דו ווילסט האָבן אַ גוטע וואַקאַציע, וואָס דו וועסט געדיינקען אַ גאַנץ לעבן — זאָגט צו מיר מיט עטליכע יאָר צוריק מיינער אַ באַקאַנטער, אַ פיינער שרייבער, אַ טאַלאַנטירטער הומאָריסט, אַ פריילעכער לונג און לעבער — פאָר וואַקאַציעווען אין דעם האָטעל וואו איך האָב ערשט איצט פאַרבראַכט. איך ווייס אַז דו ביזט אַ שלימאַזל, אַז אַלע קרענק קלעפּן זיך צו דיר צו, טאָ פאָלג־זשע מיך, פאָר אַהין וועסטו צוריקומען געזונט ווי אַ פערד. דו וועסט וויסן פון אַ לעבן און פייפען אויף אַלע קראַנקהייטן.

איך האָב אפילו אַ פריוויטשקע ניט צו פאָלגן קיין באַקאַנטן וואָס איז אַ שרייבער דערצו און אַ וויצלער אַלס צולאָג. אַז איך הער אָבער פון אַזאַ סענסאַציע, פּאַק איך איין דעם טשעמאָדאַן און היידאַ איך פאָר!

ווען איך בין אַריין אין אָפּיס פון האָטעל, האָט דער מענעדזשער אויף מיר געמאַכט זייער אַ סימפּאַטישן איינדרוק, ווייל ער איז געווען דאַר ווי אַ לולב.

אַ וואוילער מענעדזשער, האָב איך זיך געטראַכט. ער עסט גאָרנישט און אַלץ גיט ער אַוועק די געסט.

— איר זענט געקומען אַהער צונעמען וואָג אָדער פאַרלירן וואָג? — פרעגט מיך דער מענעדזשער.

— פאַרלירן וואָג, רעדיוסן — האָב איך געענטפערט.

— אויב אַזוי זיינט איר ביי מיר אַן אָנגעלייגטער גאַסט.

— מיט וועלכע מיטלען — פרעג איך אים — וועל איך רעדיוסן? איר וועט מיר נישט געבן קיין פעט עסען?

— נישט בלויז קיין פעט עסען נאָר קיין מאָגער עסען וועט איר ביי מיר אויך ניט קריגן. אויב איר ווילט עסען, גייט אייך אין די אַנדערע האָטעלן, וואו מען גיט די געסט צו עסען און מען מאַכט זיי אומגליקלעך.

— אַז מען גיט זיי צו עסען, מאַכט מען זיי אומגליקלעך? — פרעג איך מיך טאַמעוואַטע.

— וואָס־זשע דען, מען מאַכט זיי נישט אומגליקלעך? איר ווייס ניט דערפון, אַז פון עסען נעמען זיך אַלע צרות, אַלע קראַנקהייטן? אויב איר ווייסט ניט, קאָן איך אייך זאָגן! איך בין אַליין אַ דאָקטאָר און אַ היסטאָריקער אויך. די אידישע היסטאָריע לערנט אונז, אַז איידער אדם און חוה האָבן געגעסן אין גן עדן, זיינען

זיי געווען גליקלעכע מענטשן, און אַזוי ווי זיי האָבן געגעסן דאָס ערשטע עפּעלע, איז געווען אַ קלאַג צו זייער קאָפּ. דעריבער האָב איך געעפֿנט אַ האָטעל, וואו די געסט גייען דורך אַ פֿאַסט־קוראַציע.

— וואָס קאָסט ביי אייך אַ טאָג פֿאַסטן? — פֿרעג איך און דער מענעדזשער אינפֿאָרמירט מיך.

— צוואַנציג דאָלאַר און דרייסיג דאָלאַר. פֿאַר צוואַנציג דאָלאַר אַ טאָג וועט איר פֿאַסטן בלויז צוויי מאָלצייטן אַ טאָג און פֿאַר דרייסיג דאָלאַר וועט איר פֿאַסטן לוקסוסאָווע, דריי מאָלצייטן אַ טאָג.

עס האָט זיך דערהערט אַ קלונג. איך בין אַריין אין עס זאַל.

אויף דער וואַנט איז געהאָנגען אַ גרויסער פּלאַקאַט מיט אַזאַ אויפֿשריפֿט אין גראַמען: „דאָ מעגט איר פֿאַרגעסן — אין עסן! — דער מאָגן — האָט דאָ גאָרניט וואָס צו זאָגן! — איר וועט דאָ ניט קריגן קיין קרישקע — נידער מיט דער קישקע!״.

דער עס־זאַל איז געווען גרויסאַרטיג דעקאָרירט. אַרום די טישלעך זיינען געזעסן די געסט און פֿאַר יעדן גאַסט אַ שטויס טעלערלעך מיט לייווענטענע נעפּקינס.

— געערטע געסט מיינע — האָט זיך דערהערט די שטימע פֿון מענעדזשער — ווי איר זעט לויט׳ן מעניו, איז היינט דאָ אַ פֿיינער אַפּעטייזער: געהאַקטע לעבערלעך מיט שמאַלץ. איך וואָלט דאָס אייך גערן דערלאַנגט אָבער איך בין פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר אייער געזונט, דעריבער גיב איך עס ניט. לעבערלעך איז אַ שעדלעך מאכל. אַזאַ „דיש״ איז ערגער ווי אַ קניש!

— גיט ווייטער אַ קוק אין מעניו — זאָגט דער מענעדזשער ווייטער — טפֿו! טפֿו! פּאָטעיטאָ זופּ! פּאָטעיטאָ־זופּ, דאָס איז דאָך „פּויזען״! מ׳קריגט דערפֿון אַ מאָגן אַ לויזן!

— האַלטן מיר שוין נאָך דער זופּ. לאָמיר זשע זיך נעמען צום פֿלייש. היינט האָבן מיר אין מעניו לעמבטשאָפּס מיט דריי סאַלאַטן. נישט שלעכט, האַ? פּרעסערס וואָס איר זענט! — איך זע ווי איר שטעקט אַרויס די צונג און באַלעקט זיך. איר מעגט זיך באַלעקן ביז מאָרגן. ביי מיר וועט איר קריגן אַ פֿייג אונטער דער נאָז, ניט קיין לעמבטשאָפּס און איבערהויפּט ניט קיין שום מאכל, אפֿילו ניט קיין יאַיכל!

— עסען, מיינע ליבע געסט, דאָס איז גיפֿט פֿאַר׳ן קערפּער. פּונקט ווי דער מענטש מוז ריטאַיערן כאָטש איין וואָך אין יאָר, אַזוי מוז דער מאָגן אויך ריטאַיערן כאָטש איין וואָך אין יאָר. אַזוי לערנט אונז די מאָדערנע מעדיצין. און

דער בעסטער פּלאַץ דורכצוגיין אַזאַ קוראַציע איז מיין האָטעל. אין מיין האָטעל האָט זיך נאָך קיינער נישט פאַרדאָרבן דעם מאָגן...

— אַנטשולדיגט מיר, געערטע געסט, איין גאַסט, זע איך, האָט זיך פאַרשפּעטיגט: מיסטער גרינשטיין, איר וועט היינט קיין סאַפּער ניט באַקומען. איר זענט געקומען נאָכן צוויטן קלונג! ביי מיר מוז זיין אָרדענונג!

דערמיט האָט זיך געענדיגט מיין ערשטער מאָלצייט.

אַוועקגייענדיג פון גרויסאַרטיגן עס־זאַל, זע איך ווי אין לאָבי פון האָטעל דרייט זיך אַרום אַ איד מיט אַ באָרד און פיאות.

— וואָס טוט איר דאָ? פרעג איך אים.

— איך בין דאָ דער משגיח איבער כשרות — ענטפערט דער איד...

אַ שעה שפּעטער בין איך געשטאַנען אין מענעדזשער׳ס אָפיס מיטן טשעמאָדאַן אין האַנט.

— פאַרוואָס אַנטלויפט איר פון מיין האָטעל — פרעגט מיך דער מענעדזשער

— עס געפעלט אייך דאָ נישט?

— חס וחלילה — האָב איך געענטפערט — איך פאַרזיכער אייך, אַז פון היינט אָן וועל איך קומען צו אייך רעגולער פיר מאָל אַ יאָר: יום כיפור, תשעה באב, אסתר תענית און צום גדליה.

— און אַ גאַנץ יאָר?

— אַ גאַנץ יאָר וועל איך אייך אַהערשיקן מיין איידעם. איך האָב אים צוגעזאָגט דריי יאָר קעסט!...

אַ שטיקל סוד וועגן מיין רעדאַקציע־אַרבעט

איך בין מקנא אַ גרויסן טייל פון מיינע קאָלעגן־שרייבערס, וואָס לאָזן ניט פאַרזשאַווערן זייערע פּענעס און שרייב־מאַשינקעס, אפילו ווען זיי פּראַווען וואַקאַציע.

די דערמאָנטע שרייבערס זאָגן, אַז פּונקט ווי אַ פּיאַניסט, אַ פידלער, אַ זינגער דאַרפן יעדן טאָג פּראַקטיצירן, אפילו אויף וואַקאַציע, אַזוי טאָר אַ שרייבער ניט איבעררייסן דאָס שרייבן, אפילו ווען ער פאַרברענגט אויפן שויס פון דער נאַטור, אָדער אויף דער נאַטור פון שויס...

אויב אַ שרייבער שרייבט ניט אין דער צייט פון וואַקאַציע, זאָגן זיי, ווערט זיין קאָפּ פאַרראָסט, פאַרזשאַווערט און זיינע געדאַנקען הויבן אָן צו סקריפּן. מיין ווייניגקייט פירט זיך אינגאַנצן אַנדערש. איידער איך נעם וואַקאַציע

גרייט איך זיך אָן אַ פּאָר בלאָקלעך פּאַפּיר. נאָך אַ צוויי וואָכן ווערט מיר מיאוס דאָס פּוסטעפּאַסעווען און איך פּאָר צוריק אַהיים קיין ברוקלין מיט ליידיג ניט באַשריבענע פּאַפּיר־בלאָקלעך און נאָטיץ־ביכלעך.

איך פיר ניט אַהיים קיין איין שורה „סחורה״.

אין דער היים באַשעפטיג איך זיך ווייטער מיט דער שווערסטער מלאכה, וואָס די וועלט פאַרמאָגט: מיט ליידיג־גייערײַ. (פרעגט ביי ריטאַיערטע, וועלן זיי אייך זאָגן, אַז קיין שווערערע מלאכה איז אויף דער וועלט ניטאָ).

ווען איך האָב שוין אָפּגעפּטר׳ט דעם שווערן עול פון וואַקאַציע, נעם איך זיך צוריק צו דער עבודה.

נאָך אַזאַ איבעררייס פאַסירט געוויינלעך, אַז דער מוח ווערט פאַרפרוירן. און מיין קאָפּ איז ליידיג, פּוסט, ווי אין די טעפּ ביי אַן אַרבעטסלאָזן. די ליטעראַרישע שכינה הערט אויף צו שכינה׳ווען און דער שרייבערישער רוח הקודש טוט זיך פון מיר אָפּ. אָבער „כאַפּט עס דער רוח... הקודש!״, טרייסט איך זיך אַליין.

מיין רוח הקודש פירט זיך ווי ס׳פירט זיך אַ שלימאַזלדיגער מאַן, וואָס אַנטלויפט פון ווייב: אין אַ פּאָר וואָכן אַרום קומט ער צוריק!

אָבער וואָס טוט מען דערווייל?

דערווייל גיט מען זיך יאַקאָש אַן עצה:

איך טו אָפּ דעם רוח הקודש אויף טערקיש.

יעדעס יאָר נאָך וואַקאַציע, ווען איך זע אַז מיין רוח הקודש איז געוואָרן אַ דעזערטער, אַז ער איז אַנטלאָפן פון מיין שרייב־טיש, נעם איך זיך צו... גנבה. איך מאַך אַ ליטעראַרישן „וואָטערגעיט״. אָבער איך באַגנב׳ע ניט חלילה פרעמדע שרייבערס, נאָר איך באַ׳גנב׳ע זיך אַליין. איך ווער מיין אייגענער פּלאַגיאַטאָר, מיין אייגענער מאַרעוויכער.

איך נעם מיינעם אַן אַלטן ליטעראַרישן מלבוש און לייג אויף אים אַ נייע לאַטע. איך מאַך אין דעם בגד אַזאַ קונציגן „אָלטערעישאָן״, אַז מען דערקענט ניט אַז דאָס מלבוש איז איבערגעניצעוועט.

אויב עס געפינט זיך אָבער אַ לייענער מיט אַ גוטן זכרון, וואָס דערשמעקט אַז ס׳איז אַלטוואַרג, פאַרענטפער איך עס מיטן פּסוק אַז „אין כל חדש תחת השמש״ (ס׳איז ניטאָ קיין נייעס אונטער דער זון, אפילו די זון אַליין איז אויך ניט ניי. זי איז שוין אַלט אַ שיינע פּאָר יאָר!).

ווער שמועסט די לבנה, איז דאָך אַוודאי און אוודאי ניט ניי! מ׳האָט זי שוין צעטראָטן און צעאַקערט. מ׳איז שוין דורכגעפאָרן מיט אויטאָבילעכלעך, מ׳האָט שוין אַרויסגעריסן פון איר גאַנצע שטיקער. אפילו ווען די סאָוועטן

וועלען שוין ענדליך אַמאָל באַווייזן אַרויפצוקריכן אויף דער לבנה, וועט עס אויך ניט זיין קיין ניי קינצעניו און אמעריקע וועט זיי קענען פאַרקלאָגן פאַר פלאַגיאַט.

איצט, אַז איך האָב זיך שוין מתוודה געווען פאַר מיינע געטרייע לייענער און זיי איבערגעגעבן דעם אינטימסטן סוד פון מיין שרייב־לאַבאָראַטאָריע, איז מיר אַראָפּ אַ ליטעראַרישער שטיין פון האַרץ, ס'איז מיר גרינגער אויף דער נשמה.

איך האָב געלייגט תפילין אין רעדאַקציע פון „פאָרווערטס״

אַ געוויסן ווינטערדיקן פאַר־מיטאָג בין איך געזעסן אין מיין צימערל אין פאָרווערטס־רעדאַקציע און האָב געשריבן מיין קאָלום „אַ איד צו אידן״.

געשריבן האָב איך דעמאָלט וועגן דער ליובאַוויטשער תפילין־אַקציע. איך האָב דערציילט ווי ליובאַוויטשער ישיבה־בחורים שטעלן זיך אַוועק יעדען פרימאָרגן ביים אַראָפּגאַנג צו דער סאָבוועי־סטאַנציע, וואָס געפינט זיך ניט ווייט פון ליובאַוויטשער רבינס בית המדרש, אויף איסטערן פּאַרקוויי, אין ברוקלין. דאָרט שטעלן זיי אָפּ אידן וואָס פאָרן צו דער אַרבעט אָדער צו ביזנעס און לייגן זיי פאָר אַרויפצוכאַפּן זיך אין רבינס בית המדרש און צו לייגן תפילין.

אונטן, אין סאָבוועי, זיינען דעמאָלט די „ראָש אַוערס״ און אויבן, אין בית המדרש, זיינען די „של ראש אַוערס״...

ווען כ'האָב געהאַלטן אינמיטן שרייבן יענעם אַרטיקל איז געשען אַ מערקווירדיגע, ממש אַן אומגלויבליכע זאַך:

אין מיין רעדאַקציע צימערל האָבן זיך באַוויזן צוויי יונגעלייט מיט חסיד'ישע בערדלעך און האָבן מיר געזאָגט, אַז פון ליובאַוויטשער רבינס בית המדרש האָט מען זיי געשיקט אין רעדאַקציע פון „פאָרווערטס״, אַז זיי זאָלן פאָרלייגן די מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס״ צו לייגן תפילין.

איך בין געבליבן זיצן אַ געפּלעפטער. כ'האָב אַ ווייל נאָכגעטראַכט און זיי געזאָגט:

— איר וועט מיר גלויבן צי ניט. איך זיץ דאָ איצט און שרייב אַן אַרטיקל טאַקע וועגן ליובאַוויטשער רבינס תפילין־אַקציע און פונקט זענט איר אַריינגעקומען! ס'איז דאָך עפּעס אַן אויסטערלישע זאַך!

— אויב אַזוי — זאָגן די בחורים — איז עס דאָך טאַקע אַן „אות מן השמים״, אַ צייכן פון הימל, אַז איר דאַרפט ביי אונז לייגן תפילין. זאָל־זשע זיין אין אַ מזל'דיגער שעה!

כ׳בין געווען אַזוי איבעראַשט פון דעם איבערנאַטירליכן אינצידענט, אַז כ׳האָב אויסגעטאָן דעם לינקן אַרבל פון מיין פּידזשאַק, אַרויפגעשאַרט דעם אַרבל פון העמד, און מקיים געווען מצוות תפילין...

באַלד דערנאָך האָט איין בחור אַריינגעלייגט ס׳תפילין־זעקעלע צו זיך אין קעשענע און פון דער צווייטער קעשענע האָט ער אַרויסגעצויגן אַ פלאַש בראָנפן מיט אַ פּאַפּירן גלעזל און מיר האָבן געמאַכט אַ „לחיים״.

נאָכן „לחיים״ זאָגן די ליובאַוויטשער בחורים:

– איצט האָבן מיר צו אייך אַ בקשה: אפשר קענט איר אונז אָנווייזן אין רעדאַקציע אויף נאָך אַ פּאָר שרייבערס, וואָס וואָלטן מסכים געווען ביי אונז צו לייגן תפילין?

דערויף האָב איך זיי געענטפערט:

– הערט חברה, מילא, איך האָב אייך צוליב געטאָן און געלייגט ביי אייך תפילין, אָבער קיין „מסור״ בין איך נישט...

וואָס וואָלט געווען ווען אַ שרייבער ווערט אַ שדכן

יעדער אידישער בוכשטאַב איז, ווי באַקאַנט, גלייכצייטיג אַ ציפער.

אַ גרויסער עקספּערט אויף דעם געביט איז געווען דער באַקאַנטער אידיש־העברעאישער זשורנאַליסט און פעליעטאָניסט יוסף העפטמאַן ע״ה, וועלכער האָט פריער געשריבן אין וואַרשעווער „מאָמענט״ און שפּעטער, געווען רעדאַקטאָר פון תל אביב׳ער „הבוקר״.

יוסף העפטמאַן איז געווען דער לאַנג־יאָריגער פּרעזידענט פון תל אביב׳ער זשורנאַליסטן־פאַרבאַנד און יעדן שרייבער וועלכן מען האָט דאָרט באַנקעטעוועט, האָט העפטמאַן זייער וויציג פאַרגעשטעלט און צו אים צוגעפּאַסט אָן אַ שיעור גימטריאות און ראשי־תיבות מיט וועלכע ער האָט געוואָרפן ווי אַ זשאָנגלער (אַ דזשאָנגלער) מיט מעסערס און גלעזער.

ווען איך בין געקומען קיין ישראל האָט ער אויף מיין אויפנאַמע מיך אויך מכבד געווען מיט אַ האָגל פון גימטריאות. אין מיין ענטפער־רעדע האָב איך דאַמאָלסט געזאָגט.

ס׳איז אַ נס, וואָס העפטמאַן איז געוואָרן אַ שרייבער, ווען ער וואָלט געווען אַ שדכן, וואָלט ער מסתמא גערעדט שידוכים מיט גימטריאות.

אין אַ שיינעם טאָג וואָלט צו אים געקומען אַן אלמן, אַן אַלטער איד מיט אַ יונגן יצר הרע, און זיך געהייסן רעדן אַ שידוך מיט אַ יונגיטשקע כלה. העפטמאַן

וואָלט אים געבראַכט אַן אלמנה נאָענט צו 70 און ער וואָלט געזאָגט צום חתן בחור:

— איך האָב געמיינט אייער טובה. כ'האָב אייך געברענגט בעסער ווי איר אַליין האָט געוואָלט, איר האָט געוואָלט אַ 17־יעריגע כלה, וואָס באַטרעפט „טוב", האָב איך אייך געבראַכט אַ כלה פון 68, וואָס באַטרעפט „טוב מאוד".

ר' שמואל יוסף עגנון געווינער פון דער נאָבעל פּרעמיע

נאָכדעם ווי דער פרומער ישראל־שרייבער ר' שמואל־יוסף עגנון האָט באַקומען די פּרעמיע האָב איך צו אים טעלעפאָנירט און געבעטן אַן אינטערוויו.

זיין ווייב האָט מיר געענטפערט, אַז עגנון שטייט איצט מיטן טלית איבער'ן קאָפּ און דאַוונט און ער קען ניט מפסיק זיין, ער איז אָבער גרייט צו ענטפערן אויף מיינע פראַגן מיט פסוקים פון דאַוונען.

האָב איך מסכים געווען.

און אָט איז דער אינטערוויו:

איך: ווער האָט זיך באַמיט אַז איר זאָלט קריגן די נאָבעל־פּרעמיע?

ער: אבינו שבשמים.

איך: צו וועמען זיינען ביז איצט געגאַנגען די ליטעראַרישע נאָבעל־פּרעמיעס?

ער: ויתהלכו מגוי אל גוי.

איך: ס'רוב אידישע שרייבער זיינען דאָך נישט קיין פרומע, פאַרוואָס האָט עפּעס די פּרעמיע באַקומען גראָד אַ פרומער אידישער שרייבער?

ער: ה' אוהב צדיקים.

איך: פאַרוואָס האָט זיך שטאָקהאָלם ערשט איצט געכאַפּט, אַז איר זענט ווערט די פּרעמיע און פריער האָט מען אייך פאַרקוקט?

ער: עינים להם ולא יראו.

איך: דער פראַנצויזישער שריפטשטעלער סאַרטר האָט פאַראַיאָרן נישט געוואָלט אָננעמען די נאָבל־פּרעמיע. ווי מיינט איר, ער האָט גוט געטאָן?

ער: לעולם תקח.

איך: מ'זאָגט, אַז אויפסיאָר וועט די נאָבעל־פּרעמיע באַקומען אַן אַראַבער. איז עס אמת?

ער: גלוי וידוע.

איך: כ׳וואָלט געוואָלט האָבן אַן אינטערוויו אויך מיט אייער שותפ׳טע, מיט דער דיכטערין נעלי זאַקס. זאָל איך דאָס טאָן?

ער: אל תרבה שיחה עם האשה.

איך: מ׳זאָגט אַז אַ אידישער שרייבער פון ניו יאָרק וויל פאָרן קיין שטאָקהאָלם, אפשר וועט עס אים העלפן צו קריגן די נאָבל־פּרעמיע. ווי מיינט איר, ער וועט עפּעס אויפטאָן מיטן פאָרן?

ער: אשרי יושבי ביתך.

איך: מ׳זאָגט אַז איר זיינט אַ גרויסער מחדש־אַנטדעקער פון נייע העברעאישע ווערטער. ווען איר וואָלט איצט אין לאָנדאָן באַגלייט די ענגלישע קעניגן, ווי וואָלט איר געהייסן אויף העברעאיש?

ער: מלוה מלכה.

איך: די היינטיגע שרייבער שילדערן כמעט בלויז הפקר׳דיגע יונגעלייט און נישט אָנשטענדיגע מיידלעך. וואָס פאַר אַ יונגעלייט און מיידלעך, מיינט איר, דאַרפן זיי שילדערן?

ער: בחורים וגם בתולות.

איך: וואָס זאָגט איר צו דעם וואָס אַזוי פיל שלעכטע שרייבערס־קאַליקעס האָבן היינט פרנסה בריווח? פאַרוואָס גיט זיי דער אויבערשטער פרנסה?

ער: נותן לבהמה לחמה.

דער טומל אַרום שפּיאָנאַזש

די וועלט קאַכט צוליב שפּיאָנאַזש. מען פאַרגעסט דערביי, אַז די גאַנצע וועלט, ס׳גאַנצע לעבן איז פאַרשפּרייט מיט אַ נעץ פון שפּיאָנאַזש.

איין דעפּאַרטמענט סטאָר שפּיאָנירט דער צווייטער, כדי צו דערגיין אויף וועלכע אַרטיקלען מ׳מאַכט אַ שניט אין פּרייז און וועלכע קאָפּעלושן ס׳נידערן אַראָפּ פון העכסטן פלאָר אין נידעריגסטן בעיסמענט.

איין טעאַטער שפּיאָנירט אַ צווייטן טעאַטער, כדי זיך צו דערוויסן, וועלכע שמאַטעס מ׳וועט דאָרט אויפפירן דעם קומענדיקן סעזאָן.

אַפילו אין פאַמיליען־לעבן באַנוצט מען זיך מיט שפּיאָנאַזש. אויב מ׳האָט, לא עליכם, אַ ווייב, וואָס פירט זיך ניט אַי־אַי־אַי, דינגט מען אַ „פּראַיוועט אַי״, ער זאָל זען ווען, וואו און מיט וועמען.

שדכנים שפּיאָנירן איינער דעם צווייטן און מ׳כאַפּט זיך אויס חתנים און

כלות. ביז מ׳פירט שוין חתן־כלה צו דער חופה איז דער שדכן ניט זיכער מיט דער סחורה.

שפּיאָנאַזש ביי חזנים איז נאָך גרעסער. אויב איין חזן פאַסט צו אַ „ראָק׳נ־ראָל״ מעלאָדיע צו „לכה דודי״, כאַפּט דער צווייטער חזן אויס די זעלבע מעלאָדיע און פּאַסט זי צו צו „לכו נרננה״.

די מאַגאַזינען פון דאַמען־מאָדעס קאָכן מיט שפּיאָן און שפּיאָנקעס. אויב איין מאָדע־קעניג האַלט ביים אויסטראַכטן אַ זאַק פון פאָרנט, כאַפּט אים דער צווייטער אויס און מאַכט אַ זאַק פון הינטן. מען גענאַרט זיך אין זאַק אַריין.

פאַראַן אַפילו שרייבערס און זשורנאַליסטן שפּיאָנען, וואָס שטעקן אומעטום אַריין די נאָז און כאַפּן אויס טעמעס און אַפילו געדאַנקען.

איך בין אַמאָל געזעסן אין דער ליטעראַרישער קיבעצאַרניע מיט אַ קאָלעגע פון „פאָרווערטס״. דער רעזולטאַט פון דעם אומשולדיגן טעפּעלע קאַווע איז געווען, אַז אויפן דריטן טאָג זיינען אויף דער זעלבער פּעידזש פון „פאָרווערטס״ דערשינען צוויי אַרטיקלען מיט די זעלבע אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען. שפּעטער האָט ער מיך באַשולדיגט, אַז איך האָב אים שפּיאָנירט ביי דער קאַווע און איך האָב אים באַשולדיגט, אַז ער האָט מיך שפּיאָנירט.

פון דאַמאָלס אָן, אַז מירביידע טרעפן זיך רעדט מען צווישן זיך ניט קיין וואָרט, נאָר בלויז „גוט מאָרגן־גוט יאָר״ און „וואָס פאַר אַ וועטער איז אינדערויסן?״

ס׳איז פאַראַן אַ חשד, אַז פּוטיפר׳ס ווייב פון מצרים, וואָס האָט זיך געטשעפּעט צו יוסף הצדיק, איז גאָר געווען אַ שפּיאָנקע. זי האָט געוואָלט דערגיין די סודות צי ער איז אַ וואַזשנער מאַנספּאַרשוין...

די „יונייטעד נעישאָנס״ ווערט איבערגעבויט

ווען די יונייטעד נעישאָנס האָט זיך געעפנט אין סאַן פראַנציסקאָ אָקטאָבער 1945, האָט זי דעמאָלט געהאַט עטליכע און פערציג מיטגלידער. אין 1973 האָט זי שוין געהאַט 135 מיטגלידער און אַזוי ווערט זי כסדר פאַרגרעסערט. עס זיינען שוין איצט דאָ לענדלעך וואָס זיינען אינגאַנצן אַזוי גרויס ווי אַ טל ומטר אויף רש״י־כתב און זיי האָבן זייערע אייגענע דעלעגאַטן אין די יונייטעד נעישאָנס. עס זיינען דאָ לענדלעך וואָס האָבן מער דעלעגאַטן אין דער יונייטעד נעישאָנס וויפל זיי האָבן בירגער אין לאַנד.

יעדער וואָך קומען צו אַזעלכע פּיטשעמאָנטשיקע לענדלעך, וואָס שיקן זייערע דעלעגאַטן אין גלעזערנעם פּאַלאַץ אַריין.

אַזוי ווי אין איצטיקן גלעזערנעם פּאַלאַץ קענען אַזויפיל דעלעגאַטן נישט אַריין, איז דאָ אַ פּראָיעקט אַז מען זאָל איבערטראָגן די „יונייטעד נעישאָנס" אויף רוזוועלט רעיס־טרעקס.

אויב עס וועט קומען צו אַן אָפּשטימונג וועגן מדינת ישראל, זאָלן די פּערד אויך באַקומען שטים־רעכט צוגלייך מיט די צוויי־פיסיגע בהמות.

ס'איז דאָ נאָך אַ פאָרשלאַג, אַז מ'זאָל נישט בלויז פּערד צולאָזן צו די פאַרגרעסערטע רעיס־טרעקס, נאָר מ'זאָל אויך אַהערברייינגען די רעיס־הינט פון מיאַמי. ווען ס'וועט באַהאַנדלט ווערן די פּאַלעסטינע־פראַגע, וועלן זיי האָבן די פּריווילעגיע נישט בלויז צו לויפן, נאָר צו בילן, אויך. סיי־ווי־סיי בילן דאָך איצט די צווייפיסיגע, וועלן זיך די פירפיסיגע אויך מיטכאַפּן.

וועט מען דאָך פרעגן אין וועלכן האָטעל וועט מען די פירפיסיגע בילערס „אָקאָמאָדעיטן"? אין „וואָלדאָרף־אַסטאָריאַ" אָדער אין „פּלאַזאַ" וועט מען זיי דאָך נישט אַריינלאָזן. איז דער תירוץ: מ'וועט פאַר זיי בויען אַ ספּעציעלן וואַלד. דער וואַלד וועט הייסן „וואַלדהיים"!...

חסידים פּיקעטן דעם ישראל־קאָנסולאַט אין ניו יאָרק

טויזנטער חסידישע אידן און חסידישע בחורים האָבן פאַרנאַכט באַלאַגערט דעם ישראל קאָנסולאַט אין ניו יאָרק, דאָרט „געפּיקעטעט" און אַרויפגעשריגן צו די קאָנסולאַט־בעאַמטע „ימח שמיכם וזכריכם!".

זיי פּיקעטן קעגן פרויען־דינסט אין ישראל.

אין דער זעלבער צייט ווען די אידן זיינען געשטאַנען פאַר'ן קאָנסולאַט און „מקדש השם" געווען, האָבן זיך הונדערטער אַבלים אפשר פאַרזאַמלט אין חסידישע שולן און אין בתי מדרשים צו מנחה־צייט און געוואָלט קדיש זאָגן. אָבער זייער וואַרטן איז מסתם געווען אומזיסט. אַ מנין צוזאַמענצושלעפּן אין ניו יאָרקער שול אין אַ פּשוט'ן מאָנטאָג צו מנחה איז נישט פון די גרינגע זאַכן, אָבער צוויי הונדערט מנינים צונויפצוברענגען אויף דער גאַס פאַר'ן ישראל־קאָנסולאַט — איז אַ שפּילעכל. אַז עס האַלט ביי מקיים זיין „מצוות פּיקעט" לויפט מען פון ווי ווייט, אַבי צו גיין אין פּיקעט לאַין, מ'וויל האָבן „שכר הליכה".

ווילט זיך זאָגן צו אָט די אַלע חסידישע פּיקעטניקעס:

„צי ווייסט איר, אַז די ערפינדער פון פיקעט־לאַין זיינען נישט געווען קיין גרויסע מנחה־דאַוונערס, און צום סאַטמאַרער רבי'ן זיינען זיי אויך נישט געפאָרן; אַז זיי האָבן גיכער געהאַלטן פון אַן אַנדער רבי'ן — פון ב. פייגנבוים ?

ווען איר, ליבע חסידישע אידן מיינע, וואָלט געוואוסט ווער ס'האָט אויסגעטראַכט אָט די „הקפות'' מיט די פיקעט־לאַינס, וואָלט איר זיך נישט צוגעריירט צו די פיקעטס. ווייל פאַר אַ חסידישן אידן צו טראָגן אַזאַ עבירה, ווי פאַר אַ חסידישע מיידל צו טראָגן אַ ביקס.